

A-730

# גע זאַ מלטע ווערק

פון

# י. אָ פּ אַ ט אָ ש ו

V

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

י. אָפּאַטאָשו

# לינטשעריי

און אַנדערע דערציילונגען

KORPORATSIOON LIMUVIA TARTU.
130

Korp! Limuvia
192 a.
№ 2371.
Tartus.

ווילנע—1927

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

ווילנער פארלאג
ב. א. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

Copyright by Joseph Opatovsky New-York 1927
J. Opatoszu — „L i n c z e r a j“

Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno

# אינהאַלט־פאַרצייכעניש

זייט


לינטשעריי 7
ראָסע 42
מאַדאַם מאַרקיז 47
אין גלות 52
מיכאַל 55
דזשים וואַנג 62
פיר נעגער 67
אַ געשלעג 72
די מאַשין 76
אין קאַר 80
קאַרל מאַרקס 84
פירשט דאָלגאָרוקאָוו 90
ביים טעלעפאָן 95
אַ רב 99
נאָכן זומער 104
אין דער נאַכט פון „ניטל" 110
טויט־שטראָף 115
פלאַמען 120
אַ פאַרשנורעוועט לעבן 125
אַ דינסט־מיידל 129
אַ לעקציע 133
אַ פאַריזער מיידל 138
גליק 142
ביים רב 147

זייט


מיידלעך . . . . . . . . . . . . . . . 152
אין שאָפּ . . . . . . . . . . . . . . . 156
אונטערוועגנס . . . . . . . . . . . . . . 161
דער משומד . . . . . . . . . . . . . . 166
פּעטש . . . . . . . . . . . . . . . 171
אַ גר . . . . . . . . . . . . . . . 175
אַ פֿאַרשטערטער שבת . . . . . . . . . . . 180
פּייערדיקע צלמים . . . . . . . . . . . . 185
דער יצר־הרע . . . . . . . . . . . . . 203
דער ערשטער פּאַציענט . . . . . . . . . . 207
מיידלעך . . . . . . . . . . . . . . . 211
אין אַ פּערד־שטאַל . . . . . . . . . . . 215
חלומות . . . . . . . . . . . . . . . 220
אַ שידוך . . . . . . . . . . . . . . . 225
אַ ליציטאַציע . . . . . . . . . . . . . 231
ליבע . . . . . . . . . . . . . . . 236

# לינטשעריי.

נישט ווייט פון דאָרף בוירק, צווישן באַנוול־פעלדער, וואָס האָבן זיך געצויגן ווי ווייט ס׳אויג האָט געקענט כאַפּן, און אַ געדיכטן סאָסנאָוון וואַלד, דורכגעוויאָרפן מיט סיפּרעס־ביימער, איז געשטאַנען אן אַלטע, שוואַרצע געביידע, געבויט פון קיילעכדיקע קלעצער. די קלע־צער זענען געווען צעשפּאָלטן פון אַלטקייט, פאַרשמירט מיט ליים און בהמה־מיסט, און ווען נישט די פּאָר היגער, וואָס האָבן זיך געבאָדן אין הייסן זאַמד, וואָלט מען געקענט מיינען, אַז ס׳איז אַ חורבה, אַז דאָ וואוינט קיינער נישט. צום וואַלד צו, אויף אַ בערגל האָט זיך געגרונט אַ נאקעטער דעמב אָן צווייגן, אָן קאָרע, וואו אַן אָדלער איז געווען אויסגעברענט. דער דעמב איז געווען אַרומגערינגלט מיט שטיינער — אַ זכר אַז דאָ האָבן אַמאָל אינדיאַנער תּפילה געטון.

אַמאָל, גאָר אַמאָל האָט גענעראַל בוירק אויסגעשאָסן אין נאָמען פון גאָט און פון ענגלישן קעניג כּמעט אַ העלפט פון פרידלעכן שבט טשעראַקי און די איבערגעבליבענע האָט ער אין אַ משך פון יאָרן געהאַלטן אין איין טרייבן, ביז זיי האָבן ביסלעכווייז פאַרלאָזט דעם געגנט און אַריבער קיין פלאָרידאַ. דערפאַר האָט אים דער קעניג דערלויבט צו האַנדלען מיט שקלאַפן און אים געשאָנקען אַ שטיק לאַנד. דעם גאַנצן געגנט וואָס מען רופט „בלורידזש”. גענעראַל בוירק האָט דאָס אויפגעשטעלט די געביידע פון קלעצער, אַראָפּגעבראַכט אַהער צענדליקער משפחות נעגערס צו באַארבעטן די ערשטע באַנוול־פעלדער. דאָס איז נאָך געווען אין יענע צייטן ווען ס׳האָט זיך נאָר געפאָדערט צו זיין בייטאָג אַ ווייסער און ביינאַכט, אויב אַ ווייסער האָט נישט אַרויסגעטריבן דעם נעגער און פאַרנומען זיין בעט, האָט מען פון אים גע־לאַכט אין די פויסטן.

נאָך דעם בירגער־קריג זענען זיך כמעט אַלע נעגערס צעלאָפן, זיך באַזעצט אין ווייטע שטעט און דערפער, וואו מען קען זיי נישט. צווישן די, וואָס זענען געבליבן, איז געווען דזשים מיט זיינע קינדער.

די בוירקס זענען זיך בּיסלעכווייז צעפאָרן, אויסגעשטאָרבן, און ס׳גאַנצע פאַרמעגן איז איבערגעגאַנגען צו אַ ווייטער קרובה אין ענגלאַנד, און, ווען נישט דער נאָמען פון דאָרף, וואָלט קיינער נישט געוואוסט, אז ס׳איז אַמאָל געווען אַ גענעראַל בוירק. די באַנוול־פעלדער האָבן רייכע פאַרמערס גענומען אין אַרענדע, און דזשים איז געוואָרן אַ „פּאַרמאַן", געדונגען אין די אַרומיקע דערפער נעגערס צו דער אַרבעט.

אויף דער שוועל אין שאָטן איז געזעסן אַן אַלטער נעגער. די בארוועסע פיס אנגעשטעלט ווי קראָקוועס, די צו לאַנגע הענט אַרומגעפלאָכטן אַרום די פיס, און די שווערע דלאָניעס מיט צעשפּרייטע פינגער, ווי זיי וואָלטן זיך נישט געקענט פאַרמאַכן, האָבן, דאַכט זיך, אַנגעריירט די ערד. ער האָט געדרימלט מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן־לעפלעך. זיין קורצע פלאַטשיקע נאָז מיט די צעעפנטע נאָז־לעכער, די קרייזלעך אויפן קאָפּ, וואס זענען געקראָכן ביז צו די ברעמען, די נאַקעטע הענט מיט די פלייצעס ווי מיט אַ גרויער, אויסגעקראָכענער פעל אַרומגענומען — אַלץ האָט דערמאָנט אַן אַלטן אוראנג־אוטאנג.

פליגן, גרויס ווי די בינען, מיט גאָלדענע בייכער, זענען געשטאַנען אויף זיינע האָריקע הענט, אויפן באַוואקסענעם שטערן, אַרום דער נאָז. זיי האָבן געשפּינען מיט די הינטערשטע און פאָדערשטע פיסלעך, געפלויגן הין און צוריק און געזשומעט. עס האָט אים כמעט ווי נישט געאַרט. ער האָט געחלומט פון יענע צייטן, ווען אויף די פעלדער איז אַלץ געראָטן, מען האָט נישט געדאַרפט אויפהענגען אויף די פלויטן שלאַנגען, עס זאָל רעגענען. דער נעגער האָט נישט געזאָרגט, געהאַט צו עסן ביז איבערן האַלז — איז מען טאַקע געווען פריילעך, געוואוסט, אַז דער ווייסער זאָרגט פאַר דיר און, אַז מען האָט זיך פאַנאַנ־דערגעשפּילט אויף דער „באַנדזשו", איז זיך דער עולם פון מיילן

ווייט צונויפגעקומען אין מיטן פעלד צום טאַנץ. זייט אָבער דעם בירגער קריג איז געוואָרן אַן איבערקערעניש. אַלץ ווערט טייערער און טייערער, דער מענטש קען שוין באַלד נישט לעבן. דאָס יונגיוואַרג איז ווילד, בריקעט, האָט מער נישט מורא פאַר גאָט און פאַרן ווייסן, וויל מער נישט גיין אין שפּאַן, פּוילט זיך... אַמאָל האָט דער ווייסער געהאַט אַ בייטש, האָט מען דערפאַר נישט געוואוסט פון קיין „לינטשן"... די מלחמה איז פאַרן נעגער געווען אַן אמתע קללה, זי האָט אָפּגעשניטן די הענט — ווי דער גלח הארפער האָט אים אַמאָל געזאָגט — און געהייסן זיי גיין אַרבעטן אָן דער הילף פון קאָפּ.

אין זיין טעמפּן מח האָט זיך צום טויזנטסטן מאָל איבערגעחזרט די מעשה, ווי גאָט האָט אין אָנהייב באַשאַפן אַ נעגער מיט אַ ווייסן און אַוועקגעשטעלט פאַר זיי צוויי פּעקלעך, אַ גרויס און אַ קליינס. דעם ערשטן האָט גאָט צוגערופן דעם נעגער און אים געהייסן ער זאָל זיך אויסקלייבן אַ פּעקל. דער נעגער מיט די גרויסע, גייציקע אויגן האָט אויסגעקליבן דאָס גרויסע. דער ווייסער האָט געפונען אין ווייסן פּעקל אַ פּלעשל טינט מיט אַ פּעדער, דער נעגער — אַן אַקער־אייזן מיט אַ בראָנע פון דעמאָלט אָן באַאַרבעט דער נעגער די פעלדער, און דער ווייסער פירט די ביכער.

פון מאָל צו מאָל האָט ער אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, צע־עפנט ס'מויל, אַ שטשירע געטאָן מיט די אָפּגעגעסענע פון אַלטקייט ציין, ווי ער וואָלט מיט זיי געוואָלט אָפּיאָגן אַ פליג, און צוריק איינ־געדרימלט.

דער אַלטער נעגער איז געווען דזשים.

פון וואַלד האָט זיך געטראָגן אַ שווערער ריח פון גומי, פון טערפּענטין, זיך אויסגעמישט מיטן ריח פון צעבליטע באַנוול־פעלדער, וואָס איז געהאָנגען פאַר די אויגן ווי שטיקער פּאַרע, וואָס קנוילן זיך פון אַ טייך. די ריחות האָבן דעם נעגער באַרוישט, שווערער געמאַכט די אָפּגעראַבעטע גלידער. ער האָט געעפנט ס'מויל, פאַרמאַכט דאָס לינקע אויג, און מיטן רעכטן געקוקט, ווי די זון פאַרגייט. איינ־זילביקע טענער פון פייגל און חיות האָבן נאָך בולטער געמאַכט די שטילקייט, זי געטראָגן און אָפּגעקלונגען איבער די ברייטע פעלדער ווי מעשהלעך, איינגעשלעפערט אַלץ אַרום. די זון איז פאַרגאַנגען.

ער איז געבליבן זיצן מיטן אָפענעם מויל. נאָך אלץ געקוקט מיטן רעכטן אויג אויף דעם אָרט, וואו די זון איז פארגאנגען. און דער צער פון נישט ווערן האָט געמאכט זיין פנים טעמפ און אומבאהאָלפן.

עס האט אָנגעהויבן טונקל צו ווערן.

אין דער אָפענער טיר, וואס איז געווען באלויכטן מיט אַ מאַטן שיין פון א לאָמפ, איז געזעסן דזשימס עלטסטע מאָכטער אַ מיטל-יעריקע נעגערטע, איינגעוויגט מיט איין האנט אַ קינד און מיט דער צווייטער האט זי אַרויסגעגעסן פון אַ בלויער שיסל קאלטע קוק רוזע. דאס קינד האט נישט געוואלט שלאפן, זיך געריסן, האט זי אַוועקגעשטעלט אויף דער ציגעלנער פאדלאגע די שיסל, זיך אריבערגעבויגן איבערן וויגל און מיט א דינער, קלינגענדיקער שטימע, ווי פון אַ יונג מיידל, איז זי זיך שטיל און טרויעריק פארגאנגען.

Go 'long to sleep
My little baby.
Mamma gone to town,
Papa running roun',
Left nobody with the baby! *

אַ נעגערל פון אַ יאָר אַכט, וואָס איז געלעגן אויסגעצויגן אין מיטן דער פאָדלאָגע אויפן בויך, געבלעטערט אַ ביבל מיט בילדער, האט געלאָזט ליגן דאס בוך, זיך צוגעשאַרט אויף אַלע פיר צו דער שיסל און מיט די פינגער זיך גענומען פאַקן די קוקורוזע אין מויל אַריין.

אַ געלע קאַץ, וואָס איז געשלאפן צופוסנס דעם קינד, האָט זיך אויסגעצויגן און פלוצלינג אַריבערגעשפרונגען דער נעגערטע איבערן קאָפ. זי האָט זיך איבערגעשראָקן, אויסגעשפיגן און נאָכגעשיקט דער

---

* ליג דיך-ליולינקע
מיין פיצל קינד.
מאמע איז אין מארק אַוועק.
טאטע וואלגערט זיך אין שענק —
קיינער מיט'ן קינד נישטאָ.

קאַץ אַ קללה. זי האָט באַמערקט, ווי איר יינגל שלינגט די קוקורוזע, האָט זי אויפגעהערט וויגן ס׳קינד און זיך צושריגן, שלינגענדיק די ווערטער מיט אַ צוצויגענעם נגון:

— פרעד, שטעל שוין אַוועק די שיסל! האָסט נישט געהאַט דיין פּאַרציע, פרעסער דו? היט זיך פרעד כ׳זאָל זיך נישט צוכאַפּן צו דיר! דייזי און דיינאַ האָבן געדאַרפט אַוועקשטאַרבן, אַלע גוטע קינדער שטאַרבן, און אַזאַ שלאַק האָט צוויי מאָל געפּאַקט און דאָס לעבט! וואָס שטשירעסטו מיט די ציין? גיי בעסער און באַגיס די בלומען!

דאָס נעגערל האָט געשמייכלט פון איין אויער צום צווייטן זיך באַלעקט מיטן רויטן צינגל, גענומען אַ קרוג מיט וואַסער און באַגאָסן די בלוטיקע געראַניום בלומען, וואָס זענען געווען צושטעלט איבער אַלע פענסטער אין ערדענע טעפּ, אין הילצערנע קעסטלעך. ער האָט אַוועקגעשטעלט דעם קרוג, געבליבן שטיין אין מיטן שטוב, געקוקט אַ ווײַלע אויף דעם רויטן אַפּיש פון אַ צירק, וואָס האָט געהאָנגען אויף דער וואַנט. געריסן די אייגן און נישט געוואוסט וואָס צו טון מיט זיך. ער האָט זיך אַרויסגעשארט פון שטוב די מוטער זאָל נישט באַמערקן און זיך געזעצט לעבן זיידן אויפן טרעפּל.

די קאַץ איז אויסגעוואַקסן, גענומען דרייען מיטן עק, זיך רייבן אַרום דזשימס באָרוועסע פיס, וואורטשען. פרעד האָט געכאַפּט אַ פליג נאָך אַ פליג און זיי אונטערגעטראָגן דער קאַץ. די קאַץ האָט פאַריסן ס׳קעפל, זיך געקרעקט און זיי געשלונגען לעבעדיקערהייט. אַ צופרידענע האָט זי זיך באַלעקט, זיך אַרומגעוואשן מיט דער צונג, מיט דער לאַפּקע און זיך אויסגעצויגן לעבן דזשים׳ס פיס.

— פרעד — האָט דער זיידע זיך זיבערגעצויגן און געשמייכלט צום אייניקל — ווייסטו פאַרוואָס אַ קאַץ וואשט זיך אר׳ם נאָכן עסן? כ׳רעד דאָך צו דיר, וואָס כאַפּסטו פליגן?

— כ׳הער, זיידע!

— „ווען אַ קאַץ האָט ס׳ערשטע מאָל געכאַפּט אַ מויז, האָט די מויז אזוי געזאָגט: מיך אַרט נישט וואס דו גייסט מיך אויפעסן, ביזט שטאַרקער, האָסטו מיך געכאַפּט — עס! אָבער דאַרפסט מיך נישט באַליידיקן! ביי לייטן פירט זיך, איידער מען גייט עסן, וואַשט

מען אָפּ די הענט, ס׳פּנים און דו — גאָר נישט! געכאַפּט און גייסט גלייך עסן מיט דיינע שמוציקע הענט! „ביזט געדעכט — האָט די קאַך געזאָגט — וואַרט דאָ צו ביז כ׳וועל זיך איינוואַשן". און אַז די קאַך האָט זיך אַרומגעוואַשן איז שוין די מויז נישט געווען. פון יענעם טאָג אָן טרויעט זי קיינעם נישט, עסט זיך פריער אָן און דערנאָך וואַשט זי זיך אַרום, כי, כי, כי, אַ פאַלש באַשעפעניש אַ קאַץ! הער זיך איין, פרעד, האָסט געגעבן די קראָליקעס עסן? — האָט דער זיידע פאַרענדיקט מיטן זעלבן ניגון.

— יאָ, זיידע.

— טאָ גיי טאַקע שלאָפן!

— בוקערט איז דאָך נאָך נישט געקומען פון דער אַרבעט?

— ער אַרבעט געוויס „אָווער-טיים".

די אַנגעגליטע ערד האָט זיך געקילט, אַנגעפילט די לופט מיט אַ וואַרעמקייט, וואָס האָט געטרוקנט אין האַלז, געקלעפּט די אויגן. אויפן זאַמדיקן וועג האָבן זיך באַוויזן עטלעכע שאָטנס, געשפּרונגען איינער אין צווייטן אַריין. באַלד צעשווומען און זיך צוריק באַוויזן.

— מען קומט, דאַכט זיך, פון פעלד, האַ? — האָט דער אַלטער אַנגעשטעלט אַן אויער — זאָל דאָס זיין בוקערט?

— זיידע, דאָס איז נישט בוקערט — האָט פרעד אָנגעכאַפּט דעם זיידן פאַר דער האַנט — דאָס קומט אָן דער שעריף מיט נאָך עטלעכע מענטשן.

— ווער, דער שעריף? — האָט דער אַלטער זיך אויפגעשטעלט מיט אַ קרעכץ, הכנעהדיק געוואַרט ער זאָל אונטערקומען און גענומען רופן די טאָכטער — קיטטי, קיטטי, וואָס זאָגסטו, וואָס דער שעריף קומט צו אונז אַזוי שפּעט, האַ?

אָן איבערגעשראָקענע איז קיטטי געשטאַנען מיט דער שיסל אין ביידע הענט. זי האָט זיך געדרייט, נישט געוואוסט וואָס צו טון מיט זיך, נישט געוואוסט ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון דער שיסל, מיט אַמאָל זי אַ האַסטיקן שטעל אַוועק געטאָן אויף דער פּאָדלאָגע און איז אַרויס.

פאַר דער שטוב איז געשטאַנען דער שעריף, נישט קיין הויכער יונגערמאַן, דאַר און בויגיק, ווי ער וואָלט געווען געמאַכט פון שטאַלענעם

דראַט. די שטיוול מיט די געפּאַסטע כאַלעוועס זענען געווען ווייס פון שטויב און אויפן אָרעם האָט ער געטראָגן אַ ביקס. מיט אים זענען עשטאַנען דריי מיטליעריקע פאַרמערס.

— גוד איווינינג, דזשים! — האָט דער שעריף אים וואָוילעריש באַגריסט.

— גוד איווינינג, קעפּטען! — האָט דזשים זיך פאַרנייגט און געוויזן אויף דער אָפענער טיר — אַנגעלייגטע געסט!

— הער זיך איין דזשים — איז דער שעריף צוגעגאַנגען נענטער — מיר זענען געקומען וועגן „ביזנעס”... די זאַך איז די, אויב דו ווילסט נישט ס׳דאַרף זאָל „לינטשן” בוקערטן, טאָ גיב אים אַיינ גלייך אַרויס, פאַרליר קיין צייט נישט! ס׳גאַנצע דאָרף קאָן יעדע מינוט אָנקומען, הערסט?

די נעגערטע האָט זיך געצלמט און געציטערט. נאָך מיידלווייז ווען זי האָט געוואַשן ביי אַ פאַרמער וועש, וואו אַ זילבערנער לעפל איז פאַרלוירן געגאַנגען, האָט דער פאַרמער מיטן ווייב אויף איר אזוי געשריגן, געסטראַשעט צו שמייסן, אויב זי וועט זיך נישט מודה זיין, אַז פון גרויס שרעק איז ביי איר ס׳לשון אָפּגענומען געוואָרן. פון דעמאָלט אָן האָט זי זיך געשראָקן פאַר יעדן ווייסן. איצט, אויס־הערנדיק דעם שעריף האָט זי זיך אינגאַנצן געוואָרפן, פון צופיל שרעק געקריגן קיראַוש און זיך פאַרגאַנגען מיט אַ ניגון:

—טייערער, וואָס רעדט איר? וואָס האָט מיין בוקערט געטון? אזאַ שטילער, ער טשעפּעט קיין פליג נישט, מיין אָרעמער „באָי”.

— בוקערט האָט אַ שעה צוריק פאַרשלעפּט מעקלורס טאָכטער... מען האָט זי קוים אָפּגעמינטערט... מעקלור לויפט אַרום מיט אַ געלאָ־דענער ביקס, ווי אַ משוגענער, רופט יונג און אַלט מען זאָל אים העלפן נעמען דאָס געזעץ אין די אייגענע הענט. איר ווייסט וואָס דאָס הייסט?

די מוטער מיטן זיידן האָבן געוואוסט וואָס דאָס הייסט, געוואוסט, אַז דער רויקער בוקערט האָט נקמה גענומען פאַר זיין שוועסטער, די פערצן־יעריקע רעגינע, וואָס מעקלור האָט פאַרפירט. פאַרלוירענע האָבן זיי זיך איבערגעקוקט, געוויגט מיט די קעפּ און געשוויגן.

— וואָס שווייגסטו, דזשים? — איז דער שעריף צוגעשטאַנען

— זאָג מיר וואו ער איז, כ׳גיב דיר מײַן ערן-וואָרט, אַז נאָך הײַנט פֿיר איך אים אַוועק נאָך אַטלאַנטאַ, ער זאָל קריגן גערעכטיקייט, אַז ניט וועלן זיי אים „לינטשן״!

— בוקערט איז נאָך נישט געקומען פון דער אַרבעט — האָט דער אַלטער געענטפערט, און געמאַכט אַ מינע ווי ער וואָלט איבער-געלעבט פיזישע יסורים — דו קענסט מיך אַז כ׳זאָג נישט קיין ליגן.

— וואָס דען, אמת זאָגסטו? — האָט זיך אַ פאַרמער אָנגערופן

— אַפילו דאַמאָלס ווען סוועט זיך הערן דאָס לעצטע בלאָזן פון שופר, וועט אַ נעגער זאָגן „אמן״ נאָך דעם גלחס דרשה און בשעת מעשה מאַכן „קליאָק, קליאָק״ צו זיין שכנס הינער! מיר קענען אייך!

די נעגערטע איז געפאַלן דעם שעריף צו די פיס און זיך צע-וויינט שפּיציק, ווי אַ הונט וואלט געוואָיעט:

— וואס וויל מען פון אונז, אומגליקלעכע?... מעקלור האָט פארפירט מיין איינציקע טאָכטער, נאָך אַ קינד, אַ פערצן-יעריק קינד און גייט ארום פראנק און פריי... און מיין בוקערט אַזאַ שטילער...

— וואָס וועט העלפן אייער געוויין — האָט דער שעריף זיך אַרויסגעדרייט פון אירע הענט — געדענקט, גיט אים בעסער איבער אין מיינע הענט, אויב איר ווילט נישט דער המון זאל אים לינטשן!

דזשים האָט אַרויסגעבראַכט די ביבל און זי געוויזן דעם שעריף:

— איר גלויבט מיר נישט, איר גלויבט נישט קיין נעגער, גוט! אַ נעגער איז נישט באַגלויבט, אַ מאַן איז נישט באַגלויבט, און אפילו א וואלקן אויך נישט! אַ וואָלקן זאָגט פיל מאָל צו אַז סוועט זיין א רעגן און סרעגנט נישט! איז דזשים גערעכט?

— גערעכט!

— אָבער די ביבל — האָט דזשים עס אונטערגעטראָגן דעם שעריף — די ביבל איז באַגלויבט, דער ביבעל גלויבט יעדער, ווייל דאס געדרוקטע וואָרט איז אמת — שווער איך דיר, דו קענסט דאָך דזשימען, ווען דו ביזט נאָך אַזאַ קליינער געווען האב איך דיך אויף די הענט אַרומגעטראָגן, אמת?

— אמת!

— שווער איך דיר ביי דער ביבל, אז בוקערט איז נאָך הײַנט

נישט אַהיימגעקומען, ווי איך בין אַ קריסט! גלויבסט מיר? אויב נישט זענען די טירן אָפן, גיי און זוך!

— כ׳גלויב דיר, כ׳גלויב דיר, דזשים — האָט דער שעריף זיך בעסער אָנגעטון די ביקס אויפן אָרעם — דער עיקר מען דאַרף קריגן בוקערטן, אויב איר וועט האָבן אַ שפור, וואו ער געפינט זיך לאָזט מיר גלייך וויסן, איר הערט? גוד-באי!

— א גוטע נאכט!

— האב רחמנות אויף מיין „באָי", אויף מיין ארעמען בוקערט!

— האָט די מוטער זיך א בויג געטון צום שעריף.

דער שעריף האָט ווילעריש אַ מאַך געטון מיט דער האנט צו די פאַרמערס און אַלע פיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין. ביס-לעכווייז זענען זייערע טריט פאַרזונקען אין ווייכן זאַמד. פון מאָל צו מאָל האָבן זיך אַ שאַר געטון איבערן וועג עטלעכע שאטנס, זיך צו-נויפגעגאָסן מיט דיביימער, מיט די בלעטער און די שטילקייט האָט געשראקן.

— זיי וועלן אים לינטשן — האָט די מוטער געכליפעט — מיין ארעמער „באָי", פארוואָס קומט עס אונז? פאַרוואס? כ׳האָב זיך אבער ביי אים געבעטן ער זאָל פאַרשווייגן! כאטש אין אמתן האט די ווייסע בעסטיע אומגליקלעך געמאַכט אונזער רעגינען, מעקלורן מיין איך... גאָט זאָל אים באצאָלן...

— דיין וויינען, טאכטער, וועט דיר גאָרנישט העלפן — האָט דזשים זיך אָנגערופן — איצט דארף מען זיך זען מיט בוקערטן און אים הייסן אפציען, ווען כ׳בין נישט אזוי אַלט וואָלט איך געגאַנגען. נישט גוט צו זיין אַלט, נישט גוט, די ביינער קנאַקן ווי דורכגעגע-סענע רייפן ארום אַ פוקן פאַס, כי, כי, כי...

— קום זונדל — האָט די מוטער אָנגעכאַפט פרעדן פאַר אַ האַנט און אין גאַנצן געציטערט — קום, לאָמיר גיין ראטעווען בוקערטן!

— לאָז אייך גאָט העלפן — איז דער זיידע אַראָפגעגאַנגען פון די טרעפלעך, נאָכגעקוקט דער טאָכטער מיטן איניקל ביז זיי זענען פאַרשוואונדן און זיך קיין ארט נישט געקענט געפינען.

ער האט אויסגעמיטן צו קוקן צום וואלד צו, וו די פינסטערניש,

ווי אַ טיפער אָפּגרונט האט אַלץ איינגעשלונגען. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צום אויסגעשטערנטן הימל, זיכער געווען אַז עמיצער קוקט פון דאָרט אַרונטער, זעט, אַז אַ גרויסע עולה ווערט באַגאַנגען נעבן זיין הויז.

ער האָט זיך צוריק געזעצט אויף דער שוועל, געטראַכט אַז די הינער שלאָפן שוין לאַנג און אים ציט נישט היינט צום בעט.

פון וואַלד, פון די פעלדער זענען אָנגעקומען שאָטנס, זיך געייגט איבערן זאַמדיקן וועג. די לבנה האָט געוואָרפן שטיקער ליכט און די אָפּגעהאַקטעביימער האבן אויסגעזען פון דערווייטנס, ווי מענטשן און חיות.

דער אַלטער ניגער האָט צוריק אויפגעשטעלט די פיס ווי קראָקוועס, זיי אַרומגעגאַרטלט מיט די הענט און געקוקט פאַר זיך. ער האָט געזען ווי שטערן פאַלן אין געדיכטן וואַלד, צווישן פעלדער און אין זיין אַלטן מח האט זיך עפּעס אַ צינד געטון. ער האָט זיך דערמאַנט, ווי אין חלום, ווי מען האט ביי אים יונגערהייט צוגענומען ברידער און שוועסטער, ווי מען האָט זיין פאָטער געשמיסן. די בייטש איז געפלויגן איבערן לייב מיט אַ פייף, זיך איינגעגעסן אין בלוט און אַן איינגעבוירענע שרעק, וואָס מעגלעך זיינע אורעלטערן האָבן איבערגעלעבט אין די אַפריקאַנער וועלדער, ווען זיי זענען געקראָכן אויף אַלע פיר, זיך אויסבאַהאַלטן נישט צעריסן צו ווערן פון אַ ווילדער חיה — דיזעלבע שרעק האָט זיך גענומען וועקן אין אים, די שרעק מען זאָל זיין בוקערטן נישט אויפהענגען. ער האט אָנגעהויבן צו ציטערן, געזען ווי חיות און פייגל קומען אָן פון וואַלד, פון די פעלדער, שאַרן זיך איבערן זאַמדיקן וועג, רוקן זיך צו אים נענטער אין די אויערן קלינגט, ווי דאָס זשומען פון יב־שקעטעלעך... די קולות הערן העכער, העכער... באַלד וועלן זיי אים אַרומרינגלען צערייסן אויף שטיקער...

ער האָט זיך אַריס געטון. געפילט אַ קאַלטן און שטעכיקן שוידער איבער אַלע גלידער, ווי איינער וואס קוקט דעם טויט אין די אויגן און איז גיך אריין אין שטוב.

ס'קינד האט געוויינט. ער האט צוגעהאַקט די טיר, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט באַהאַלטן פאַר עמעצן און עס גענומען איינוויגן.

ס׳קינד האט געריסן צום זיידן די הענטלעך. ער האט עס פארזיכטיק אַרויסגענומען, צוגעטוליעט צו זיך. ס׳איז אנשווינן געוואָרן. דזשים האט געשפרייזט איבערן צימער, געקוקט דעם אייניקל אין די אויגן און אונטערגעברומט מיט אַ טרויעריקן קלויסטער-ניגון:

God delibered Daniel from the lions' den.
Jonah from the belly of the whale,
An'the Hebrew Children from the Fiery Furnace,
An'why not every man?
My Lord delibered Daniel,
My Lord deilbered Daniel,
My Lord delibered Daniel,
Why can't He deliber me?

---

ארום מעקפעטריקס סאלאָן און ליווי׳ס אייזן-געשעפט האט זיך געטומלט. כמעט דאס גאנצע דאָרף איז דאָרט געווען פאַרזאַמלט. מען איז געגאנגען פון סאלאָן אין אייזנגעשעפט אריין, איינגעקויפט קוילן, שרויט, אויסגעטוישט אלטע ביקסן אויף נייע, געזאָגט מבינות. דאָס יונגוואָרג אין גרויע פלאַנעלענע העמדלעך מיט איבערגעלייגטע קעלנער, רויטע דרייעקיקע טיכלעך ארום די העלדזער, ווי „קאו-באָיס", ארומגעגאַרטלט מיט שטריק, וואס מען פארוואָרפט אויף ווילדע פערד, זענען געשטאנען אין קופּקעס, זיך געהאלטן אין איין וועטן און ס׳האט אויסגעזען דער עולם קלויבט זיך אויף געיעג.

אַ יונג האט געהאלטן אויף אַ קייט אַ האריקן יאגד-הונט, גרויס ווי אַ וואָלף, וואס איז נישט איינגעשטאַנען אויף אַן אָרט, זיך געדרייט,

---

גאט האט אויסגעלייזט דניאלן פון לייבן-גרוב
יונהן פון דעם וואלפיש-בויך
און די צדיקים פון דעם קאלך-אויוון —
און פאר וואָס זאָל ער דען אונז נישט אויסלייזן?
מיין גאָט האָט אויסגעלייזט דניאלן,
פארוואָס זאָל ער מיך נישט אויסלייזן?

מיטגעשלעפּט זיין בעל-הבית און דער אַרומיקער עולם האָט זיך אַלץ מער אָפּגערוקט.

— מיין עצה איז — האָט דער יונג געהאַלטן דעם קאָפּ צום עולם און אין גאַנצן האָט ער זיך טריטווייז נאָכגעשלעפּט נאָכן הונט — מיין עצה איז, מען זאָל גלייך אַרויסשיקן אַ פּאַרטיע אויף יענער זייט וואַלד. אין פאַל, ער וועט אַרויס, זאָלן זיי אים פאַרשטעלן דעם וועג!

— ער וועט נישט אַרויס פון וואַלד — האָט זיך אַ צווייטער אָנגערופן.

— ביזט אַזוי זיכער?

— געוויס בין איך זיכער! מיר האָבן געלאָזט וויסן אַלע פּאַרמערס, וואָס וואוינען אַרום און אַרום. זיי וועלן האַלטן אויג.

— ער וועט זיך שוין פון אונזערע הענט נישט אַרויסדרייען!

— האָט אַ יונג בחורל מיט אַן אַלטער ביקס, וואָס ער האָט קוים געשלעפּט אויף די פּלייצעס, זיך וואוילערייש אָנגערופן צו אַ מיידל.

— וואָס זאָגט איר צו דזשאַנען מיט זיין האַרמאַט? — האָט זיך איינער געוויצלט אויפ'ן בחורלס חשבון, אַז ס'מיידל זאָל הערן.

— הא, דזשאַן? כ'וועט ער איז אַ יונג, אַ ריזיקאַנט!

— מעגסט עס נאָכאַמאָל זאָגן — האָט ס'בחורל זיך פאַרלוירן פאַרן מיידל און זיך שטייפער אויסגעשטעלט.

— הויבט נישט אָן מיט דזשאַנען, ער האָט אַ מאַשין!

— ווער הויבט מיט אים אָן? כ'זאָג נאָר, אַז דער נעגער קען אַזאַ פּאַרשוין, ווי דזשאַן, צוזאַמענלייגן און פאַרשטעקן ערגעץ אין אַ דייטיקער קעשענע.

דער עולם האָט געלאַכט.

— ווו רעכנט איר באַהאַלט ער זיך, דער נעגער? — איז איינער אונטערגעקומען.

— ער זיצט געוויס אין די זומפּן!

— נאָ, סער!

— ביזט אַזוי זיכער אַז נישט?

— און דו ביזט זיכער אַז יאָ?

— כ'האָב מורא, אַז מיר וועלן מוזן אַרומרינגלען דעם וואַלד!

— טאָ אויף וואס וואַרטן מיר?

— טאַקע, אויף וואָס וואַרטן מיר?

— אויפן שעריף!

— זע, פרענק —· האָט אַ מיידל זיך אָנגערופן — ברענגט אים אַ לעבעדיקן!

— און אַז מיר וועלן אים ברענגען אַ טויטן?

— אַלץ איינס! אַ נעגער האט סיי-ווי-סיי קיין נשמה נישט!

— נעמט מיך מיט — איז אונטערגעקוועטשן אַ מיידל אין אַ ווייסער לויזער בלוזע, די האָר פאַרבונדן מיט אַ טיכל, ווי זי וואלט גרייט געווען זיך צו זעצן אויף אַ פערד.

— לאָז טאַקע מעטאַ מיטפאָרן!

— בעסער אַז נישט — האָט זיך איר ברודער אַריינגעמישט — איר ווייסט דאָך, באָיס, אַז אַ ליידי פאָרט מיט, קאָן מען נישט זיין פריי, בין איך נישט גערעכט?

— גערעכט!

— גערעכט!

מעקלור, דעם קרבנס פאָטער, אַ נידעריקער פאַרמער מיט צו ברייטע פלייצעס, אַ רויטער קאַרק מיט באקן, וואס דערמאָנען אין פּאַפּלעקציע, איז געגאַנגען פון איין קיפּקע צו דער צווייטער, געטראָגן אַן אָנגעלאָדענע „ווינטשעסטער” אויפן רעכטן אָרעם, געשלעפּט יעדעס מאָל אַ צווייטן אין סאַלאָן און זיך נישט אויפגעהערט צו קלאַפּן אין האַרץ אַריין:

— מיין אָרעמע קעררי... מיין אָרעם קינד... אָה, ווען איך קריג די בעסטיע אין מיינע הענט אריין! זעט, באָיס, מיר זאָלן אים נאָך היינט כאַפּן, כ׳וויל גערעכטיקייט פאַר מיין מיידל, פאַר מיין קעררי... כ׳וועל אייביק געדענקען. קיינמאָל נישט פאַרגעסן, וואָס איר האָט געטון פאַר מיר! מיין אָרעמע קעררי, מיין אָרעם קינד...

דער שעריף איז אָנגעריטן אויף אַ קליין, פלינק פערדל. דער עולם האָט אים ארומגערינגלט. ס׳איז געוואָרן שטיל. דער שעריף האָט אַ צי געטון זיין בויגיקן קערפּער, העכער געוואָרן און געבליבן שטיין אויף די טרעטערס פון זאָטל. ער האָט אויפגעהויבן אַ האַנט און גערעדט מיט אַ זיכערער שטימע:

— פריינט און שכנים! דער, וואָס וועט כאַפּן דעם נעגער אַ לעבעדיקן, וועט קריגן פון גאָווערנער פופציק דאָלאַר און אַ מעדאַל!

— הורריי! -- האָט דער עולם זיך צעשריגן.

— איך אַפּעליר צו אייך אין נאָמען פון גאָווערנער, איר זאָלט נישט נעמען דאָס געזעץ אין אייערע אייגענע הענט. זאָגט איר מיר צו?

— אָל-רייט! — האָבן זיך דאָ און דאָרט געהערט איינציקע שטימען.

— איצט, באָיס, פאַרלירט נישט קיין צייט, זאָטלט אָן אייערע פערד, און מיר וועלן זיך טרעפן ביי דער „סעמעטערי”, אָל-רייט?

— אָל-רייט!

אין איילעניש האָט זיך דער עולם צושאָטן אין אַלע זייטן. מעקלאָר מיט עטלעכע יונגען זיינען געבליבן שטיין ביים סאַלאָן.

— ער מעג זיך איינרעדן, דער שעריף, אַז מיר וועלן אים איבערגעבן דעם נעגער! — האָט אַ יונג זיך אַ בייזער געטון.

— ער וועט לאַנג וואַרטן!

— וואָס דאַרפט איר שוין רעדן — האָט מעקלור זיך אַרומגע-קוקט און צווייידייטיק געשמייכלט — לאָמיר אים נאָר כאַפּן! קומט אַריין, באָיס — האָט ער געוויזן אויף דער אָפענער טיר פונעם סאַלאָן — מיר וועלן אָפּשווענקען די פייפּלעך, וועט זיין מוזדיקער! מיסטער ליווי האָט זיך געדרייט צווישן עולם, געזוכט זיין צוואַנציק-יעריקן זון. ער איז אַריין אין סאַלאָן און פון דאָרט אים אַרויס-געפירט:

— דו וועסט נישט פאָרן!

— ב'וועל יאָ פאָרן!

— און איך זאָג, אַז נישט! אַ יוד דאַרף זיך נישט מישן!

— און אַז ס'וועט טרעפן ניט מיין עוועסט ר. — האָט דער זון זיך געקאָכט.

— וואָס דאַרפסטו קלערן, וואָס עס וועט טרעפן? ס'וועט נישט טרעפן! ס'וועט נישט טרעפן! אָבער ווען מען וועט ערלויבן אַזאַ שכּור, ווי מעקלור, ער זאָל אַליין קענען ווערן „דזשאָדזש”, (ריכטער) פאַרזיכער איך דיר, אַז מען וועט הייגט לינטשן אַ נעגער און מאָרגן אַ יוד;

— מען האָט נאָך קיין ייד נישט געלינטשט!

— ווייסט כאַטש וואָס זיי גייען טון? — האָט דער פּאָטער זיך געקלאַפּט מיט פיר פינגער איבערן שטערן.

— זיי גייען לינטשן דעם נעגער!

— איז דאָס בײַ דיר גאָרנישט? לינטשן אַ מענטשן איז בײַ דיר גאָרנישט? נו! שווייג שוין כאַמוליע, שווייג, קום שוין אין שטוב אַריין! נו, וואָס שטייסטו וואָס, קום! — האָט דער פּאָטער אים אַ שליעפּ געטון פאַר אַן אַרבל.

דער זון האָט געטראַכט, אַז דער פּאָטער איז אַ „גרין-האָרן" און אַן אויפגערעגטער אים נאָכגעגאַנגען. אַז דער פּאָטער איז צוגע־קומען צום געוועלב, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז דער זון איז פאַרש־וווּנדן. ער האָט געקוקט אויפן ליידיקן פּלאַץ, ווו עס האָט זיך אַ ווײַלע צוריק אַזוי געטומלט און ווי איינער וואָס קאָן זיך נישט העלפן, האָט ער אַ מאַך געטון מיט די הענט:

— אַמעריקאַנער קינדער! ס'וואַקסט אַ דור!

---

ס'איז געוואָרן טונקל, טונקעלער. די רײַטערס האָבן געיאָגט זייערע פערד, כמעט געשוויגן. דאָס פּאָרן אינאיינעם, דער אימפּעט, די הינט וואָס האָבן זיך געיאָגט אויף אַ פריער, זיך צוזאַמענגעקנוילט, זיך צושאָטן צווישן די פעלדער מיט אַ בילעריי, — דאָס אַלץ האָט פאַרטריבן דעם קלענסטן שרעק, צוגעגעבן קוראַזש. דער עולם האָט פאַרגעסן, אַז בוקערט איז אַ ריז, הויבט אויף מיט די פלייצעס אַן אָנגעלאָדענעם וואָגן מיט היי, אַז ער אַליין קאָן אין אַ געשלעג לייכט פאַרטיק ווערן מיט פינף, זעקס מענטשן. יעדער האָט אין זיך געזען דעם העלד — ווי ער כאַפּט דעם נעגער, דער שעריף באַדאַנקט אים, טוט אים אָן פאַר אַלעמען אין די אויגן דעם מעדאַל.

אַ פולע לבנה האָט אַרויסגעפירט די ביימער פון וואַלד, זיי צעלייגט איבערן זאַמדיקן וועג, זיי איבערגעשטעלט, זיך געשפּילט מיט די בלעטער, ווי מיט פייגל. דאָ און דאָרט זענען אויסגעוואַקסן מענטשן, הויכע, ברייט-ביינערע, מיט ביקסן אין די הענט. די אָטעמס בײַ די

רייטערס זענען געוואָרן אָפּגעהאַקט, די קניען שטייף. זיך געקלאַמערט צו די פערדישע בייכער — האָבן די פערד זיך אַ ציִ געטון, פאַרביי געלאָפן. שטומע, נישט צופרידענע, וואָס ס׳איז געווען ביימער, האָבן די רייטערס זיך נאָך גיכער געטראָגן איבערן זאַמדיקן וועג. די שאָטנס זענען געשפּרונגען אויף אַ פּריער, געבלענדט די אויגן און די רייטערס האָבן אונטערן טאַקט פון די קאָפּיטעס ווייטער געשפּינען זייערע חלומות.

מעקלור אויף אַ הויכער קאָבילע, די ביקס פאַרוואָרפן איבערן אַקסל, האָט אויסגעזען קריגעריש, דער מח האָט זיך ביי אים געהויבן פון צופיל ביר, אַראָפּגעשפּאַרט ס׳היטל איז אים געוואָרן לייכטער, געפילט ווי ער הויבט זיך אויפן פערד, ווען באַלד אַריבערשטייגן די ביימער, ער האָט נישט אויסגעהערט צו רעדן מיט זיך, געשאָלטן, געבראָכט די גרעבסטע ווערטער, הנאה געהאַט פונם געדאַנק אַז ער שניידט ביים נעגער אַ גליד נאָך אַ גליד, דערציילט, ווי ער האָט גע־שטיקט דעם נעגערס שוועסטער, ווי זי האָט זיך געצאַפּלט אונטער זיינע הענט און ער האָט זיך געטרייסט, אַז מיט פייער וועט ער קריגן פאַר זיין טאָכטער גערעכטיקייט.

אַ רייטער האָט צוגעלייגט אַ פינגער צום קאָפּ און געוויזן אויף מעקלור:

— ער האָט אַריבערגעכאַפּט!

— ער איז באַקנאַקט!

— וואָס גיט איר, חברה, ווען מיר קריגן איצט אַ פּאָר יונגע נעגערטעס אַה-ה! — האט א צווייטער אַ קוועטש געטון מיט אַן אויג.

— זיי שמעקן נישט, נאָר וואס אמת איז אמת, צו זיי קען זיך קיין איין ווייסע נישט פאַרגלייכן, זיי ברענען!

— פון וואלד האט זיך געטראָגן אַ פאַרבענקט געשריי, ווי פון אַ פאַרשפּאַרטער קו, ווען מען נעמט ביי איר צו ס׳קעלבל.

— וואס איז דאָ פאַר אַ געשריי? — האָט זיך איינער געכּרעגט.

— דאס איז אַזאַ פויגל!

— אַ הירש שרייט!

— ניין דאס שרייט אַ נעגער נאָכ׳ן טויט!

— אַ נעגער?

— יאָ, נאָכן טויט וואַלגערט זיך אַ נעגער אום אין זומפּן אין וועלדער, ביז די נשמה ווערט ביי אים ווייס...

— א נעגער האָט דען אַ נשמה?

קיינער האָט נישט געענטפערט. דאָס געשריי איז געוואָרן העכער, געקומען פון פאַרשידענע זייטן, אַז ס׳איז אַזש קאַלט געוואָרן. די רייטערס האָבן זיך פעסטער אַריינגעזעצט אין די זאָטלען און שטומע, פאַרטראַכט, זיך געטראָגן אין דער נאַכט.

ביים וואַלד האָבן זיי זיך איינגעטיילט צו פינף אין אַ פאַרטיע און זיך געלאָזט אין פאַרשידענע וועגן, אַזוי אַז זיי זאָלן אַרומרינגלען די זומפּן פון אַלע זייטן, זיי זענען געריטן פאַמעלעך, זיך יעדע ווײַלע אָפּגעשטעלט, זיך איינגעהערט צום בילן פון די הינט, פון מאָל צו מאָל האָט זיך דערהערט אַ בילעריי, פאַרשטיקט און אָפּגעהאַקט, ווי דאָס קול וואָלט זיך צעבראָכן אָן די ביימער. אין די זומפּן האָבן זשאַבעס געשאָלטן, אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן און נאָך מיט מער עקשנות זיך צעקוואַקעט, ווי זיי וואָלטן געוואָלט איבערוועקן אַלע באַשעפענישן פון וואַלד. ווען-נישט-ווען האָט זיך אַ פויגל צעשריען. איבערדרייסלענדיק די לופט מיט די פליגל אַז ס׳איז אומהיימלעך געוואָרן. דאָס פאַרבענקטע געשריי, ווי פון אַ קו, ווען מען נעמט ביי איר צו ס׳קעלבל, האָט זיך געטראָגן פון פינסטערן וואַלד, און דאָס נישט וויסן פון וואַנען און פון וועמען ס׳קומט, האָט נאָך מער פאַרשאַרפט דעם שרעק, אונטערגעזאָגט, אַז באַלד וועט פון דאָרט, פון דער געדיכטער פינסטערניש, אַרויס אַ פאַרשאָלטענע נשמה, אַ שוואַרצע, ווי די נאַכט, און זיי פאַרשטעלן דעם וועג, פאַרפירן. האָבן טייל זיך געצלמט און אַנדערע, אום צו מאַכן זיך קוראַזש, האָבן געפייפט און געשפּיגן. מען איז געריטן אַ שעה, צוויי. דאָס שטילע רייטן האָט אָנגעהויבן צו דערעסן, און וואָס מער ס׳האָט דערעסן, אַלץ גרעבער זענען געוואָרן די רייד, אַלץ אָפטער די קללות אין דער וועלט אַריין. קיינער האָט מער נישט געטראַכט וועגן די פופציק דאָלאַר, וועגן מעדאַל, וועגן דעם, אַז מען האָט פאַרפירט אַ ווייס מיידל. דער פאַרדוס, אַז מען דאַרף זיך שלעפּן איבער אַ נעגער אַ גאַנצע נאַכט, האָט איבערגעשטייגט אַלץ, אָפּגעטעמפּט דעם קלענסטן געפיל, און ווען זיי כאַפּן אים איצט, וואָלטן זיי אים צעריסן אויף שטיקער.

דער שעריף מיט זיינע דריי שוואָגערס האָבן געשניטן צו די זומפּן, אָפּגעמאַכט, אַז אויב זיי וועלן אים כאַפּן, וועלן זיי אים גלייך איבערטאָן און אָפּשיקן, קיין אטלאנטע. ער וועט זיי ווייזן, די פּאַר־מערס, אַז ס׳עקזיסטירט אַ געזעץ, וואָס מען דאַרף אָפּהיטן, וועט זיי ווייזן, צו וואָס אַ שעריף איז אין אַ דאָרף!

דאָס בילעריי איז געוואָרן שטאַרקער, בייזער, ווי די הינט וואָלטן זיך געווארפן אויף עמיצן. מעקלור מיט זיינע חברים זענען אראפּ פון די פערד, גענומען גיין נאָכן בילן. אין וואלד איז געווען אַזוי פינסטער, אז מען האט נישט געקאָנט זען אויף קיין צוויי איילן פון זיך. אַ מענטש האט זיך געקענט באהאלטן הינטער אַ בוים, און מען וואלט אים נישט באמערקט, דערצו נאָך אַ נעגער, האבן זיי געהאַלטן „שיין-ווארפערס״.

הינטער אַ בוים זענען געשטאנען צוויי איבערגעשראָקענע מענטשן, זיך אָפּגעטריבן מיט צווייגן פון די הענט, וואָס האָבן זיך געווארפן אויף זיי.

מעקלור האט צוגעשטעלט זיין „שיין-ווארפער״ צום פּאָרל און זיך איינגעקוקט:

— אַ, דו ביזט עס, פארשאלטענע מאלפּע! זאָג וואו בוקערט איז, אַז נישט הענגען מיר דיך אויף מיט דיין קליינעם באסטארד אויף דעם בוים, ווו דו שטייסט!

— כ׳ווייס נישט, — האָט די נעגערטע געציטערט.

— אַז זי ווייסט נישט, וואס שלעפּט זי זיך ארום אין וואלד, די פארשאלטענע — האָט זיך איינער אָפּגערופן.

— פארווארפט איר דעם שטריק איפּן האלז, וועט זי זאָגן!

— כ׳בין אים אליין געגאנגען זוכן — האט זי זיך צעוויינט.

—זאגסט? — האט איינער פארווארפן דעם שטריק אַרום איר האַלז.

פרעד האט זיך געפלאָנטערט ארום מעקלורס פיס, אים געקושט, געוויינט:

— לאָזט אָפּ מיין מאמע, מיין מאַמע...

— לאז זי אָפּ, די מכשפה, וועט זי ווייסן די פארשאָלטענע סוקע, אז מיר ווייסע זענען קיין מערדער נישט! — איז מעקלור

אונטערגעגאנגען צו דער נעגערטע און אוועקגעשלעפּט דעם יונג מיטן שטריק — ווער פון אייך האָט סמאָלע?

— איך!

— ווען מיר זיי אויספּוצן אין פעדערן און אַהיים שיקן!

זיי האבן די מאמע מיטן קינד אויסגעטאָן, אויסגעשמירט אין סמאָלע, אנגעשטעקט פעדערן און מיט אַ פּייפערייַ, פּאטשערייַ זיי געגומען טרייבן מיט די הינט. און וואס העכער די הינט האבן געבילט, געוואלט, דאכט זיך, איבערשרייען דאָס געוויין פון דער נעגערטע מיטן קינד, אלץ שארפער און דורכדרינגענדיקער האבן זיי געקלאגט, געוואָ-יעט ווי הונגעריקע סאָוועס.

די מוטער האט געגומען דאָס יונגל אויף די הענט. אים געקושט, באַרויקט און געגאַנגען מיט אים אהיים. זי האט פארגעסן אַן זיך, געווען גלייכגילטיק, וואס זי איז נאקעט, נ׳שט געהערט ווי דער וואלד וועקט זיך, בלויז געזען ווי זייַ כאפּן בוקערטן, פארווארפן אַ שטריק ארום זייַן האלז און זיך ווידער צעווייַנט.

ערגעץ איז געזעסן אַ וויפּ-פּור-וויל און געציילט: וויפּ-פּור, וויפּ-פּור, וויפּ-פּור-וויל!

אַן אויסגעמאטערטער פון ווייַנען האט פרעד זיך אייַנגעהערט, ווי דער פויגל שרייַט, ווי ער וואָלט זיך געררייַצט מיט אים און אין די אויערן האט געקלונגען:

— וויפּ-פּור, וויפּ-פּור, ווי, וויפּ —

— שלאָג אָרעמע, שלאָג אָרעמע, שלאָג, שלאָג — — —

---

אין די זומפּן, וווּ אַ מענטשס פוס איז זעלטן פארקראכן און ווילדע חזירים האָבן זיך געוואלגערט, איז געלעגן צווישן קוסטעס אַ זעקס-פוסיקער נעגער. ס׳האט זיך אים געדאַכט, אַז מען ווייַנט, אַז הינט בילן און ער איז אויפגעשפּרונגען. ער האט צעעפנט זייַנע גרויסע, שוואַרצע אויגן, וווּ די ווייסלען האָבן אַרומגעשווומען, ווי אין געלבלעך צעשמאָלצענעם פּערלמוטער און אַדויסגעפּונקלט פון צווישן די צווייגן, ווי אויגן פון אַן אויסגעהונגערטער חיה.

דאס איז געווען בוקערט. ער האָט געוווּסט, אַז דער פלאַץ איז זיכער און געטראַכט, אַז אויב אַפילו מען זאָל וויסן, ווו ער געפינט זיך, וועט אויך נעמען איבער צוויי שעה, זיי זאָלן זיך אַהער פאַרקלייבן. ער האָט אַ קוק געטון אויף דער ביקס, וואס איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אַן קוסט און אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז מען וועט אים קיין לעבעדיקן נישט כאַפּן, ביז דער לעצטער קויל וועט ער זיך פאַרטיידיקן. ער האָט כמעט קיין חרטה נישט געהאַט, ס׳האט אים בלויז באַנג געטון, פאַרוואָס ער האט נישט דערהרגעט מעקלורן, געפילט אַז יאָרן און אפשר ס׳גאַנצע לעבן וואָלטן אים נישט געגעבן דאָס, וואס ער האט דורכגעלעבט אין דער איינער נאַכט. אַן עולה, אַ גרויסע עולה איז געגן זיין משפחה באַגאַנגען געוואָרן און קיינער פון דאָרף האָט זיך צומאָל נישט ווייסנדיק געמאַכט. נאָך מער, דאס דאָרף האט ווי אויף צו־להכעיס אויסגעקליבן מעקלורן פאר אַ בעל־הבית פון „טשוירטש״! (קירכע).

שוואַמען מיט ברייטע, פליישיקע קעפּלעך האָבן צעגעצויגן זיין אויפמערקזאַמקייט. ער האט אַן אַלעס פאַרגעסן, געטראַכט, אַז די שוואַמען וועט די מוטער אָפּפּרעגלען אין פּוטער און ס׳מויל איז ביי אים פול געוואָרן מיט וואַסער. ער האָט אָפּגעריסן אַ שוואָם, זיי צוקוועטשט און זיך געוווּנדערט, וואָס אַזעלכע נאַרישקייטן קריכן אים איצט אין קאָפּ אַריין. ער האט זיך דערמאַנט ווי קערי האט זיך געווערט, געדראַפּעט, געביסן, זיך געבעטן ביי אים — — — און דערנאָך?

בוקערט איז געוואָרן אַלץ טרויעריקער, געקוקט אויף דער פינסטערער נאַכט און כאָטש ער האָט געגלויבט, שטאַרק געגלויבט, אַז ס׳איז דאָ אַ גאָט, איז ער זיכער געווען, אַז קיין ווייסער גלויבט נישט אין אים, גייט נישט אין זיינע וועגן און מיט גערעכטיקייט קען מען אויף דער וועלט נישט פיל אויפטון. מעקלור נעמט צו אַלע גנבות, און דער גלח, מיסטער הארפער, עסט ביי אים יעדן זונטאג מיטאָג. און דער גלח אַליין? אַלע ווייסן אַז ער האט אין אַטלאַנטאַ נאָך אַ ווייב, אַ שוואַרצע מיט צוויי קינדער און דאָ הערט ער נישט אויף צו פּרייידיקן, אַז נאָך צען אין אָוונט זאָל זיך קיין איין יונגער מאַן מיט אַ מיידל נישט געפינען אויף די וועגן! און די שוואַרצע? ער האָט געציטערט, געשווירן נקמה צו נעמען. ער וועט זיי אַנלערנען. אונטערצינדן איינס ב׳איינס, אַוועקלאָזן ס׳גאַנצע דאָרף מיט פייער!

עס האָט זיך געהערט דאָס הירזשען פון אַ פערד. בוקערט האָט גענומען די ביקס, זיך אַוועקגעשטעלט צווישן די קוסטעס, אָנגעשפּיצט די אויערן און געוואַרט. עס איז געווען שטיל. בלויז זשאַבעס האָבן געקוואַקעט אין די זומפּן, בולטער געמאַכט די שטילקייט. עס האָבן זיך גענומען הערן קולות, זיך דערנענטערט, דערנענטערט, געקומען פון אַלע זייטן. דאָס קוואַקען האָט אים גערעגט, געשטעלט צו הערן פון וואַנען די קולות קומען. ער איז געווען זיכער אַז ער האָט געהערט דאָס וואָרט „בעגער“, נישט געוווּסט צי אים האָט זיך אויסגעדאַכט, צי דער שונא איז טאַקע אַזוי נאָענט, און מיט אַ מאָל האָט ער פאַר זיך דערזען אַ הונט. דער הונט האָט זיך צוגעזעצט אויף די הינטערשטע פיס און זיך געקליבן אַ שפּרונג טון אויף אים. ער איז געווען גרייט אויסצושיסן, אינסטינקטיוו זיך אָבער געכאַפּט אַז מיטן שיסן וועט ער זיך אַליין פאַרמסרן, אויסגעדרייט די ביקס, אָפּגעמאָסטן דעם הונט מיט דער הילצערנער זייט, אַז יענער האָט פאַרוואָרפן די פיס און אַרויסגעלאָזט אַ כאָרכל.

ס׳איז צוריק שטיל געוואָרן און בוקערט האָט געפילט ווי ס׳קלינגט ביי אים אין די אויערן, אין מוח. ער האָט זיך אויסגעצויגן ווי גרויס ער איז געווען, געקראָכן אויף אַלע פיר, אויפגעכאַפּט יעדן קלאַנג, יעדן שאָרך. די אויגן האָבן געברענט, דורכגעריסן ס׳פינסטערניש, באַמערקט ס׳קלענסטע בערגל מאָך און אין גאַנצן האָט ער דערמאָנט זיינס אַן אורזיידע, וואָס האָט זיך געגנבעט אויף אַלע פיר אויפן ברעג פון דער קאָנגאָ, וואו פינקעלדיקע שלאַנגען האָבן געצישט און געבליצט מיט זייערע גרינע אויגן פון צווישן די הויכע פּאַלמען.

ער האָט אָפּגעמאַכט אויפצוכאַפּן מיט דער ביקס איינעם נאָכן צווייטן, נישט געבן זיינע אָנגרייפער קיין געלעגנהייט אים צו באַפאַלן.

עס האָבן זיך שוין געהערט די טריט פון די פערד, דאָס טאָפּטשען אין די בלאָטעס בוקערט איז געוואָרן אומגעדולדיק, געוואָרט ס׳זאָל שוין עמיצער אונטערקומען. מיט אַמאָל האָט אַ שיין־וואָרפער אים פאַרבלענדט די אויגן, אויף אַ רגע בלינד געמאַכט. דער געדאַנק, אַז זיי האָבן אים אַ לעבעדיקן האָט אים ווי פאַראַליזירט און ער האָט פון שרעק אויסגעשאָסן. ס׳איז נאָך געוואָרן שטילער ווי פריער. דער

אפקלאנג פון שאָס איז געבליבן ביי אים אין די אויערן און ער האָט דערהערט אַ שטימע:

— בוקערט דאָס בין איך, דער שעריף! כ׳ווייס דו קענסט מיך שיסן, קענסט אויך שיסן מיינע דריי שוואָגערס וואָס זענען מיט מיר! — וואָס וועט דיר אָבער אַרויסקומען? סוף-כּל-סוף וועט מען דיך כאַפּן! כ׳דאַרף דיר נישט זאָגן מיט וואָס דאָס שמעקט — פאָלג מיך און גיב זיך איבער אין מיינע הענט...

— נישט ביים לעבן! — האָט בוקערט אים איבערגעריסן.

— כ׳מיין אין די הענט פון געזעץ — האט דער שעריף ווייטער געריעדט — דאס געזעץ ווייסט נישט פון קיין ווייסע, פון קיין שווארצע. ביים געזעץ זענען אַלע גלייך! איז אויב דו פילסט אַז דו ביסט אומשולדיק, וועט מען דיך באַפרייען און אויב אַפילו וועסט זיין שולדיק וועט מען דיר אויך דאָס לעבן שענקען, ווייל מיר מעקלור לעבט, האַ, וואָס זאָגסטו?

בוקערט איז געלעגן ווי אין היץ, די רייד פונם שעריף האָבן אים צעמישט, אָנגעלאָזט רויך אין קאָפּ, און דער קוראַזש איז פון אים אַוועק. ער האָט געפילט, אַז דאָס איז דער גלייכסטער וועג, אַז אויב דער שעריף וויל, קען ער אים אַוועקשיקן קיין אַטלאַנטע, און דאָרט איז מעגלעך ער זאָל זיך דערשלאָגן צו „קריגן גערעכטיקייט”.

— „וועל”, וואָס שוייגסטו? האָט זיך ווידער געהערט דעם שעריפס שטימע — גיב זיך אינטער איידער דער עולם קומט אָן, דעמאָלט וועט זיין שפּעט!

— טאָ שווער מיר צו — האט בוקערט זיך אויפגעשטעלט — אַז דו וועסט מיך נישט איבערגעבן אין זייערע הענט!

— כ׳שווער — האט דער שעריף אויפגעהויבן אַ האנט — אַז באַך היינט ביי נאַכט וועל איך דיך אָפּשיקן קיין אַטלאַנטע!

בוקערט איז ארויס פון די קוסטעס. ער האָט געלאָזט שטיין די ביקס און איז אונטערגעגאַנגען צום שעריף:

— אָט בין איך, אַרעסטירט מיך!

ער האט באַמערקט, ווי דער שעריף האַלט אָנגעגרייט אַ פּאָר „איזערנע מאַנזשעטן”, איז ער געוואָרן אָנגעברוגזט און זיך געפרעגט:

— דאס גייט איר מיך שמידן?

— יעס!

— כ'האָב זיך דאָך אַליין איבערגעגעבן, צו וואס דאַרפט איר מיך שמידן?

דער שעריף האט פלינק אים געשלאסן די הענט. בוקערט האָט געזען אַז ס'קומען רייטערס, האָט ער אַ נערוועזן דריי געטון מיט די הענט, זיך דערפילט געפענטעט און געליטן, צו וואָס ער האָט זיך אונטערגעגעבן. אַ מינוט צוריק איז ער נאָך געווען פריי, זיך געקאָנט אָפּ־רעכענען מיט יעדן פון זיי און איצט קאָן אים יעדער באַליידיקן, שלאָגן... און ער? אים בלייבט נאָר איבער צו שטשירן מיט די ציין: ווי אַ הונט אויף אַ קייט. ער האָט זיך געכאַפּט אַז ס'איז שפּעט חרטה צו האָבן, זיך געשעמט פאַר די יונגען פון דאָרף, וואָס ער, בוקערט, וועלכער וואָלט געקאָנט בייקומען פינף פון זיי, איז געשמידט און זיי אַלע זענען פריי. און דאָס וואָס ער איז געווען געשמידט האָט אים אַזוי דערשלאָגן, אַז ער אַליין האָט זיך דערפילט שולדיק, ערגער פון די אַרומיקע, געוואַרט זיי זאָלן זיך נעמען אָפּרעכענען מיט אים, און געווען זיכער, אַז ער וועט שוין פון די זומפּן קיין לעבעדיקער נישט אַרויס.

— אָט איז דער נעגער! אָט שטייט ער! — זענען די רייטערס מיט געשרייען אַראָפּ פון די פערד, און איינער האָט פון גרויס פרייד אויסגעשאָסן — הוררײ פאַרן שעריף!

הוררײ! הוררײ!

איינציקווייז זענען די רייטערס אָנגעקומען.

אַרומגערינגלט דעם נעגער, אים געוויזן די שטריק אויף וועלכע זיי וועלן אים הענגען: געשלאָגן מיט די פויסטן אין פּנים אַריין, און ער, אַ געשמידטער, אַ צעדמטער, האָט נאָך יעדן קלאַפּ געמרוקעט, מיט די אויגן דאַכט זיך געשמייכלט און געוואַרט מען זאָל אים ווידער שלאָגן.

מעקלור איז אַרויפגעפאַלן אויפן שעריף, אים גענומען קושן, זיך צעווײנט. ער איז צוגעגאַנגען צום נעגער און אים אַ שפּיי געטון גלייך אין פּנים אַריין:

— בעסטיע, איצט וועל איך זיך אָפּרעכענען מיט דיר!



KORPORATSIOON LIMUVIA TARTU

ער האָט איינגעקוועטשט די פויסטן, איינגעבויגן דעם קאָפּ מיטן ברייטן קאַרק און ווי אַ צערייצטער ביק, זיך אַ לאָז געטון צום נעגער. דער נעגער האָט אַ הויב געטון אַ פוס און מעקלור האָט זיך איבער־געקייקלט.

— נעמט אים! נעמט אים! האָט זיך געטראָגן פון אַלע זייטן.

דער שעריף איז אַריין אין דערמיט:

— בירגער און שכנים! געדענקט, איר האָט מיר צוגעזאָגט, איר האָט מיר צוגעזאָגט העלפן אים איבערצוגעבן דעם געזעץ אין די הענט!

— מיר זענען ס׳געזעץ!

— אַ נעגער איז קיין מענטש נישט!

— אַ הונט!

— געדעכט! אַ הונט! און אַ משוגענעם הונט דערשיסט מען!

-- איך אַפּעליר צו אייך אין נאָמען פון געזעץ! — האָט דער שעריף נאָך העכער געשריען — גייט אריין אין מיין לאַגע! צו וואָס בין איך דאָ? פאַרוואס צאָלט מיר די רעגירונג? ס׳געזעץ זאָל אָפּגעהיט ווערן. איך ווייס עס טוט אייך וויי, כ׳ווייס, אַז מעקלורס האַרץ בלוטעט, ער איז אַ טאַטע! מיר זענען אָבער פריער פאַר אַלעם בירגער פון די „פאַראייניקטע שטאַטן״, און ס׳געזעץ פון די „פאַראייניקטע שטאַטן״ דאַרף אָפּגעהיט ווערן, אַז נישט וואָס פאַר בירגער זענען מיר? אַז נישט וועט איינער דעם צווייטן לעבעדיקערהייט אויפעסן! פריינט און שכנים! גייט אריין אין מיין לאַגע, קיינער פון אייך וואָלט אויף מיין אָרט נישט בעסער געווען! איך אַפּעליר...

— העלפט מיר „באָיס״ — האָט מעקלור זיך אַ לאָז געטון צום נעגער, ביי וועמען די אויגן זענען געווען אָנגעלאָפן מיט בלוט, ס׳מויל אָפן, ווי ער וואָלט מיט די שאַרפע ציין זיך געוואָלט פאַרטיידיקן.

דער שעריף האָט מעקלורן אָפּגעשטופּט, האָבן נאָך עטלעכע זיך אַ לאָז געטון. ס׳איז געוואָרן אַ געשלעג. דער שעריף האָט געשלאָגן מיט זיין „קלאָב״ רעכטס און לינקס, נישט צוגעלאָזט צום נעגער.

דער כעס ביים עולם איז געוואַקסן, פאַרדראָסן, פאַרוואס דער שעריף נעמט זיך אָן, שלאָגט גאָר? און מיט אַמאָל האָט זיך ביי איינעם

פון אַ קלאפּ נעלאָזט ס׳בלוט פון קאָפּ. דאס איז געווען גענוג. מיט אַ געשריי האָט זיך דער עולם אַ שפּאַר געטון צום שעריף. אים אומגעוואָרפן, געטראָטן מיט די פיס. ביז פארטאָג האָבן זיי געפּייניקט דעם נעגער און מיט געזאנג א ט געפירט אין דאָרף אַריין.

* *
*

אין „בוירק האט ניוס", וואס ערשיינט איין מאָל אין וואָך, איז געווען אָפּגעדרוקט אויף דער ערשטער זייט מיט גרויסע אותיות:

„היינט ביי נאכט נאך אַ גע̇יעג פון פינף שעה, האט מען אין די זומפּן געכאפּט דעם נעגער, וואס האט פּאַרפירט מר. מעקלורס מאכטער".

„דער משפּט וועט פּארקומען מארגן, זונטאג נאכמיטאג, ביים אינדיאנער בערגל, נישט ווייט פון׳ם בית-עולם, אויפן זעלבן פּלאַץ, וואו דער מערדער האט פּארשלעפּט זיין קרבן".

„מיר האפן, אַז קיינער פון אונזערע שכנים וועט נישט פארפעלן צו זיין אנוועזנד.

דאָס קאָמיטע".

באלד, נאָכמיטאג, האבן די פּארמערס אָנגעהויבן צונויפצופארן זיך ארום דעם אינדיאנער בערגל. געקומען זענען זיי משפּחהווייז. קורצע, ברייטביינ̇יקע סקאטלענדער, מיט ארומגעשוירענע בערדלעך און אָן וואנסן, וואס האָט זיי געמאכט אויסזען, אַז זיי האלטן זיך ביים פּאנאנדערניסן, ביינערדיקע ענגלענדער, גלאט געראזירט, מיט פּאַרקוועטשטע ליפּן, אלטע דייטשן מיט „אָנקל סעמס" אויף די גאָמבעס, מיט זייער פּלאַט-דייטש, ווי זיי וואלטן איצט אריבערגעקומען, עטלעכע איטאליענער, „דזשאנק פּעלערס" (הענדלער מיט אַלטווארק) האָבן אנגעפּאקט אין זייערע שמאלע וועגעלעך די ווייבער מיט די קינדער, אָנגעהאנגען וויפל גלעקלעך זיי האבן נאר געהאט און פּארפארן מיט א געפּילדער. סלאוון, וואס האָבן געארבעט ביים פּאקן פּאמעראנצן, זענען אנגעקומען אין זייערע היימישע בגדים. רעפּאָרטערס פון די ארומיקע פּאמיליען-בלעטלעך זענען אנגעפארן אויף זייערע וועליסאפּעדן,

חוצפהדיק און ווילעריש געלאפן צווישן עולם, פאפיר אין דער האנט און גענומען נאטיצן. מיט „האלא פראפעסאר” האבן זיי ארומגערינגלט דעם געוועזענעם אפטייקער, א זקן מיט ווייסע האר ביז איבער די אקסלען, מיט אן אפגעשאסענעם הוט אלא דזשארזש וואשינגטאן און צופרידענע פארצייכנט, או דאס איז שוין די דרייסיקסטע לינטשעריי, וואס דער „פראפעסאר” האט אויף זיין לעבן בייגעוווינט. מיטן זאמדיקן וועג איז אנגעקומען דער שוסטער פון דארף, א מגושמדיקער ייד. ער איז געווען פארשטויבט, דערשוויצט, זיך געאיילט און דערמאנט, אז פונקט אזוי פאר׳שמאיעט האט ער געדארפט זיין אין דער אלטער היים, ווען ער איז געלאפן נאך דער השכמה זען ווי מען מושטירט ס׳מיליטער.

כענטשן, וואס האבן זיך כמעט נישט געקאנט צווינויפרעדן, זיך אויסגעמיטן כ׳גאנצע לעבן, זיך פיינט געהאט, האבן מיט אמאל אוועקגעווארפן אלע פארורטיילן, זיך מער נישט געטיילט אין אמעריקאנער, דייטשן, איטאליענער אין סלאוון, פארגעסן אן דעם איינצעלנעם, ווי ער וואלט גארנישט עקזיסטירט און זיך פארייניקט. דאס איז די ווייסע ראסע זיך געקומען אפרעכענען מיט דער שווארצער.

דער עולם איז געווארן אלץ גרעסער, זיך צעלייגט ארום דעם בערגל, געווארן אומגעדולדיק ווי אין א צירק, איידער די סצענע עפנט זיך, און אנגעהויבן צו אפלאדירן.

עס איז געווען הייס. די באנוול-פעלדער זענען געשטאנען פארשטויבטע, די צעבליטע קעפלעך געבויגן צו דער ערד. בארג-אראפ האט זיך געצויגן די סעמעטערי (בית עולם), יארומגעצוימט מיט א ווייסן שטיינערנעם פלויט, די קברים וואס זענען געלאפן אין גלייכע שורות, האבן פון דערווייטנס זיך דערנענטערט, די ברייטע שטיינער האבן אויסגעזען ווי אפגעקאלעכטע הייזלעך און די ווייסע צלמים איבער זיי האבן דערציילט וועגן רחמנות, וועגן א געקרייצטן גאט, וואס רופט צו זיך די שוואכע.

— מען פירט אים! מען פירט אים! — האט זיך געהערט פון אלע זייטן.

דער עולם איז אויפגעשפרונגען, זיך גענומען שטופן נענטער צום בערגל, זיך געשטעלט אויף די שפיץ פינגער.

בוקערט איז געגאנגען גלייך, געקוקט פאר זיך, ווי ער

וואלט קיינעם נישט געזען. ער האט אויסגעזען צו זיין רויק. נאך אין דער זעלבער נאכט, ווען ער האט זיך איבערגעגעבן דעם שעריף און מען האט אים אהיים געבראכט א צעביילטן, א צעהארגעטן איז איב באפאלן א שווערע מרה־שחורה. ער האט אויפגעהערט צו ציטערן, זיך מער נישט געבעטן מען זאל אים שענקען דאס לעבן, געווען גלייכגילטיק צו די ארומיקע, נישט געענטפערט אויף זייערע פראגן. שפעטער איז ער געזעסן א פארמראכטער און אז ער האט שוין יא עפעס ארויסגעזאגט, איז דאס נישט געווען דאס, וועגן וואס ער האט געטראכט, נאר עפעס א נארישקייט, וואס עס איז אים גאר נישט אנגעגאנגען. דער אייניקער, וועמען ער האט געענטפערט איז געווען דער גלח. ער האט זיך געפילט בעסער אין זיין געגנווארט, אים געבעטן ער זאל אים ליינען, ווי מען האט געקרייצט יעזוסן. און אז דער גלח האט געליינט איז די מרה שחורה אוועק און זיין פנים האט געגלאנצט מיט אזא פעטער שווארצקייט, אז עס האט אויסגעזען, אז אויב מען וועט איינשניידן די הויט, וועט רינען שווארץ בלוט. איצט, אז ער איז צוגעקומען צום בענקל האט ער זיך אפגעצלמט, געווארפן א בליק אויפן עולם און די רויקייט פון זיין פנים איז פארשוואונדן, ער האט כמעט אלעמען דערקענט אין איין רגע אנגערופן צענדליקער נעמען, זיך געוואונדערט מיט וועמען דער פאסטמייסטער שטייט. אה, ער קען אים, האט נאר פארגעסן זיין פאמיליע, איצט די לעצטע וואך האט זיך דער מאן געקויפט א נייע „מאשין״ (אויטאמאביל), באצאלט דריי טויזנט דאלאר. בוקערט האט זיך נישט געקאנט באפרייען פון דעם פארגעסענעם נאמען, ווי פון א פארעקשנטער פליג, געזען פאר זיך דעם דריי טויזנט דאלאריקן אויטאמאביל, געזען די גאס און דאס הויז, ווו דער מאן האט געוווינט, זיך אבער נישט געקאנט דערמאנען זיין נאמען; געליטן דערפון, זיך ווייטער אנגעשטרענגט ווי דאס וואלט געווען די וויכטיקסטע זאך, וואס האט אים איצט אינטערעסירט.

די מענטשן וואס האבן בוקערטן געבראכט, האבן זיך געהאלטן אין איין פארען. זיי האבן אראפגענומען פון א אויטאמאביל קייטן, שטריק, און אייזערנע שטאבע, געפלאכטענע קאשיקלעך מיט נאבט.

— ווו איז האלץ? — האט איינער געפרעגט.

— טאקע, ווו איז האלץ — איז אַ צווייטער געבליבן שטיין מיט אַ צעעפנט מויל.

— לאָז עמעצער צופאָרן צום זעלדל און ברענגען!

— איצט גיין פארן?

— וועט מען פארשפעטיקן?

— מאכט עס שנעל, חברה!

פינף יונגען זענען ארויף אויף אַן אויטאָמאָביל און מיט אַ פייף פארשוואונדן.

די שמחה איז אָפגעריסן געווארן. דעם עולם האט דערעסן צו קוקן אויפן נעגער, זיך איינציקווייז גענומען צו זעצן אין שאטן, ארויסגענומען „סענדוויטשעס" און געגעסן.

איך וואלט זיך מיט אים נישט געוואָלט טרעפן איינער אליין ביי נאכט! — האט איינער געוויזן אויף בוקערטן.

— דו מיינסט ווייל ער איז אַזוי הויך, מוז ער זיין שטארק?

— ווי שוואך ער איז וואלט איך געגעבן אַ פינפערל זאָלסט אים ארויסרופן אויף אַ „פייט"!

— האַ, האַ, דער נעגער וואלט אַזעלכע פינף ווי דו בייגעקומען!

— ס'וועט זיין אַ שווערער „דזשאב", באָיס!

— וואָס, אים אָפצובראָטן? — האט זיך איינער צולאכט.

— ביי אַ גוט פייער וועט פון אים אין צוואנציק מינוט קיין זכר נישט בלייבן!

— כ'וועט, אַז ס'וועט נעמען איבער אַ האַלבע שעה!

— אין וויפיל?

— צוויי צו איינס!

— אל-רייט!

— און דעם שעריף האָבן זיי גוט צוגעקלאפט, האַ, — האָט איינער אריינגעווארפן.

— ער ליגט צו בעט.

— גוט אַזוי!

— ער האט שוין געהאַט צופיל פעפער אין דער נאָז!

— וועט פארזאגן אַ צענטן זיך אָנצונעמען פאר אַ נעגער!

— האלאָ, הערי, ווו איז דער טאַטע? — האט דער שוסטער אַ קלאפ געטון ליוויס בחורל איבער דער פּלייצע.

— קענסט נישט מיין אלטן? ער איז צעדרייט! כ׳האָב היינט געהאט אַ „אַרגומענט״ מיט אים! — האט הערי געשמייכלט — ער סטראשעט אונז איבערצולאָזן אין בוירק און אַליין וועט ער זיך באַזעצן אין ניו־יארק צווישן יידן! לויט אים דאַרף מען ס׳גאַנצע דאָרף לינטשן, נישט דעם נעגער, ווי געפעלט דיר? האַ, האַ, האַ!

— וואס מיינסטו? — האט דער שוסטער אַרויפגערוקט דעם שטייפן קאַפעליוש און געוואָרן פילאָזאָפיש — צו פאַרברענען אפילו אַ שווארצן דארף מען האָבן אַ לב! נאָר גוים קאָנען עס!

— ביסט אַזאַ גרינגהארן ווי מיין אַלטער! — האט הערי אים אַ לאַך געטון אין פּנים אריין.

דער שוסטער האט ארויפגעלייגט אויף הערי׳ס קאָפּ זיין צעיורענע האַנט, אז יענער האָט זיך אזש פון אומבאהאלפנקייט איינגעבויגן, אים אנגעקוקט מיט בטול, גאר נישט געענטפערט און פארשוואונדן צווישן עולם

— אַ גרינהארן — האט אים הערי נאכגעקוקט.

— ער רעדט מיטן „ספּעקסטאָן״. — האט זיך עמיצער אנגערופן.

— ווער, דער נעגער?

— וואס וויל ער?

— איך ווייס נישט.

— ער וויל מען זאל אים געבן אַ ביבל.

— פארן טויט ווערן זיי פרום.

— מען זאגט, אז דער גלח איז ביי אים געווען אַ גאַנצע נאכט.

— ער דארף אונז דאַנקבאר זיין — באלד וועלן מיר אים שיקן אין גן־עדן אריין.

בוקערט האט אַנידער געקניט און אויפן קול געגומען לייענען פון „הייליקן דזשאַן״. דער עולם וואס האט געהאלטן אין איין שפאסן איז געוואָרן נייגעריק, אויפגעהערט צו טומלען און זיך איינגעהערט בוקערטס שטימע, וואס האט אין אָנהויב געציטערט, איז געוואָרן זיכער, העכער געקלונגען איבערן פעלד.

— וואס וועלן מיר זיך דאָ פרעגלען: קומט זיך צוזעצן הינטערן בוים, דארט איז קילער!

„— — — און איך האָב געזען ווי אין הימל האט זיך אַ טיר געעפנט, און די ערשטע שטימע, וואס האט גערעדט צו מיר האט געקלונגען ווי פון אַ טראמפייט, וואס רעדט צו מיר און זאגט; „קום ארויף צו מיר און איך וועל דיר ווייזן זאַכן, וואס וועלן געשען שפּעטער — — —"

עס איז געווארן שטיל ווי ביי אַ גאטעס-דינסט. דער עולם איז געשטאנען אויף די שפּיץ נעגל, זיך איינגעהערט און פאר די אויגן האָט זיך געבלייכט אַ פארגליווערטע סעמעטערי, ווו די ווייסע צלמים האבן געצאמט און אפגעטעמפּט דעם קלענסטן פארלאנג. די עלטערע פארמערס האָבן זיך שלעכט געפילט, אויסגעמיטן איינער דעם צווייטנס בליק. בוקערטס שטימע האט געקלונגען אלץ העכער און קלאָרער, די אויגן געווענדט צום הימל ווי א הייליקער, אַזוי האָבן געמוזט אויסזען די ערשטע קריסטן ווען זיי זענען געשטאנען פאר די שייטער-הויפנס.

דער עולם האט מיט אמאָל זיך גענומען ארומקוקן, פארגעסן אָן בוקערטן און איינער האט גענומען פרעגן דעם צווייטן:

— וואס איז דער מער? וואס איז דארט?

צווישן דעם עולם איז געשטאנען אַ נידעריקער מאן, וועמעס אויפגעהויבענע פויסטן האבן זיך בלויז ארויסגעזען און זיין שטימע האט געקלונגען טעמפּ און פייכט, ווי פון אַ קבר ארויס:

— קריסטן זייט איר; אויב איר זייט קריסטן, איז א חרפּה צו זיין אַ קריסט, בין איך קיין קריסט נישט!

דער עולם האט אויפגעציטערט. די אויגן זענען געווען שטאר, די מיילער צעעפנט, און אינגאנצן האבן זיי אויסגעזען ווי פון ווייכן ליים אויסגעקנאטן און יעדע האנט וואלט געקאנט די מאסן בויגן, איבערקנעטן.

דער אויטאמאָביל מיט האָלץ, וואָס האָט זיך באַוויזן אויפן זאמדיקן וועג איז גענוג געווען, אַז דער נאַר-וואָס איינגעדרימלטער פארגעניגן צו פייניקן אַ שוואַכערן, זאל זיך צוריק אויפוועקן און פון אלע זייטן האבן זיך געהערט קולות.

— וואס וויל ער, דער „יענקי"?

— ווער דארף אים דאָ?

— לאז ער גיין קיין באָסטאָן!

— ווען נישט די פארדאמטע יענקיס, וואלט צו דעם אלעם נישט געקומען!

— זיי האָבן באפרייט די נעגערס — לאָזן זיי זיך משדך זיין מיט די שווארצע!

דערווייל איז אנגעלאפן דער אויטאָמאָביל, מען האָט גענומען קלאפן די שטאבע טיף אין בערגל אריין, געקלאפט מיט שווערע האמערס, וואָס האבן פארהילכט די ווערטער פון „הייליקן דזשאָן". די שטאבע האט מען אנגעלייגט מיט שטיינער, צעלייגט דאס האָלץ. און אַ האַלב טוץ מענטשן זענען אונטערגעגאנגען צו בוקערטן.

— פארטיק?!

בוקערט האט זיך פאמעלעך אויפגעשטעלט, זיי אנגעקוקט, ווי ער וואלט נישט געוואלט פארגעסן זייערע פנימער, גענומען רייסן פון „הייליקן דזשאָן" אַ בלאט נאך אַ בלאט, זיי געטיילט דעם ארומיקן עולם.

אַ שוידער איז ביי אַלעמען דורך, געפילט, אז ווען עמעצער שטעלט זיך איצט פאר אים איין וואָלט זיך ביי קיינעם קיין האנט נישט געהויבן, זיי וואָלטן זיך צעפאָרן אהיים.

אַ שווערע, דריקנדיקע שטילקייט האט זיך געלייגט איבער אלעמען דא און דאָרט האבן זיך אייניקע פארמערס דורכגעשטופט מיט די עלנבויגנס צווישן עולם, פון פארדרוס געשאלטן, געשפיגן און זיך געלאזט גיין אַ היים. אנדערע זענען פארשוווּנדן מיט זייערע אויטאָמאָבילן. דאס האָט געווירקט אויפן עולם, אים געמאַכט נערוועזער. די אָנפירער האָבן עס דערפילט, זיך איבערגעשראקן, אַרומגערינגלט בוקערטן, ווי זיי וואלטן מורא געהאַט מען זאל אים נישט אַרויסרייסן, און אָנגעכמורעטע צוגעשטאנען צו אים;

— פארטיק?

בוקערט האָט ווידער אַנידער געקניט, אַ ווײַלע תפילה געטון, געקוקט אויף אַ קליין ווערעמל, וואָס איז געקראָכן נעבן זיינע קני, עס אַוועקגעשאַ־ט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט מען זאָל עס נישט צעטרעטן אין אַ רויקער זיך אויפגעשטעלט. ס'האט אויסגעזען, אַז ער באגרייפט נישט וואס עס שטייט אים פאר. ער איז צוגעגאנגען צום בענקל, זיך אָנגעשפאַרט מיט די פלייצעס אן דער אייזערנער שטאבע. שטום און גלייכגילטיק

געקוקט אויפן עולם, אויף די מענטשן, וואס פאָרען זיך אַרום אים.

א האַלב טוץ מענטשן האָבן אים צוגעבונדן צו דער שטאַבע, געדרייט און געקניפּט שטריק און קייטן אַרום זיין קערפּער, אַזוי, אַז ער איז געבליבן שטייען ביי דעם אייזן ווי אַן אויסגעהאַקטער. מען האט אים ארומגעלייגט מיט שטיקער האָלץ, טרוקענע צווייגן און אַלץ באַגאָסן מיט נאַפט.

דער עולם האט זיך אַ שפּאַר געטון פון די פּלעצער, געוואַלט בעסער זען, ארויפגעקראָכן אויף ביימער, אויף אויטאָמאָבילן. טאַטעס האָבן אויפגעהויבן די קינדער, מענער האָבן געהאַלטן זייערע ווייבער אויף די אַקסלען און מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס געוואַרט וואס ס׳וועט געשען.

מעקלור, אָנגעטון יום-טובדיק, איז אונטערגעגאַנגען מיט חירדע און נישט אויפגעהערט איבערצוחזרן:

— כ׳דאַנק גאָט, וואָס ער האט מיר געהאָלפן קריגן גערעכטיקייט פאַר מיין אָרעמער טאָכטער! כ׳דאַנק גאָט —

בוקערטס אויסגעלאָשענע אויגן האָבן זיך אַ צינד געטון, ס׳בלוט האט זיך אַ שפּאַר געטון אין די שלייפן, אין קאָפּ איז געוואָרן לופטיקער, האט אים אַזאַ ליכטיקייט ארומגענומען, אַז ער האָט אַרומגעכאַפּט דעם גאַנצן עולם. אָן אַ צאָל געשעענישן האָבן זיך אָפּגעצייכנט אין איין רגע, אַלע אַזוי בולט קלאָר, מיט אַלע קלייניקייטן און אינטער די קלייניקייטן האט זיך געצויגן, ווי אין חלום, אַ פאַרחייטיקטע בלייכקייט ארויסגעקוקט פון צווישן די געשעענישן, ווי פון אַ באַהעלטעניש איינגעקרעמפּט דאָס האַרץ יעדעס מאָל איינגערוימט: קעררי, קעררי — —

מעקלור האָט אָנגעצונדן א שוועבל און עס צוגעטראָגן צו די צווייגן.

— אָ׳ה׳ה... -- איז דורך אין דער לופט, ווי אַ ווינט וואָלט געווייט, און דער עולם האט זיך נענטער אַ שפּאַר געטון.

איבער אַ רגע האט זיך בלויז געזען אַ בלוי פּלעמל. באַלד האט דער נאַפט זיך צעפלאַקערט, פונקען האָבן זיך צעשאָטן, האָלץ האט גענומען קנאַקן. אין איין אויגנבליק האבן זיך בוקערטס הויזן אָנגעכאַפּט, און ס׳האט זיך געהערט אַ סמאַליע פון פלייש. ער האט צומאל קיין קרעכץ געטון.

די פלאַמען זענען פֿאַמעלעך געקראָכן איבער זײַנע קליידער, פֿונקען האָבן זיך אַ שפּאַר געטון פֿון אַ געדיכטן, גרויען תּאָלקן רויך. בוקערט האָט אַ דריי געטון דעם קאָפּ, און אין זײַן צונויפֿגעקאַרטשעט פּאַראַליטיקט פּנים איז געווען עפּעס אַ מילדקייט. מיט אַמאָל האָט ער זיך גענומען קאַרטשען הינטער די שטריק, זיך אַ ציִ געטון, עמעצס אַוועקגערוקט דעם קאָפּ פֿון וואַקסענדיקן פֿײַער און צום ערשטן מאָל זיך צעשריגן:

-- אוי, מײַן גאָט! מענטשן לאָזט מיך אָפּ! כ׳האָב אײַך עפּעס צו זאָגן, כ׳בעט אײַך לאָזט מיך אָפּ, אוי, מײַן גאָט, מײַן גאָט...

מיט פֿאַרקוועטשטע פּיסקן, די ווײַס-שרײַענדיקע צײַן אײַנגעביסן אין די ליפּן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי אַ פֿאַרבלוטיקטע וווּנד, האָט ער זיך געדרייט, געקאַרטשעט, באַווויגן מיט יעדן גליד, מיט יעדן מוסקול, געקרעכצט ער האָט זיך צעשריגן מיט איפּטרײַסלענדיקע קולות. די מוסקלען אויף די הענט, אויף דער ברוסט האָבן זיך אָנגעצויגן ביז צום פּלאַצן; די אויגן בלוטיקע, זענען געקראָכן פֿון קאָפּ און די געשרייען זענען פֿאַרהילכט געוואָרן פֿון תּילדן המון:

— מען דאַרף מיט אַלע אַזוי טון

— אַ לעסאָן. (אַ לעקציע)

— ער וועט שוין מער קיין ווײַס מיידל נישט באַפֿאַלן!

-- פּילסט? — האָט אײנער אַ שניף געטון און זיך באַלעקט.

— אַה-ה, טאַקע!

— סמאַליעט!

-- אַ הזר!

מעקלור איז געווען באַרוישט, זיך געוואַקלט פֿון גליק. ער האָט אָפּגעוואָרפֿן דעם ראָק, זיך גענומען קלאַפּן מיט די פֿויסטן אין דער ברוסט, לייכט אָפּגעוואָרפֿן די פּיס און הייזעריק געזונגען. דער עולם האָט אונטערגעכאַפּט, אַן עלטערער קצב האָט זיך אים געוואָרפֿן אין די אָרעמס. זיי האָבן זיך געקושט, זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד און זייערע צעהיצטע קערפּערס האָבן זיך געקאַרטשעט אויפֿן גראָז. דער עולם איז געוואָרן ווילד, זיך אַרומגעכאַפּט, געשריגן, ווי ער וואָלט מיט אַמאָל זיך געוואָלט באַפֿרײַען פֿון עפּעס פּרעמדס, וואָס איז געהאַנגען ווי אַ קייט אַרום זײַנע פּיס און ס׳האָט אויסגעזען, ווי דאָס געצנדינערײַ

האַט נאָך אַ צוויי טויזנט יאריקן שלאָף, זיך צוריק אויפגעכאפט אינם מענטשן, נעמט נקמה פאר די אויסגעצערטע קערפערס, געשמיסענע לייבער, וויל אויסרייסן מיטן ווארצל די דורות פון צוריקגעהאלטנקייט. האט מען דעם געקרייצטן גאט, וואס האט מיט דעם כשוף-וואָרט „רחמנות” צעבראכן די אַלטע געטער, זיך געראנגלט מיט אויסגעלאסנקייט און זינד, צוריק ארויפגעזעצט אויף דער שטאַבע און אונטער-געצונדן.

בוקערטס געשרייען זענען ג׳נוואַרן שוואכער, ווי די כחות וואלטן אים פארלאָזן. דער קאפ ווי פארחלשט איז געלעגן אויף דער ברוסט. ער האט נישט געשאלטן, בלויז געקרעכצט און זיך געבעטן:

— מענטשן, האט רחמנות, דערשיסט מיך! מענטשן...

— קיינער האָט זיך נישט צוגעהערט.

פלוצלונג האט דער שטריק, וואס איז געווען ארום די אקסלען און דער ברוסט, זיך איבערגעברענט און נאכגעלאזט. די קייט האָט זיך אראפגעגליטשט פון די ארעמס, און ער האט זיך אויסגעגלייכט, געשטעלט עטלעכע טריט און זיך אַ ריס געטון. שטיקלעך ברענענדע קליידער זענען געפאלן דא און דארט.

דער ווילדער המון האט עס נישט ערווארטעט און זיך אפגערוקט אויף צוריק. אַ שרעק, אז דער ברענענדיקער ריז קאן יעדע מינוט זיך באפרייען און אריין צווישן עולם, האט יעדן ארומגענומען. די פרויען און קינדער האָבן אנגעהויבן שרייען, זיך געשארט צו די מענער.

די קייט ארום די פיס האט בוקערטן צוריקגעהאלטן. מיט צעשפרייטע הענט אינגאנצן פין אלאמען, האט ער זיך אַ לאז געטון צום המון, זיך איבערגעקייקלט און געבליבן ליגן אן אַ זייט פון פייער. דער קאפ איז געלעגן נידעריקער פון די פיס.

פאר אים איז ביסלעכווייז אלעס אפגעשטארבן, צעשווומען, בלויז אין די אויערן האבן האמערס טעמפ געקלאפט, דאס קלאפן האט זיך דערווייטערט, דערווייטערט, גענומען שווימען פאר די אויגן ווי פייערדיקע רינגען, אים ארומגעוויקלט. ער האט דערזען די מוטער איבער זיך, מיט אן אנגעהעיירער שנעלקייט גענומען מיט איר פליען, די פלאמען נאך אים. ער האט געעפנט דאס רעכטע אויג, געזען ווי מענטשן שטייען מיט די פיס ארויף און א ווילע געבליבן אזוי ליגן. די פלאמען

האבן אים איינגעהילט, געקנאקט, ווי מען וואלט אויף זיי געגאס[!]
אייל און די לופט איז פול געווען מיט סמאליִנעס.

דער המון איז זיך פאנאנדערגעפארן. ארום דעם צעברענטן פייער, וואס האט זיך דא אין דארט צעפלאקערט אויף א רגע אין געוונקען, האבן זיך יונגען ארומגעדרייט, געשארט מיט שטעקענעס אין אַש, געזוכט פאר א זכר, ווער אַ צאן, ווער אַן אפגעבּרענטן ביין, — די קומענדיקע דורות זאלן זען, אז זייערע פאָטערס זענען געווען בראווע אמעריקאנער.

די זון האט זיך גענומען זעצן ארום אים איז געווען שטיל — די שטילקייט פון א בית־עולם, ווען מען פארשיט א פרישן קבר און די יללות הענגען נאך אין דער לופט. פון וואלד זענען אנגעפלויגן קראען, געשפרייזט מיט צעעפנטע שנאבלען ארום דעם טליענדיקן בערגל, געקראקעט און געווארט, ס'זאל אויסגעלאשן ווערן. עס האט זיך געהערט א פארשטיקט ברומעריי, ווי די ערד וואלט ארויסגעלאזט די איינגעזאפּטע געשרייען און קולות. און די צלמים אויף דער סעמעטערי זענען געשטאנען פארפלאמטע אונטער דער פארגייענדיקער זון — דערצייילט וועגן געקרייצטן גאט, וואס רופט צו זיך די שוואכע.

# ראַסע

ביז מיטאָג איז געפאַלן אַ דינער טרוקענער שניי, דערנאָך האָט געכאַפּט אַ פראָסט און ס'האָט זיך געפילט אין דער לופט, ווי ער ווערט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער.

אַ באַרטיע לאַנד-מעסטערס זענען געווען צעוואָרפן איבערן פרייען פעלד. געריייניקט דעם שניי, געקלאַפּט פענדלעך אין דער געפרוירענער ערד, געשפּרונגען פון איין פוס אויפן צווייטן, געהויבן די הענט און געשריען:

— רעכטס!

— לינקס!

— אָל-ראַיט!

די קולות זענען געווען אַזוי אָפּט. געקומען פון אַלע זייטן, און ס'איז שווער געווען צו גלויבן, אַז נאָר זעקס מענטשן געפינען זיך דאָ.

שטיקלעך וואַלד זענען געווען צעוואָרפן איבערן גאַנצן שטח, דיביימער פאַרשנייטע, ווי מיט צעדריוועלטער וואַטע באַצויגן, זענען געשטאַנען איינגעקאַרטשקעטע, פאַריסן די נאַקעטע, איינגעדאַרטע צווייגן און זיך קיין ריר נישט געטון.

און אַז ס'איז אַ לאַנדמעסטער שטאַרק קאַלט געוואָרן, האָט ער געכאַפּט די האַק, זיך גענומען איינבייסן מיט איר אין אַ בוים, און יעדער קרעכץ פון דעם האַקער האָט זיך לאַנג געטראָגן איבער די פאַרשנייטע פעלדער.

אַ בלוי פייערל האָט זיך געצויגן איבערן שניי, אים געשמאָלצן, זיך פאַרלוירן אין אַ געדיכטן רויך, פון מאָל צו מאָל אַרויסגעלאָזט

בלויע פלעמלעך, צוריק פארשוווּנדן און איבערגעלאזט ארום זיך א קופערשיין.

דער אויפזועער איבער דער פּאַרטיע, א יידישער בחור, איז גע־שטאַנען בײַם „טרעגזיט", אנגעפירט די קאָמאַנדע מיט ביידע הענט, געווען צופרידן, וואס די ארבעט איז שוין באלד געענדיקט, וואס מאַר גן אין דער צייט וועט די „ליניע" זיין אויסגעלייגט.

פון לאַנג שטייען אויף איין ארט, האט דער פראסט אַזוי איבער־דורכגענומען, אַז ער האָט קוים געקאָנט רירן מיט די פינגער און מיט שווערקייט פאַרשרייבן די אויסמעסטונגען. ער האָט זיך געווענדט צום שכן, וועלכער האט זיך געהאַלטן מיט די הענטשקעס פאַר די אויערן און אונטערגעטאַנצט:

— וואָס זאָגסטו, דזשאן, ס׳וועט זיין אויף היינט גענוג?

— גענוג, גענוג! דער „סאָן אָוו ע גאָן", דער הינטישער זון, דער פראָסט, בייסט צו שטאַרק!

— אָל-ראַיט, מיר וועלן נעמען די לעצטע אויסמעסטונג

ער האָט אָנגעשטעלט דעם „טרענזיט", געמאכט מיט די הענט רעכטס, לינקס, אראפגעכאפט דעם שווארצן קעפּ, מען זאָל אים בעסער זען איבערן שניי און מיט אַ זינגענדיקן „אָל־ראַיט" אנגעזאָגט דער פּארטיע, אַז די ארבעט איז געענדיקט.

די שייגאָצים האָבן אַ כאַפּ־געטון די אינסטרומענטן און אין אַ ווײַלע ארום זענען אלע געשטאַנען אַרום פייערל.

— מיר וועלן גיין צוריק אין קעמפּ? — האט זיך איינער אָנגערופן.

— צו ווייט.

— מיר דארפן מארגן־ ענדיקן די ארבעט.

— דעריבער?

— ס׳קאָן זיין דא ערגעץ ווינט אַ פּארמער, וועלן מיר אי־בערנעכטיקן.

— טא וואָס שטייען מיר?

— קומט!

— קומט!

זיי האבן געכאפט די אינסטרומענטן אויף די פלייצעס און מיט אַ „רעגאַטים״ גאסן ליד זיך געלאזט זוכן אַ פארמער.

דער פראָסט איז פארקראכן אונטער די מלבושים, דורכגענומען די ביינער. די פארשנייטע פעלדער האָבן געבלענדט די אויגן, מיד געמאכט. עס האָט אנגעהויבן צו ווערן טונקל. די פארטיע איז שוין געווען עטלעכע וואכן אונטערוועגס, געגנבעט וווּ מען האָט געענדיקט די ארבעט, זעלטן זיך פארקליבן אין איינעם פון די „קעמפס״ וואָס זענען געווען צעווארפן איבער דער ליניע. אויסגעשמירטע, געפרוירענע האָבן זיי זיך געשלעפט איבער די פארשנייטע פעלדער, אויפגעהערט צו זינגען, געקוקט אין אלע זייטן טאמער וועט מען דערזען אַ ליכט, און אַפילו פארגעסן, אז מארגן אין דער צייט וועלן זיי זיין פריי יעדערער וועט קאָנען אויף צוויי וואכן פאָרן וווהין ער וועט גאָר וועלן. איצט האט אלעמען פארפאלגט איין געדאנק וואס גיכער צו זיין אין אַ ווארעמער שטוב און אריינגיסן אין זיך עפעס הייסעס, ס׳זאל בריען, ס׳זאל אויפטייען די פארפרוירענע גלידער, אַ מידקייט האט זיך איבער אלעמען געלייגט, און ווען איינער שטעלט זיך אפ און זאגט, אז ער קאָן ווייטער נישט גיין, וואלטן אלע געבליבן נעכטיקן אין מיטן בעלד.

— כ׳בין שוין מיד גייענדיק — האט איינער אַ בורטשע געטון.

— אז דאָס איז אַ וויסטעניש!

— ווער ווייסט ווו מיר פארקריכן?

— קומט, קומט! — האָט דער יידישער בחור זיי געטרייסט. — מיר וועלן געפינען אַ פארמער.

— לאמיר גאָר צעלייגן אַ פייער און דא איבערנעכטיקן — כ׳קאָן שוין נישט גיין!

אויב דו ווילסט זיך אויפהייבן מיט שטייפע פיס, אל־ראיט! — האט דער יידישער בחור, בלוי פון קעלט, געשפאסט.

די שייגאָצים האָבן זיך איבערגעקוקט, גאָרנישט געענטפערט און זיך ווייטער געשלעפט. יעדן האט אין הארצן, אליין נישט וויסנדיק פארוואס, פארדראסן אויפן „דזשו״. צי דערפאר, וואס דער „קיני״ איד פירט אן די פארטיע, צי דערפאר, וואס ער נעמט מער געהאלט, צי אפשר דערפאר וואס ער איז אויפגערוימט, נאר ווי די זאך זאָל נישט זיין,

האט יעדערער געזוכט זיך צו פארטשעפן מיט אים, ווי ער וואלט דער־מיט געוואלט פארגעסן די אייגענע צרות.

— מיר האָבן היינט אינגאנצן נישט געדאַרפט ארויסגיין — האָט זיך איינער אנגערופן.

— אינדערפרי איז נישט קאַלט געווען — האָט דער ייד גע־ענטפערט.

— אָבער ס׳האָט געשנייט! — האט אַ צווייטער אריינגעווארפן.

— סא וואס איז?

— אז עס שנייט גייט מען נישט מעסטן!

— דאס ערגסטע איז צו ארבעטן פאר אַ פריוואט-פירמע!

— מען דארף נאָר ארבעטן פאר דער רעגירונג!

— ווער האלט אייך? — האט זיך דער ייד אָנגערופן.

— זע נאר ווי שטייף ער איז! דו ביסט נישט דער באָס!

— איבער דער ארבעט בין איך דער באס!

— ביסטו!

— סא וואס דריגעסטו?

— ווייל איך וויל נישט אַרבעטן אונטער אַ ייד!

— קיינער נויט דיך נישט!

— וועל איך טאקע מער נישט אַרבעטן!

— ארבעט נישט!

דער ייד האט געציטערט פון אויפרעגונג נעפילט אז אויב זיי וועלן נישט געפינען קיין פארמער, קאָנען די פינף גוים אים דער־הרגענען. ער האט געוואַרט, אַז יעדע רגע וועט זיך עמעצער פון זיי אויף אים ווארפן, און זיך געוואלט קלאָר־מאכן פון וואנען נעמט זיך אזאַ שנאה צו אים. ער איז, דאכט זיך, געווען זייער גוט צו זיי קיין זאַך זיי נישט אויסגערעדט, ער פרירט דאך פונקט אַזוי ווי זיי זאל עס זיין בלויז דערפאר, וואס ער איז א ייד?

עס האט זיך דערהערט אַ ביל פון אַ הונט, אלע האָבן זיך אָפּ־געשטעלט, געוואלט כאַפּן פון וואנען דער ביל איז געקומען און דער־זען צווישן די ביימער אַ ליכט אין אַ פענסטער. אויפגערויטע האָבן זיי זיך אַ לאָז־געטון צו דער פארם. דער שיינעץ, וואס האט נישט גע־וואלט ארבעטן אונטער אַ ייד, איז אויסגעוואקסן נעבן דעם יידישן בחור:

— לאָזט מיך אַביסל האַלטן דעם „טרענזיט״; ס׳איז דאָך אייך קאַלט.

— אָל-ראיט, ס׳מאַכט נישט — האָט דער ייד אַ שאָקל־געטאָן מיט דער האַנט און געשפּרייזט ווייטער מיטן „טרענזיט״.

ער האָט דערפילט, אַז ער וועט זיך קיינמאָל נישט צונויפלעבן מיט די גוים: אַז ער לעבט אין אַ טעות — און אַ שנאה האָט זיך דער־וועקט אין אים.

1920

# מאַדאַם מאַרקיז

אַ הויכע, אַ בלאָנדע, מיט צוויי דיקע פלאַקסענע צעפּ, נאַכלעסיק פאַרלייגט אויפן קאַרק, וואָס, דאַכט זיך, וועלן יעדע ווײַלע צעפאַלן איבער אירע פּלייצעס, אַ פּאָר גרויסע, קורצזיכטיקע אויגן און אין דערזעלבער צייט אַזעלכע טיפע, בלויע אויגן, לויזע קליידער, וואָס פאַלן ווייך פון די אַקסלען און אין יעדן ריר פון איר קערפּער ליגט אַן אַנגענעמע, רייצנדע פוילקייט — דאָס איז מאַדאַם מאַרקיז.

זי ליגט אויף אַ ווייכער אָטאָמאַנע, לייענט כּלומרשט אַ בוך און מיט אירע פאַרזשמורעטע אויגן קוקט זי זיך צו, ווי איר שוויגער, אַ הויכע גרויע איטאַליענערין שפּילט זיך מיט איר פינף־יעריקן זון.

מיט אַמאָל צעלאַכט זיך די אַלטע, ווײַזט דער שנור אויפן אייניקל. זאָגט עפּעס און קושט אים אין קעפּל, אין די אויגן. די שנור שאָקלט מיטן קאָפּ. ווייסט נישט וואָס די אַלטע מיינט, לאָזט ליגן דעם בוך און פאַרטראַכט זיך.

זי קאָן זיך נישט אויסשמועסן מיט דער שוויגער, וועלכע איז נישט לאַנג אין לאַנד, געקומען אויף דער עלטער פון פלאָרענץ צו אירע קינדער. זיי רעדן זיך דורך אויף די פינגער, אויף שטום לשון און ווייסן קיינמאָל נישט, וואָס איינער וויל פון צווייטן. די שנור וווּנדערט זיך, ווי איר אוירווינג זיצט מיט אַן אָפן מויל און הערט זיך אײַן, ווי די באָבע דערציילט אים עפּעס אויף איטאַליעניש. די אַלטע רעדט מיט די הענט, מיטן פּנים מיט אַלע גלידער און דאָס ייִנגל הערט זיך אײַן, ווי ער וואָלט יעדעס וואָרט פאַרשטאַנען. און ווער ווייס? טאָמער רעדן זיי זיך דורך אויף קינדער־לשון.

די שנור דרייט זיך אויס, לאָזט אַרויס פון קאָפּ אַ ביינערנעם קאַם, הויבט אים אויף און זעצט אים אַרײַן אין אירע צעפּאַטלטע

האָר, ווי מען זעצט אַריין אַ ווידלע אין אַ בונט היי. זי נורעט זיך איין אין די ווייכע קישנס און פּילט, אַז ס'איז איר אומעטיק.

צייט די שוויגער איז געקומען צו איר אין הויז אריין האט מאדאם מאַרקיז זיך ארומגעזען, אַז אַלץ איז איר דאָ פרעמד, ווי די אלטע וואלט געווען איר געוויסן, און זי האט גענומען בענקען צוריק צו היים.

זי איז געבוירן געווארן, געוואקסן, און זיך אויסגעהאָדעוועט אין אַ הויף ביים שווארצן ים. פון קינדווייז אָן האָט זי אלעמען אויסגעמיטן, תמיד געווען פארטון מיט זיך אליין. אַז זי איז עלטער געווארן און די מעקלערס, וואס האָבן זיך געדרייט ארום איר פאטער האָבן איר נענומען רעדן שידוכים, האָט זי נישט געוואלט הערן דערפון. זי האָט תמיד געחלומט, אז „פעטשאָרין" אן אָפּגעברענטער פון דער זון און ווינט, מיט צעשויבערטע, שווארצע לאָקן וועט אין אַ שטורעמדיקער נאכט אָנקומען מיט זיין שיפל הינטער איר פענסטער. א שלאפנדיקע וועט ער זי ארויסגנבענען און אוועקפירן ערגעץ קיין קרים, צי קיין קאווקאז, ווו צווישן הויכע בערג, ווייט פון אַ מענטשלעכן ישוב, וועלן זיי וווינען.

די מעקלערס און די ארעמעלייט, וואס האָבן זיך נעדרייט ארום איר פאָטער, זענען צו איר אָפט געקומען מיט בריוו פון זייערע קינדער, וואס זענען געווען אין אמעריקע. זי האט פאר זיי געלייענט די בריוו, געטראכט, אז דארט, אויף יענער זייט ים, מוז ס'לעבן זיין ברייטער און זי האט באשלאָסן צו פארן אהין. נאך פיל קריגערייען מיט אירע עלטערן איז זי, מערי שטיין אַ זעכצן-יעריק מיידל אָנגעקומען נאך ניו-יאָרק. זי איז אַוועק ארבעטן אין אַ „שאפ". מערי איז פון ערשטן טאג אָן געווארן אנטוישט און ווען זי וואלט זיך נישט געשעמט, וואלט זי צוריק אַהיים געפארן.

דערווייל האט זי זיך באַקענט, כמעט אויף שטום-לשון, מיט פיליפ מארקיז, אַן אפגעברענטן איטאליענער מיט שווארצע האר, וואס פון שווארצקייט האָט מען זיך אין די האר געקאנט אייגשפיגלען. דער איטאליענער מיט די שווארצע, פארחלומטע אויגן, מיט די פלינקע באוועגונגען איז איר געפעלן. צו מייסטן אָבער איז איר געפעלן דער נאמען — מארקיז! ווי שיין דאס קלינגט! נאך יעדן שווערן טאָג

ארבעט, ווי מערי האט אין אן ענגן, שטויביקן שאפּ, אין דרייען אַ געבויגענע, גענייט א גאנצן טאג קנעפּ, איז ער, מאַרקיז, אַן אויסגע־פּוצטער אן אנגעפּערפיומירטער, צו איר געקומען. יעדן אָוונט האט ער זי גענומען אין אן אנדער פּלאַץ, זי אמוזירט, ביז דאס מיידל האט אים ליב געקריגן, געזען אין אים איר אמאליקן העלד „פּעטשאָרין" און האט מיט אים חתונה געהאַט.

מאַרקיז האָט געהאַט עטלעכע באַרבער־שעפּער, פּריזורעס, געווען פּאַרמעגלעך, האָט ער איר אויסגעמעבלירט אַ היים, ווי זי אַליין האָט נאָר געוואָלט. יעדן טאָג האָט זי זיך ערגעץ אַנדערש געוויילט, געהאַט אַ קרייז פּאַרערער — צו מיינסטן אַמעריקאַנער און אַמעריקאַניזירטע איטאַליענער. זי האָט נישט קיין צייט געהאַט צו טראַכטן וועגן זיך, כמעט פאַרגעסן, אַז זי איז אַ יידישע, אַז זי האָט עלטערן אין רוסלאַנד. אַז אוירווינג איז געבוירן געוואָרן, האָט זי עפּעס יאָ אַ טראַכט געטון, אַז מען דאַרף דעם יינגל „יידישן", זיך געשעמט פאַרן מאַן, גערעכנט, אַז פיליפּ ווייסט נישט, אַז זי איז אַ יידישע און באַשלאָסן אים צו רופן אברהם, נאָך איר זיידן, רופן אים „אייב" — איז צופיל יידיש. גוים האָבן נישט אַזעלכע נעמען. האָט זי געמאַכט אַ פשרה און אים אַ נאָמען געגעבן אוירווינג. נאָך דער קינדבעט האָט זי פאַרגעסן אָן אַלעס, פּשוט נישט צייט געהאַט צו טראַכטן דערפון. זי האָט זיך געוווּנדערט פאַרוואָס מענטשן האָבן אַ שלעכטע מיינונג איבער איטאַליענער — אַז זיי באַהאַנדלען שלעכט זייערע ווייבער. פאַרקערט, צייט זי וווינט מיט פיליפן האָט זי נאָך נישט געהערט פון אים קיין הויך וואָרט. נאָר צייט די אַלטע איז געקומען צופאָרן פון איטאַליע, איז ביי איר אין מוח געוואָרן אַן איבערקערעניש. עס האָט איר פאַרדראָסן, וואָס די אַלטע רעדט מיט אוירווינגן איטאַליעניש און שוין עטלעכע מאָל, צייט יאָרן, ווי זי האָט אָנגעהויבן צו טראַכטן אין יידיש. זי ווייסט נישט פאַרוואָס, נאָר אַז זי בלייבט איבער מיט דער אַלטער אין שטוב ציטערט זי, האָט דאָס געפיל, אַז די אַלטע איז אַ מכשפה קאָן זיך יעדע רגע וואַרפן אויף איר מיט אירע ביינערנע קנאָכן דעמאָלט פילט זי, אַז זי איז זינדיק. אירע טאַטע-מאַמע האָבן פאַר דער לעצטער צייט אנגעהויבן איר צו חלום קומען. זיי וויינען, בעטן זיך ביי איר, זי זאָל „יידישן" דאָס קינד, זי זאָל זיך גטן מיטן מאַן.

יעדעס מאָל כאַפּט זי זיך אויף אַן אויסגעמאַטערטע, קוקט, זיך אַרום, געפינט דעם מאַן נעבן זיך, רוקט זי זיך אָפּ, באַהאַלט זיך אין אַן עק בעט, ווי זי וואָלט זיך געשראָקן פאַר אים. תמיד ווען אירע עלטערן קומען איר צו חלום, געפינט זי אויף אירע הענט און פיס בלויע צייכנס, ווי קניפּן פון טויטע. איר דאַכט זיך, אַז אַלע האָבן זיך צונויפגערעדט קעגן איר, ליגן ערגעץ באַהאַלטן אין די ווינקלען, אונטער די בעטן, און ביי דער ערשטער געלעגנהייט וועלן זיי זיך וואַרפן אויף איר, זי באַשטראָפן. זי האָט אָנגעהויבן באַמערקן זאַכן, וואָס זי האָט ביז איצט נישט געזען. אַז זי איז געקומען מיט פיליפּן צו גאַסט האָט זי מער נישט געקאָנט הערן זיינע מעשיות. עס האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז אַלץ וואָס ער רעדט איז גראָב, אַז ער איז אינגאַנצן אַ גראָבער יונג, אַז היינט, מאָרגן וועט ער זי אָנהייבן שלעכט צו באַהאַנדלען, ווערן אייפערזיכטיק, ווי אַלע איטאַליענער און איר צעשניידן דאָס פּנים מיט אַ ראַזיר-מעסער. גאַנצע טעג איז זי אַרומגעגאַנגען אין געטראַכט ווי אַזוי צו „יידישן" דאָס קינד. צוערשט האָט זי געוואָלט עס דערציילן פיליפּן, דערנאָך האָט זי באַשלאָסן. אַז זומער, ווען זי וועט אַוועקפאָרן אין די בערג אויף פרישער לופט, וועט זי עס לאָזן טאָן אָן דעם מאַנס וויסן. זי האָט געהערט, אַז פיל איטאַליענער זענען זיך מגייר, ווען זיי האָבן חתונה מיט יידישע מיידלעך, איז ביי איר אין מוח אויף אַ רגע ליכטיק געוואָרן — ווער ווייסט? טאָמער, ווען זי בעט שטאַרק פיליפּן, פאַלט אים צו די פיס, וויינט, זי פועלט דאָך ביי אים אַלץ, וואָלט ער עס אויך געטאָן? דעמאָלט וואָלט זי פאַרבעטן צו זיך טאַטע-מאַמע... וואָס פאַר אַ מיאוסער מענטש זי איז! האָט שוין איבער דריי יאָר קיין בריוו זיי נישט געשריבן. די מאַמע מוז שוין זיין אַלט, אַלט פון צרות, האַלט מסתמא אין איין וויינען... און דער טאַטע? זי האָט דערפילט, ווי עס ווערט איר וואַרעם ביים האַרץ, און האַלז שטעלט זיך עפּעס אַוועק און די אויגן ווערן פייכט.

אויף אַ וווייכן דיוואַן איז געזעסן די אַלטע באָבע, געהאַלטן אוירוויגנען אויף דער שויס און אים עפּעס געזונגען.

מערי האָט זיך געטרייסלט, חשק געהאַט צו כאַפּן איר יינגל, זאָגן דער אַלטער, זי זאָל מער דאָ נישט אַריינקומען, זאָל זיצן אין

קיך אין זי האָט בײַ זיך אין געדאנק נאָכגעמאכט דער אלטער ווי זי זינגט -- קאַפּושעטא, שטי-לעטאָ, מאנ-צעטא, אלטע מכשפה!

זי האָט זיך אויפגעזעצט און אַ געשריי געטאָן:

— אירווינג, קום נאָר אהער!

אירווינג האָט זיך אַ ריס געטאָן פון דער באָבען, זיך אַ ווארף געטאָן דער מוטער אין די אָרעמס:

— מא—מא--

די מוטער האָט אים געקושט, געהאלזט און ס׳ערשטע מאל אין יאָרן האָט זי גערעדט צו אים יידיש:

— מיין זונדל, מיין אברהמל, וועסט פאָרן צום זיידן? האָסט אזא שיינעם זיידן מיט אַ לאנגער, גרויער באָרד, מיין אברהמל!

אירווינג האָט זיך ווי דערשראָקן, אָפּגעשטופּט די מוטער מיט די הענט, נישט פערשטאנען, וואס זי רעדט און מיט מורא געקוקט אויף איר.

— וואָס רעדסטו, מא? כ׳פארשטיי נישט...

— האָסט ליב די מא? -- האט די מוטער געפרעגט.

אירווינג האָט ארומגעכאפּט די מוטער מיט די הענט, מיט די פיס, איר אויסגעקושט דאָס פנים און די מוטער אַ האלב פארוויינטע האָט זיך געקאטשעט מיט אים אויף דער אָטאָמאנע. איר דערציילט האלב אין ענגליש. האלב אין יידיש וועגן זיך, וועגן אירע עלטערן און געפילט בשעת מעשה, ווי עס ווערט איר לייכטער.

1917

# אין גלות

וואלקאָוו האָט זיך אויסגעגלייכט, אפגעגאנגען עטלעכע טריט אויף צוריק און באטראכט דעם בוים, וואס ער האט נאר וואס פאר־פלאנצט. ביים פענסטער איז געשטאנען אַ יאָלקע, באהאנגען מיט פאר ביקע פאטשערקעס, מיט קאלירטע ליכטלעך. פייגן געוויקלט אין זילבער, טייטלען געוויקלט אין גאָלד האָבן ארויסגעשריי ן פון צווישן די גרינע נאָדלען. ווייסע שעפסעלעך מיט רויטע בענדעלעך ארום די העלזער. האָבן מילד אראפגעקוקט פון די צווייגן, וואס האבן זיך געבויגן פון צופיל משא. די יאָלקע איז געשטאנען אן אויסגעצירטע, זין געבעטן מען זאָל אָנצינדן די ליכטלעך. וועלן די פאטשערקעס זיך צעשפילן אין צענדליקער קאלירן, זיך טוקן אין זילבער, אין גאָלד און אָנפילן דעם צימער מיט פרייד.

וואָלקאָוו האט זיך אריינגעזעצט אין אַ וויג־שטול, געקוקט אויף דער יאָלקע און זיך נישט געחידושט, וואס אַ שווערער אומעט איז איבּ באפאלן, געשטיגן, וואס לענגער ער האט געקוקט אויפן בוים. אויסער פעטיאַן, זיין 6־יאריק יינגל, וועלכער האט געוויקלט וועלשע־נע ניס אין זילבער־פאפיר, איז אין שטוב קיינער נישט געווען. דאס ווייב מיט דעם עלטערן יינגל זענען געגאנגען בעטן פריינד, זיי זאלן קומען מיט זייערע קינדער צו דער יאָלקע. וואלקאוו האט פאר־ענטפערט זיין אומעט מיט דער וואכעדיקייט, מיט וועלכער ער באַ־געגנט ווייַנאכט אין ניו־יארק, מיט דעם וואס יידן וועלן בא אים זיצן ביז שפעט אין דער נאכט און שפילן אין קארטן, כאטש ס׳הארץ האט אים אונטערגעזאגט, אז ער נארט זיך אליין, אז עפעס שטייט אים אין וועג פון וואס מען דארף זיך באפרייען. און יעדעס מאָל וואס ער האָט זיך אַ נעם געטון אין דער האנט אריין, איז אלץ

אַרום אים צעשווומען און דער אומעט איז נאָך געווארן גרעסער.

וואלקאוו, דער געוועזענער פרעזידענט פון דער אזאווסקעדאָנסקער באנק, האט אפּגעוווינט מיט זיין פרוי אכט יאר און זיך קיין איין מאל נישט פארטראכט, אז זי איז אַ יידישע. דער פעטער זיינער אַן אלטער גוטבאזיצער, וואס האָט דורך די אכט יאר איבער צוויי מאל באזוכט, פלעגט נאך אַן איבעריק גלעזל אויסרעכענען זיין יחוס ביז אין פערטן, פינפטן דור, פארזיכערט, אז די וואלקאווס האָבן אויסגעבויט צאריצין, זיך געכאפּט קושן און יעדעס מאָל שטיל פארענדיקט אויפן אויער:

— צייס, איליושא, אַ טראכט צו טון וועגן דער נשמה.. גרושענקא, דיין ווייב איז אַ ווילע, זייער א ווילע, נאר דאס וואס זי נעמט נישט אָן אונזער גלויבן, ווערט נישט קיין פּראסאלאווגע...

וואָלקאָוו, אַן אויפגעלייגטער, האט יעדעס מאָל צוגעזאגט דעם פעטער, אז ער וועט מיט גרושענקען איבערעדן און גלייך ווי דער אלטער איז אוועקגעפארן, האט ער אָן אלעם פארגעסן. ער האט געלעבט גליקלעך מיטן ווייב, מיט די צוויי יינגלעך — וואניא און פעטיא — וואס זי האט אים געבוירן, אליין אויך נישט געגאנגען אין צערקווע און נישט געזען דעם אונטערשייד צווישן זיך און גרושענקען.

אויפן ניינטן יאר פון זייער התונה זענען קיין צאריצין אנגעקומען די באלשעוויקעס. וואלקאוו האט געוווסט, אז זיי וועלן קאָנפיסקירן אלע געלטער פון דער באנק, האט ער פארכאפּט וויפיל געלט ער האט געקאנט, מיטגענומען די פאמיליע, אנטלאָפן קיין סיביר און פון דארט קיין אמעריקע.

פון ערשטן טאג אָן, ווי זיי זענען אנגעקומען קיין ניו־יארק, האָט וואלקאוו דערפילט, אז ס'ווייב איז אַ יידישע. פעטערס מיט מומעס האבן זיך גלייך אפּגעזוכט, געהאלטן אין איין פארזארגן, זיי נישט אפּגעלאזט אויף אַ מינוט אליין. אויפן צווייטן טאג זענען זיי געווארן אזוי היימיש, אז זיי האָבן וואלקאוון אינגאנצן אויפגעהערט צו באמערקן, געגודערט יידיש, אז דעם גוי האט זיך אויסגעדאכט, זיי רעדן וועגן א'ם.

דער בעל־הבית, ביי וועמען זיי האָבן געקראגן אַ דירה אין געווען אַ רוסישער ייד, אַ דאקטאר. מיטן דאקטאר, האט וואלקאוו גערעכנט

חעט ער זיך צוזאמענלעבן, באַלד זיך ארומגעזען, אז דער דאָקטאָר האט אַ מאוסע טבע, רעכנט זיך נישט, וואָס ער, וואלקאוו, איז אַ רוס׳ פארשטייט נישט זייער לשון און אין מיטן רעדן פארגעסט ער זיך און גייט איבער אויף יידיש.

ער האט באמערקט, ווי גרושענקא ווערט אנדערש פון טאג צו טאג, פארשטייט נישט וואס מען רעדט צו איר, כאפט זיך אליין אויך רעדן יידיש, האָט דערביי גרויס הנאה, ווי אלטע, לאנגפארגעסענע זכרונות וואלטן זיך אין איר נעוועקט. ער בלייז זיצט אַ שטומער, ווערט מיד צו פרעגן וועגן וואס דער עולם לאכט, פילט זיך נאריש, איבעריק.

צומיינסטן אַרט אים פּאַר די קינדער. די גאס און זייערע יידישע חברים — איז וואלקאוו געווען זיכער — דערווייטערן די קינדער אינגאנצן פון אים. זיי קומען צו דער מוטער מיט טענות פארוואָס זיי זענען נישט געמלט, ווי דער מומע פאניאס קינדער זענען, דער פאטער ווערט יעדעס מאל אַן אָנגעצונדענער, נעמט אויסרעדן דעם ווייב, אז זי פירט איבער די קינדער, אז מען דארף זיי נישט שיקן צו די מומעס, האט באַלד חרטה, בלייבט זיצן אומבאהאלפן און טרייסט זיך, אז היינט, מארגן וועלן די באלשעוויק׳ס צוזאמענברעכן. ער וועט צוריקפאָרן קיין צאַריצין, נישט בלייבן אין דעם יידישן ניו־יארק, ווו ער מוז ארבעטן אַ גאַנצן טאג אין אַ קאנטאר פון שיפסקארטן פאר הונדערט דאָלאר אַ חודש און אַז ער קומט אַהיים איז אים אַלץ פרעמד — די באקאנטע, ס׳ווייב אין אַפילו די קינדער.

גייט ער אַ מאָל צו גאסט, ווו מען רעדט שוין יאָ רוסיש, איז נעבוג מען זאל נעמען צו גלעזלעך בראנפן און דער עולם הויבט אָן צו זינגען יידישע לידער, וואָס גרילצן אין די אויערן. וואָלקאָוון דוכט זיך, אז אלע שרייען — אָי־וואי, אַי־וואי! — און פארשטייט נישט, ווי נאך גרושענקא, אַ פארפלאמטע, העלפט אונטער.

ער האט באמערקט ווי די משפחה צאצקעט זיך מיט וואניאן, אַ בלייך, איידל יינגל. זיי טעהנן, אז ער איז געראטן אין דער משפחה. וואלקאוו האָט זיך גענומען צוקוקן צום יינגל, געזוכט אַן ענלעכקייט צו זיך און נישט געפונען. ער האט באשלאָסן, אז וואניא איז אַ קליין „יידל״ און ליבער געקראגן פעטיאן. ער האָט אָנגעקוואלן, וואָס פעטיא איז א שטיפער, וואס די פלאקסענע האר פאלן אים אין די

אויגן אריין, ווי אים, וואלקאוון. וואס ער קרימט איבער די מומעס, ווען זיי רעדן אלע איביינעם יידיש און זיך גענומען מער אָפּגעבן מיט אים.

איצט, קוקנדיק ווי פּעטיא וויקלט די ניס, האט וואלקאוו זיך דערמאנט, אז ער פלעגט אזוי זיצן און העלפן אויספּוצן די יאָלקע. עפּעס היימישעס האָט זיך אַ וועק געטון, צעוואָרעמט וואלקאוון און ער האט גערופן.

— פּעטיא, קום נאר אַהער!

ס׳יינגל האָט געלאָזט ליגן די ניס און זיך אַ וואָרף געטון דעם פּאטער אין די אָרעמס:

— פּאפּא! פּאפּא!

— ווייסט, פּאטיאַ, אז די ביסט, פּראוואסלאווּנער

ס׳יינגל האט נישט פארשטאנען, וואס דער פּאטער זאָגט און ברייט צעעפנט די בלאָע אויגן.

— אַ פּראוואסלאווּנער ביסטו, פּעטיא, אַ פּראוואסלאווּנער! דיינע עלטער-זיידעס האבן אויסגעבויט צאריצין, נישט געוווינט אין אַ טענעמענט-הויז צווישן יידן און דיין באָבע, גאסטאסיא, איז אין דער נאכט פון „ראזשדזעסטוואָ״ נישט געלאפן איינלאַדן יידן צו דער שמחה, ווי דיין מאמע טוט! „דוואריאנעס״, אמתע „דוואריאנעס״ זענען זיך צונויפגעקומען, נישט אזא אנלויף!

וואלקאוו האט געקושט פּעטיאן, אים געהאלזט. ס׳ערשטע מאָל גענומען דערציילן וועגן יעזוסן, וועגן זיין טויט, וועגן דעם, אז יידן האָבן אים געקרייצט, דערציילט מיט אלע קליינינקייטן, ווי ס׳איז ביי אים געבליבן אין זכרון און אַז ער האט דערזען ביי פּעטיאן אין די אויגן טרערן, האט ער פארגעסן, אז עס דארפן קומען געסט. אנגעצונדן די ליכטלעך, אנידערגעקניט מיט פּעטיאן פאר דער יאלקע און זיך שטיל צעזונגען.

די פלעמלעך האבן זיך געשפּיגלט אין די פּאטשערקעס, זיך געטוקט אין זילבער און גאלד, אפּגעגאסן די ווייסע שעפּסעלעך מיט אַ לייכטער רויטקייט און איבערן צימער האט זיך געטראגן אַ שטיל אומעטיק געזאנג.

# מיכאל

א שווערער, אן איינגעבויגענער, מיט ברייטע, צעיוירענע פינגער, וואס קאנען זיך פאר קיין פאל נישט צומאכן, מיט צעשפרייטע הענט און פיס, וואס דערמאנען פון דערווייטנס א גרויסע שפין — דאס איז מיכאל דער שבת-גוי פון דער שול „אנשי-אונגארן”.

מיכאל איז געבוירן געווארן, אויסגעוואקסן, חתונה געהאט און אפגעלעבט איבער פערציק יאר אין א קליין פויליש דערפל. ער איז געווען ארעם, מער ווי אן אייגענע „כאלופקע” נישט געהאט — האט מיכאל אפגעארבעט א האלב לעבן ביי א רייכערן פויער פאר צוויי רובל א וואך, און זיין ווייב און קינדער האבן צוגעהונגערט. ער האט געוווסט, אז דורכן זומער קאן מען אין פרייסן פון פעלד-ארבעט פארדינען גוט געלד, זיך אבער געשראקן צו פארן אהין. ער איז זעלטן ארויס פון אייגענעם דארף און אויסער אין די פאר דערפער, וואס זענען אין שכנות און אין דער נאענסטער שטאט, וואוהין ער איז געפארן קויפן שטיוול, איז ער אין ערגעץ נישט געווען.

די שרעק פאר דעם נייעם, אומבאקאנטן, איז ביי מיכאלן גע-ווען אזוי גרויס, אז פיל מאל האט זיך אים געדאכט, אז דארט, ווו די דערפער אין שכנות ענדיקן זיך, איז עק וועלט.

און אז דער הונגער האט צוגעשפארט, און יעדעס יאר איז אין דער „כאלפוקע” צוגעקומען נאך א מויל, האבן שכנים און דאס ווייב גענומען מיכאלן צורעדן, ער זאל פארן קיין אמעריקע.

גאנצע צען יאר האט גענומען ביז דער געדאנק צו פארן קיין אמעריקע האט זיך ביי מיכאלן דערווארמט, אריין אין זיין פארוואק-סענעם, טעמפן מח, צייטיק געווארן און דארט עפעס קלאר געמאכט.

באלד ווי מיכאל איז אנגעקומען קיין ניו-יארק האט ער געק-

ראגן די שטעל אין דער שול „אנשי אונגאַרן” פאַר דרייסיק דאָלאר
אחודש, ער איז געווען גליקלעך, קיינמאל נישט געבעטן קיין הוספה
און מורא געהאט אוועקצוגיין, ווען אפילו אַ צווייטע שול האט אים
געוואלט געבן מיט פינף דאָלאר אַחודש מער.

מיכאל האט נישט פארשטאנען קיין איין ווארט יידיש, כאטש
תמיד האט ער זיך איינגעהערט, וואס מען רעדט, געשטאנען א פּאַר-
טראכטער מיט א צעעפנט מויל, ווי ער וואלט געוואלט באגרייפן, וואס
דא טוט זיך, און אויפן זעקסטן יאר איז נאך אלץ געווען ביי אים
אזוי ניי און פרעמד, ווי אין דעם טאג, ווען ער אי געקומען קיין
ניו-יארק.

ביינאכט, אז מיכאל איז געבליבן אליין אין שול, איז אים תמיד
באפאלן א שרעק. ער איז זיכער געווען, אז די שול איז פול מיט
שדים. ווי דען אנדערש? דער גלח האט נאך קיינמאל נישט בא-
שפריצט דאס הויז מיט הייליק וואסער, וואקסן דא געוויס נישט-גוטע.
און די נישט-גוטע קאנען פארפירן, אָפּטאן, גאט-ווייסט-וואס האט ער
זיך אויפגעזוכט פון היימלעכקייט וועגן א שווארצע קאץ, געלעגן מיט
איר אין די לאנגע אווענטן אויף אן אויסגעבעטן טיש און זיך אזוי
לאנג אויסגעטענהט מיט דעם באשעפעניש, ביז ביידע זענען אנטשלאפן
געווארן.

די שול, די יידן די תלמוד-תורה, וואס איבער דער שול, די
קינדער און די יידישע געוועלבלעך וואס ארום און ארום, דאס אלץ
האט דעם פויער אזוי צעטומלט, אז ביי אים איז געבליבן נישט אנדערש,
ווי — אז „אמעריקא” איז א יידיש לאנד.

אין זיין שווערן מח איז געווען בלויז איין געדאַנק — קלייבן
אַ סענט צו אַ סענט. און דער פויער האָט געקליבן כמעט דאָס גאַנצע
פאַרדינסט. דריי מאָל אַ טאָג האָט ער פאַרשפרייט אַ צייטונג אויפן טיש,
ווו ער איז געשלאָפן. צעלייגט זיין פעקל הערינג, געריסן פון אַ
ווייצן-ברויט שטיקער, אונטערהאַלטנדיק די צעעפנטע האַנט די ברעק-
לעך זאָלן ארייַנפאַלן, און זיי געוואָרפן אין מויל אַריין. דער פויער
האָט זיך באלעקט, פאַרטרונקען מיט וואסער און אַ צופרידענער, האָט
ער מיט די פעטע הענט פון הערינג פארדרייט די לאנגע, געדיכטע
וואָנסן.

נאָך מיטאָג, האָט מיכאל געקאָנט אָפּזיצן שעהן־לאנג אויף דער וועראנדע, וואס ארום דער שול, און זיך צוקוקן צו די קינדער, וואס זענען יעדן טאָג געקומען אין דער תּלמוד־תּורה אריין. ער האָט גע־קוקט, ווי זיי שפּילן „טעג", זיך בשעת מעשה פארגעסן, ווי א יינגל, און דער הארפּאשנער פּויער האט צעעפנט דאס מויל, ווי ער אליין וואָלט געשפּילט, און אַז די קינדער האבן אים ארומגערינגלט, גענומען אויספרעגן פון וואנען ער קומט, אים געלערנט ציילן אין ענגליש, אויפגעמישט אין דער געאגראפיע די קאַרטע פון רוסלאנד און אים געוויזן, ווו ווארשע איז, האָט זיך ביים פּויער אין הארצן עפּעס צע־ווארעמט, און דעם שווייגנדיקער מיכאל איז געווארן רעדעוודיק. ער האט זיי גענומען דערציילן אין א געבראכענעם פּויליש אַז אזויערנאך וועלן זיי אים פארשטיין, פון וואנען ער קומט, אז ער האט אזעלכע קינדער ווי זיי, און אז די קינדער גייען אויך אין „שקאָלע". נאר דארט זענען די קינדער נישט אזוי ווילד, האבן אן אפּשיי פאר אַן עלטערן מענטשן.

די קינדער האבן נישט פארשטאנען קיין איין ווארט, זיך צע־שאָטן מיט א געלעכטער איבער דער וועראנדע, איבערלאזנדיק זייערע פּעקלעך ביכער ארום מיכאלן, איז דער פּויער געבליבן זיצן אַן אומ־באהאלפענער, אפּגעזיפצט, און איבער זיין ברייט צעאקערט פּנים האט זיך צעלייגט א צער. ער האט אַרויסגעשלעפּט א „דזשעאגראפי" פון א פּעקל ביכער, און פּונקט ווי א פערד, יוו עס זאל נישט פארן, טרעפּט עס פארן ערשטן מאל צוריק א היים, אזוי האט מיכאל טאפּנדיק אויפ־געזוכט די קארטע, געקוקט אויף דעם געלבלעכן פלעק, וואס האט אויסגעזען ווי אַן איבערגעדרייטער שטיוול און פאר קיין פאל נישט געקאנט באגרייפן, פארוואס דער געלבלעכער פלעק זאָל זיין פּוילן. און אז ער איז געזעסן און געטייטלט מיט זיין צעווירענעם פינגער, האט ער זיך ביסלעכווייז פארגעסן און געזען, ווי פון דעם קאַלירטן שטיוול וואקסט ארויס זיין דערפל.

פעלדער מיט געלע זאנגען וויגן זיך, בויגן די פולע קעפּלעך. גריקע בליט אין ווייסן, ווי אפּגעשאטן מיט שניי. איבער די זאנגען פארגייט זיך א „סקאווראנעק", און די לופט שמעקט מיט פרישן ברויט...

מיכאלס צוויי קי מיט פולע אייטערס קומען אַן פון פעלד,

בלייבן שטיין פאר זיין הויז, שמייסן זיך מיט די עקן איבער די
זייטן, פארדרייסן די קעפ און מעקן מען זאל זיי אויסמעלקן. דאס
ווייב מיט די קינדער לויפן ארויס. דאָס ווייב הייסט דער טאָכטער
אויסמעלקן די קי, אליין טוט זי זיך גיך אָן די שיך און לויפט אַ גליק־
לעכע צום דארף־לערער, ער זאל איר איבערלייענען אַ בריוו — מיכאלס
בריוו פון אַמעריקע. און דער לערער לייענט, — אַז מיכאל קומט
אויף נײַ יאָר אַהיים, פירט מיט זיך שיינע הונדערטער מתנות פאר די קינדער
און זי זאל נישט זאָרגן; ער וועט קומען וועט ער אפצאלן דעם
חוב אויפן הויז און אויפן שטיקל לאנד, און דער שליטן מוז שוין
זיין איינגאנצן פארזשאווערט, זאָל זי אים גלייך אוועקפירן צום
שמיד.

אַ יינגל האט ארויסגעריסן די „דזשעאָגראפי״ פון אונטער מיכאלס
האנט. ער האָט זיך פונאנדערגעטרייסלט, זיך ארומגעקוקט, אז ער זיצט
אויף דער וואַרענדע פון דער שול, אז ארום אים טומלען ווילדע קינ־
דער, וועמענס לשון ער פארשטייט נישט און טיף אפגעזיפצט.

בײַם פויער אין פארוואקסענעם מח האָט זיך זיין היים צע־
שוואומען, ווי אַן אלטער חלום. פון פארדרוס האט ער צעשפרייט הענט
און פיס, גענומען שפרייזן איבער דער וועראנדע, ווי אַ שפין, און
געטריבן די קינדער פון זיך.

---

זינט די מלחמה האָט אויסגעבראכן האָט מיכאל אויפגעהערט צו
קריגן בריף. ער איז ארומגעגאנגען אַ צעטראגענער, נישט פארשטאנען,
וואס די מלחמה האָט צו טאָן מיט זיינע בריוו. און דריי מאָל א טאָג,
ווי אַ זייגער, האט ער אפגעוואַרט דעם בריף־טרעגער. פון דערווייטנס
נאָך האט מיכאל אראָפגענומען פאר אים דאָס היטל, געבעטן מיט די
אויגן ווי אַ הונט, און מיט אַ פארכאַפטן אָטעם יעדעס מאָל געוואַרט
אויף א בריוו. און אז עס איז דורך אַ לאנגע צייט, און ער האט גאָרנישט
געהערט פון דער היים, האָט מיכאל אינגאנצן אויפגעהערט צו רעדן.
געזעסן אין אַ ווינקל שעהן נאכאנאנד, געפילט, אַז עס טוט אים עפעס

זיי, וואָס — האט ער אליין נישט געקאָנט באגרייפן און געווען זיכער אז אַ בריוו מוז קומען.

ער האט כמעט אינגאנצן אויפגעהערט צו עסן, געקויפט אַלטע זעמל, זיי געבראקט אין הייס וואסער און געקליבן אַ סענט צו אַ סענט.

יעדע נאכט פארן שלאָף, האט מיכאל אַרויסגענומען אַ שמאטע, אויסגעצײילט אויפן טיש זיין גאנץ געלט, געמאכט קופקעלעך — איינס צו באַצאָלן דעם חוב אויפן הויז, ס׳צווייטע אָפּצוצאָלן דאס שטיקל לאַנד, פארן דריטן קויפן אַ פּאר פערד. אזוי איז ער אָפּגעזעסן גאַנצע אָוונטן, זיך אויסגעטענהט מיטן ווייב, געדונגען אויפן מארק אַ פּאָר פערד, אָפּגעצאָלט די חובות, ביז דער שלאָף איז אים געקראכן אין די אויגן, האט מיכאל דעמאָלט צוריק איינגעוויקלט דאס געלט אין דער שמאטע זי באהאלטן זיך צוקאפּנס, ארויפגעקראכן אויפן אויסגעבעטן טיש און זיך געלייגט נעבן דער קאַך.

---

איינמאָל, ווען די קינדער פון דער תלמוד תורה זענען זיך צעגאַנגען אַ היים, האָט מיכאל פארשלאָסן די שול, ארויסגענומען פון בוזעם-קעשענע אַ בריוו, וואס ער האט פארנאכט געקראגן, און אַ צעטראגענער אריין צו אַ באקאנטן פוילישן ייד אין אַ שפּייז געוועלבל.

— פאניע, זייט אזוי גוט און לייענט מיר איבער דעם בריוו!

— פון דער היים?

— יאָ, פאניע?

מיכאל האָט פארשארט דעם קאפעליוש, געפילט ווי ס׳הארץ קלאפּט ווי א האמער, געקוקט דעם ייד אין מויל אריין און זיך איינגעהערט מיט לייב און לעבן.

דאס ווייבל האט אים געשריבן, אז צוערשט זענען געקומען אין דאָרף אריין קאזאקן, צוגענומען ביי איר די קו מיטן ווייסן פלעק. האָבן אלע אין שטוב געוויינט, אַ שאָד, געווען אזא בהמה געגעבן צען קווארט מילך אַ טאג. נאר וואס האָט זי זיך ארעמע געקאנט העלפן? דערנאך זענען געקומען דייטשן געגומען שיסן אויף די קאזאקן, האָט

זי מיט די קינדער זיך באהאלטן אין אַ גרוב פון קאַרטאָפל. אַ גאַנצע נאַכט דאָרט געלעגן, געשראָקן זיך די נאָז אַרויסצושטעקן, ווייל די קוילן האָבן געפייפט אַז מען האָט געקאָנט טויב ווערן. און גאָט זאָל איר מוחל זיין, זי האָט פאַרגעסן אַריינצוטרייבן אין שטאַל די הינער איז קיין איין לעבעדיקער פויגל נישט געבליבן... אין דער פרי איז שטילער געוואָרן, איז זי אַרויס פון גרוב מיט די קינדער, און וואָס וועט זי דערציילן — דאָס גאַנצע דאָרף איז געוועזן אָפּגעווישט. פון זייער הויז איז בלויז געבליבן דער פונדאַמענט...

מיכאַל האָט זיך מער נישט איינגעהערט. ער האָט געוווּסט, אַז זיין גאַנצע „פּראַצע" איז אַוועק מיטן פייער. געוואָלט נאָך עפּעס פרעגן דעם ייד, איז פונקט דעמאָלט אַריינגעקומען אין געוועלבל אַ קונה, האָט ער צוגענומען דעם בריוו, און אַ פאַרביטערטער זיך צוריקגע-שלעפּט אין שול אַריין.

מיכאַל האָט געשפּרייזט איבערן צימער, זיך יעדע ווײַלע אָפּגעשטעלט געוואָלט פאַרשטיין, וואָס די פרעמדע האָבן צו אים געהאַט. ער האָט דאָך מיט זיי נישט אָנגעהויבן. ער האָט געפילט, אַז קעגן אים איז באַגאַנגען געוואָרן אַן עוולה, נישט געוווּסט פאַר וועמען מען דאַרף זיך קלאָגן און פון דעם קרומען צעווירענעם, פון צופיל פּראַצע, פויער האָט אַרויסגעשריען אַ שטומער, טעמפּער ווייטאָג.

שפּעט אין אָוונט איז מיכאַל דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן אַריין אין אַ שענק.

# דזשים וואַנג

א מיטל-וווקסיקער, מיט קיילעכדיקע פּלייצעס, אַ צעשראָקן, אָפּגעבליאַקעוועט פּנים, וואָס דערמאָנט אַ סריס, שמאָלע מאַנדלאויגן, וואָס קומען זיך, דאַכט זיך, צונויף ערגעץ הינטער דער נאָז — דאָס איז דזשים וואָנג, דער „לאָנדרי-מאַן" (פּראַלנע-מאַן).

אויפן „געלן טייך", וואָס לויפט פאַרביי דעם „הימלישן באַרג", אין דער פּראָווינץ שאַן-שו, איז וואָ-וואָנג געבוירן געוואָרן אין אַ הילצערנער בערלינקע. די משפּחה איז נישט שטאַרק צופרידן געווען פון דעם ניי-געבוירענעם, געוווסט, אַז יעדנס פּאָרציע רייז וועט מיט דער צייט קלענער ווערן. נאָר אזוי ווי עס איז געווען אַ ייִנגל, האָט די משפּחה זיך נישט וויסנדיק געמאַכט, אים אריינגעלייגט אין אַ געפּלאָכטענעם קויש, איבערגעלאָזט אויף גאָטס באַראָט און געווען זיכער, אַז דער הייליקער קאָנפוציוס וועט אים-סיי-ווי צונעמען. דאָס קליינע כינעזערל האָט פּראָטעסטירט, זיך געריסן, געשריגן פון קוישל ארויס, געהאלטן אין איין דערמאנען אַלעמען אין דער בערלינקע, אַז ער לעבט, האָבן זיי נישט געקאָנט פאַרטראָגן די געוואַלדן און ביי יעדן מאָלצייט אים עפּעס צוגעוואָרפן. אזוי האָט זיך דאס כינעזערל כמעט אליין אויסגעהאדעוועט. אז ער איז עלטער געווארן, האט ער זיך אויף אלע פיר, ווי אַ חיהלע, ארויסגעשארט פון דער בערלינקע, ארויפגעקלעטערט אויפן דאָך, און צום ערשטן מאָל דערזען, ווי איבערן „געלן טייך" וויגן זיך בערלינקעס, איינע נעבן אנדערער, אָן אַ סוף. ער האָט פאַרזשמורעט די קליינע מאַנדל-אויגן און ווי א הינדל, וואָס פּיקט זיך ארויס פון אַן איי, האט ער געקוקט אין טיפן בלאָען הימל, געקוקט אויף די בערלינקעס, ווי קינדער, פונקט ווי ער, האבן זיך געשפּילט, געקוקט ווי פון ביידע זייטן טייך ציען זיך פעלדער מיט

גרינלעכן טיי און גערעכנט, אז דארט, איבער די פעלדער, ווי דער גרינלעכער טיי רירט אן דעם הימל, איז עק וועלט.

קיינער האט זיך זיך אים נישט אומגעקוקט איז ער געוואקסן ווילד, נישט געקאנט רעדן מיט א מענטש. גאנצע טעג איז ער געזעסן אין וואסער, געקלאפט מיט א בעמבעם נאסע שטיקער וועש, זיך פארקליבן צו די בלינדע זקנים, וואס זענען געזעסן ביז איבער דער העלפט אין הייסן זאמד, זיך אנגעהערט הייליקע מעשיות, און אפט פארפאלן געווארן אויף עטלעכע טעג. ער איז געווארן, אז דארט, ווייט, אויף יענער זייט „הימלישן בארג״ הויבט זיך אן אן אנדער וועלט, וו מענטשן וווינען נישט אין קיין בערלינקעס און עס האט אים געגומען ציען אין שטאט אריין.

דערווייל האט מען אים התונה געמאכט — געגעבן א קליין מיידל פאר א ווייב.

די משפחה איז אלץ געוואקסן. די פארציעס רייז זענען אלץ קלענער געווארן און דאס וואסער איז געווארן אזוי באזעצט מיט בערלינקעס, אז ס׳איז שוין באלד קיין ארט נישט געווען, ווי די וועש צו וואשן. האבן די איינוואוינער פון „געלן טייך״ באשלאסן צו פארן קיין אמעריקע.

וואנג איז געווען צווישן די ערשטע. א שווייגנדיקער, מיט שווערע פארראסטעטע געדאנקען אין קאפ, איז ער אנגעקומען קיין ניו-יארק. ער האט באלד געקראגן א שטעל ביי זיינס א לאנדסמאן אין א „לאנדרי״ (וועשעריי). שטייענדיק גאנצע טעג איבער א באליע, ביי א וואש-ברעט, האט וואנג נישט אויפגעהערט צו טראכטן פאר וואס מענשן הונגערן אויפן „געלן טייך״ אין בערלינקעס, ווען אין ניו-יארק שארט מען גאלד אין די גאסן, ווען מען וואלט איבער געהערט, וואלטן זיך אלע כינעזער אפגעשוירן די צעפ, אויסגעטון די קאפטאנעס מיט די טוכענע שטעק-שיכלעך, זיך אנגעטון ווי מענטשן און אריבערגעקומען קיין אמעריקע. איז א וואונדער, וואס אלע לאכן פון זיין בעל-הבית? וווינט שוין אין דער געגנט איבער פינפצן יאר, קאן זיך נישט צונויפרעדן מיט א שכן, לעבט אפגעזונדערט, גאלט זיך יעדע וואך דעם קאפ, ווי ער וואלט נעכטן געקומען פון „געלן טייך״ טראגט א קאפטן ווי אן אלטע מויד, און אז א מיידל קומט אריין, קוקט ער זי נישט אן.

וואנג האט באשלאסן אז גלייך ווי ער וועט זיך קויפן אַ „לאנדרי”, ווערן אַ בעל־הבית פאר זיך, נעמט ער אראפּ דעם צאפּ, טוט זיך אן ווי אן אמעריקאנער און וועט מער נישט האבן צו טון מיט די לאַנדסלייט, זיין בעסט פארגעניגן איז געווען יעדן טאג נאָך דער ארבעט זיך ארייננצוזעצן אין פענסטער, פארלייגן די הענט, שעהנוויז קוקן ווי מענטשן גייען פארביי, ווי קינדער שפּילן זיך. נאכצוקוקן יעדעס מיידל ווי זיי גייען מיט פאררויסענע קעפּ, ווי זיי רופן מיט יעדן בויג. און עס האט אמאל געטראפן, אַ מיידל, פארבייגייענדיק, האט צעעפנט די ווייסע ציין און צו אים אַ שמייכל געטון, איז ער געווען דער גליקלעכסטער. ער איז אפילו נישט בייז געווארן אויף די קינדער, וואס האבן זיך צונויפגעקליבן פארן פענסטער, זיך איינגעצויגן די אויגן ווי מאנדלען און אים נאכגעקרימט. ער האט כלומרשט געשמייכלט און בשעת מעשה געווארפן מיט די צעשראָקענע אויגן, ווי אַ קרוליק, ווען אַ שלאנג שטיקט אים, און אז די חברה איז געווארן ווילד, אויפגעפראלט איינמאל נאכן צווייטן די טיר, ארייגעשטעקט עטלעכע קעפּ און אזוי הויך ארייגעשריגן, אז די שויבן האבן געציטערט, האט וואנג פארהאנגען דאָס פענסטער מיט אַ ליילעך, פארשלאסן די טיר, ארויסגענומען פון זיינעם אַ קופּער אבלאָען אנצוג, זיך אנגעטון, זיך אויסגעבונדן אַ שניפּס צעפלאכטן דעם צאפּ, אים צעלייגט איבערן גאלן קאפּ ווי האר און זיך געשפּיגלט.

ער האט יעדן אוונט איבערגעציילט זיין געלט, אויסגערעכנט וויפל וואכן ער האט נאך צו זאמלען, איבערגעציילט אויף די פינגער, וויפל „לאנדריס” ער האט געהאט אויפן אויג, אַ צופרידענער האט ער זיך ארייגעלייגט אין אַ שווערן ליילעך, זיך איינגעוויקלט און געשמאק געשלאָפן אויף דער הארטער פּאָדלאָגע.

גאַז ער האָט געהאט דאָס גאַנצע געלט, האָט ער זיך געקויפט אַ „לאַדרי” אין אַ יידישער געגנט. דאָס ערשטע איז ביי אים געווען איבערצומאכן דעם נאמען, עס זאָל קלינגען מער ענגליש און אָנשטאָט וואָ-וואָנג האָט ער געלאָזט אויפשרייבן אויפן פענסטער דזשים־וואָנג. ער האָט זיך געלאזט אַראפּנעמען דעם צאפּ, זיך אנגעטון אַמעריקאַנער קליידער, געהאלטן ווייסע אַרויסהעלפערס, אפילו נעגערס און פאַר קיין פאַל נישט געוואלט צונעמען אַ כינעזער, כאטש עס וואלט

אים אויסגעמאַכט פיל ביליקער. ער האָט ביסלעכווייז גענומען פאַר־ציען אַ באַקאַנטשאַפט מיט דער חברה יונגען, וואָס זענען געשטאַנען גאַנצע אָוונטן אַרום דעם סאָדע־געוועלבל, וואָס קעגנאיבער, און גע־בלעקעצט. ער האָט געשפּילט מיט זיי אין ווערפל, אַריין מיט זיי אין אַ שענק אויף ביר, דערווייל געוואָר געוואָרן, ווי יעדעס מיידל אין דער שכנות הייסט, ווי אַלט זי איז און צי האָט זי שוין אַ יונגנמאַן. ער האָט מער נישט געוואָלט וויסן, אַז ער איז אַ כינעזער, אַז ער האָט געלאָזט אַ ווייב אין דער היים, גאַנצע טעג געקלערט וועגן ראָזען, אַ געפּודערט יידיש מיידל, וואָס האָט יעדע וואָך צו אים אריינגעבראַכט קעלנער צו וואַשן. תּמיד, ווען זי איז אַריינגעקומען, האָט ער פאַר־צויגן מיט איר אַ שמועס, זי איינגעלאַדן אין וואָדעוויל, איר צוגעזאָגט זי אַהיימצונעמען אין אַן אויטאָמאָביל. ראָזע האָט נישט געענטפערט, צעעפנט די רויטע ליפּן זיך געהאַלטן פאַר די זייטן און אים געלאַכט אין פּנים אַריין. און אַז ער האָט זי מכבד געווען מיט אַ באַמבאָניערע האָט זי צוגענומען, זיך אוועקגעשטעלט צווישן דער חברה „באיס״ וואָס ביים סאָדע־געוועלבל, אלעמען מכבד געווען און זיך געוויצלט אויפן כינעזערס חשבון.

דזשים וואָנג האָט יעדעס מאָל געפילט, ווי די נכפה עסט אים, נישט געקאָנט זען, ווי די חברה שפּיפּן אַרום מיט ראָזען און זיך געטראַכט, אַז ער טויג צו גאָרנישט. ווייסט אפילו נישט אומצוגיין מיט אַ מיידל, וואָס ער האָט ליב.

איינמאָל פאַרנאַכט, ווען ראָזע האָט אים אריינגעבראַכט די קעל־נער און אין דער „לאַנדרי״ איז קיינער נישט געווען, האָט ער פאַר־צויגן אַ שמועס מיט איר, געפילט, אַז איצט איז די צייט, איר אַלץ אויסצוזאָגן. ראָזע האָט געקייכט פון געלעכטער, האָט וואָנג זי לייכט ארומגענומען און איידער וואָס, ווען, האָט ער נישט ווילנדיק איר אַ קוש געטון. ראָזע האָט אויפגעהערט לאַכן, זיך אַ ריס געטון פון אים, איבּ אָנגעשפּיגן אַ פול פּנים, אַרויסגעלאָפן און אַ קלאַפּ געטון מיט דער טיר, אַז אַלע, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער גאַס, האָבן נייגיריקע געגומען אַריינקוקן צו אים אין פענסטער.

ראָזע האָט אַלעמען דערציילט, וואָס עס איז געשען און דער עולם ארום זיין פענסטער איז געוואָרן אַלץ גרעסער.

— שלעפּט דעם כינעזער אַרויס פאַרן צאָפּ, — האָט זיך איינער אָנגערופן.

— וועט ער וויסן ווייסע מיידלעך צו קושן, — האָט אַ צווייטער אונטערגעהאָלפן.

דזשים וואָנג איז געשטאַנען אין פענסטער, געוואָרפן מיט די צעשראָקענע אויגן, ווי אַ קראָליק, ווען אַ שלאַנג שטיקט אים. און געזען ווי אַלע יידן, קריסטן, נעגערס, אַלע האָבן פאַרגעסן די שנאה איינער צום צווייטן, זיך צונויפגערעדט קעגן אים, דעם כינעזער, וואס האָט אַ קוש געטון אַ ווייס מיידל, און ווילן אים „לינטשן".

ער האָט דערפילט, אַז אומזיסט איז ער געקראָכן פון דער הויט, געוואלט ווערן אַן אַמעריקאנער און באַשלאָסן צוריק זיך לאָזן אָנוואַקסן אַ צאָפּ, אנזאמלען וואס מער געלט און אַהיימפארן צום ווייב, וואָ בענקט נאך אים אין דער בערלינקע אויפן „געלן טייך"

1918

---

## פיר נעגער

דאס קלאפן אין ראד האט זיך פויל צעוויגט—גלין גלאַן, גלין גלאַן — געווארן שטארקער, געטרייסלט די שויבן, אפגעהילכט אין די פינסטערע צימערן און אלעמען ארויסגעשלעפט פון די בעטן. האַלב אנגעטון האט דער עולם זיך ארויסגערוקט, פארלוירן זיך איינגעהערט אין דער קלינגעריי, וואס האט זיך געטראגן איבערן שטעטל. געווארן העכער און העכער און יעדער איינער האט געפרעגט ביים שכן:

— ס׳ברענט?

ווו ברענט?

די פיר נעגערס, וואס זענען געשלאפן אין דער שטאטישער תפיסה, זענען אַראפ פון די נארעס, ארייגעשטעקט די קעפ אין די קליינע פענסטערלעך מיט די אייזערנע שטאכעטן און זיך איבער-געוואָרפן:

— וואָס, אַ פייער?

פון אַלע טיילן שטאָט האָט דער המון געצויגן צו דער תפיסה. מען איז געקומען מיט העק, ברעכ-אייזנס און שטריק. דער שעריף מיט עטלעכע וועכטערס זענען געשטאנען מיט אָנגעלאָדענע ביקסן ביים ארייננאנג פון טויער, געהאַלטן דעם עולם פון דערווייטנס און זיך געבעטן:

— צעגייט אייך!

— צעגייט אייך, שכנים!

— מיר ווילן גערעכטיקייט! האָט זיך געהערט פון אַלע זייטן.

— דאָס ווילן מיר אויך! — האט דער שעריף זיך אַ קלאַפ געטון אין הארץ אַריין און געוויזן אויף די וועכטערס — צו וואָס,

מיינט איר, זענען מיר דאָ? אַ פאַרברעכער דארף איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון געזעץ.

— מיר זענען ס׳געזעץ! — האָט איינער איבערגעריסן דעם שעריף.

— אמת, מיר זענען ס׳געזעץ! האָבן עטלעכע אונטערגעבאַפּט.

— דער שעריף האָט אונז אָפּגענארט!

— מיטגעפּאָרן מיט אונז זוכן דעם נעגער, ווען ער האָט אים געהאלטן אין דער תּפיסה!

— גיב ארויס דעם נעגער!

— גיב אונז איבער די בעסטיע!

די נעגערס זענען אָפּגעטראטן פון די פענסטערלעך, אויסגע־גלאָצט די גרויסע, געלבלעכע ווייסלען, געשטאנען ווי איבערגעשראָקענע חיות און געשוויגן. דער עלטסטער צווישן זיי, אַ גרויער, האָט אַראָפּ־גענומען פון האַלז אַ צלמל און אַנידערגעקניט.

— ס׳צלמען וועט אים העלפן! — האָט אַ יונגער אַ ברום געטון, געשפּרייזט ארום און ארום דעם צימער מיט אָנגעשטרענגטע אויגן, ווי ער וואָלט געזוכט אַן עפענונג דורך וואנען צו אנטלויפן.

דזשאַן, עטוואס אן איינגעבויגענער, מיט צעשפּרייטע פינגער פוןביידע הענט, די אויגן ארויס פון קאָפּ, האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, געשטאנען און געציטערט, ווי מען וואָלט אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ שווערער זאך איבערן מוח.

— איר הערט, זיי ווילן דזשאנען! — האט דער יונגער געלאָזט פאַלן אַ ווארט און זיך נישט אויפגעהערט צו דרייען ארום און ארום דעם צימער.

— מיר וועלן אים נישט ארויסגעבן — האט דער אלטער זיך אנגערופן.

די אַנדערע צוויי האָבן געשוויגן, געווען פארטון מיט זיך, ווי זיי וואָלטן זיך נישט איינגעהערט צום אלטן.

דאס געשריי אין דרויסן איז געווארן גרעסער, געקומען פון אַלע זייטן. דער המון איז געוואקסן, זיך געשפּארט נענטער צום שעריף, געפאדערט מען זאָל אַרויסגעבן דזשאנען.

און יעדעס מאָל, ווען די אַרעסטירטע האָבן געהערט דזשאַנס

נאָמען, נישט זייערע, האבן זיי זיך אויסגעפּלייכט, די פאַרחושכטע פּנימער זענען אויף א ווײַלע רויקער געוואָרן, ווי אין דער געפאַר יעדע רגע צעריסן צו ווערן פון המון, וואָלט מיט אַמאָל אויפגעשיינט די האָפנונג זיך צו רעטן.

דער עולם האָט זיך גערוקט אַלץ נעענטער צום טויער. פרויען זענען געשטאַנען צווישן די מאַנסבילן, געהעצט, צוגעגעבן קוראַזש, האָט זיך יעדער געוואָלט אויסצייכנען, אַרויס ווייזן זיין בריהשקייט.

דער שעריף איז אריין אין דערמיט:

שכנים, איך אַפּעליר צו אייך אין נאָמען פון געזעץ, צעגייט אייך, — — — בירגער און שכנים! — — — קיינער האָט זיך נישט איינגעהערט. יעדער האָט געשריגן עפּעס אַנדערש, פאַרהילכט דעם שעריפס קול און דער המון מיט צונויפגעבײַלטע פויסטן, מיט העק און שטריק, האָט זיך גערוקט אַלץ נעגטער. דער שעריף האָט געזען ווי דער המון שטייט איבער אים, ווי אַ וואַנט, קאָן זיך יעדע מינוט אַ שפּאַר טון, אים איינקלעמען: געזען, אַז מיט גוטן קאָן ער גאָרנישט אויפטון. האָט ער אַ ווינק געטון צו די וועכטער און מיט אַ מאָל האָבן אלע אויסגעשאָסן אין דער לופט.

די וואַנט מיט מענטשן האט זיך פון שרעק אַ רוק געטון אויף צוריק, דער כעס איז געוואַקסן. אַ יונג האָט זיך ארויפגעכאַפּט אויף אַ טויער. אַ וועכטער האָט אים מיט דער דיקער זייט פון דער ביקס אַראָפּגעוואָרפן. דאָס איז געגוג געווען. מיט אַ געשריי, ווי ווילדע אינדיאַנער, האָבן זיי זיך אַ שפּאַר געטון צום שעריף געגעוועט:

— הו-הו! הו-הו!

— פאַרוואָרפּט די שטריק!

— אָט אַזוי!

— נעמט אים!

— הענגט אים!

— הו-הו!

דאָס געשריי איז געוואָרן ווילדער, העכער, זיך געהויבן איבער דער תּפיסה, געקומען מיט אַ האָגל שטיינער, פלעשער און העלצער.

די נעגערס האָבן זיך אָפּגעטיילט פון דזשאַנען, זיך געסודעט. דזשאַן, א געבויגענער, מיט צעשפּרייטע פינגער פון ביידע הענט, האָט

זיך אײַנגאַנצן געטרייסלט. אין די גלעלבלעכע ווייסלען איז געלעגן דער צער און אומבאַהאָלפנקייט פון אַ בהמה אײדער מען גייט זי שחטן.

— וואָס וועט זײַן? וואָס וועט זײַן? — האָט דער אַלטער געשוויבערט זײַנע גרויע קרײַזלעך.

— זיי ווילן אים!

— זיי ווילן דזשאַנען!

— אויב איר פּאָלגט מיך נישט, וועט מען אונז אַלעמען לינטשן!

— טאַ זאָגט אים!

— לאָמיר אים זאָגן!

— געהערט, מיר דאַרפן ליידן פאַר אים!

— זיי ווייסן צומאָל נישט, אַז מיר זיצן דאָ!

— טאָ לאָמיר אים זאָגן!

אַלע דרײַ האָבן זיך אַ לאָז געטון צו דזשאַנען, געבליבן שטיין מיט צעעפנטע מײַלער, ווי זיי וואָלטן געקלערט, ווי נאָך אָנצוהייבן. דזשאַן איז אַ פאַל געטון צו זייערע פיס, גענומען קושן, זיך צעוויינט אַזוי שפּיציק, אַז ס׳האָט דורכגעשוידערט:

— ברידער, לאָזט מיך נישט הרגענען!

— האָט רחמנות אויף אַ ברודער!

דאָס געוויין האָט זיי גערירט. דער שרעק אָבער, אַז זיי פאַרלירן צײַט, ווערן מיטגעצויגן, ווי איינער. וואָס ראַטעוועט אַ טרונקענדיקן ווערט מיטגעשלעפּט צום אָפּגרונט, די זעלבע שרעק האָט אָפּגעטעמפּט אין זיי יעדעס געפיל.

די געשרייען זענען געקומען פון קאָרידאָר:

— ער איז אין קעלער!

— די בעסטיע איז אין קעלער!

— דער שעריף וועט פאַרזאָגן אַ צענטן זיך נישט אָנצונעמען פאַר אַ נעגער!

— האלט גרייט די שטריק, באיס!

— מיר ווע̇לן אים הענגען אין מיטן גאס!

די נעגערס זענען געבליבן שטיין אן לשון, דערזען דעם טויט פאר די אויגן, מיט אַמאָל האבן זיי זיך א וואָרף געטון אויף דזשאנען. געעפנט די טיר, אים ארויסגעשליידערט, ווי מען ווארפט אַ קאלב צי אַ פערד צו אַ סטאדע וועלף, אַבי צו קאָנען אנטלויפן, זיך ראטעווען דאס לעבן.

1920

# אַ געשלעג

אין אָוונט האָבן ייִנגלעך פֿאַרשלעפּט אויף אַ ליידיקן „לאַט״ אַן אַלטן מאַטראַץ, אים אײַנטערגעצונדן, זיך אויסגעשטעלט אין אַ שורה און געשפּרונגען איבערן פֿייער. דאָס פֿייער איז געוואָרן אַלץ גרעסער זיך פֿאַרגאַנגען פֿון פֿייכטן מאַטראַץ מיט אַ געדיכטן רויך, געקנאַקט אָפּגעגאָסן די ייִנגלעך מיט אַ קופּערנעם שײַן, זענען זיי געוואָרן ווילדער. געטאַנצט פֿון פֿרייד און געצייגט מיט די פֿינגער אויף די פֿײַערדיקע שפּיצן:

— אבער איצט, ווער וועט איצט אריבערשפּרינגען?

— איך! — האט אַ ייִנגל זיך ארויסגערוקט, געמאַכט אויף צוריק עטלעכע טריט, זיך אַ לאָז געטון. האט דער פֿלאַם אַ שפּאַר געטאָן אין פּנים אריין, אים צוריקגעהאלטן.

— שפּרינג בעסער נישט איצט! — האָבן אים עטלעכע ייִנגלעך אָפּגעענטפֿערט. — די הויזן וועלן זיך בײַ דיר אָנכאַפּן!

דאגה נישט פֿאַר מײַנע הויזן! — איז ס׳ייִנגל געוואָרן נאָך אײַנגעשפּאַרטער, ווען די חברה האָבן זיך אָנגעהויבן וויצלען אויף זײַן חשבון.

ער האָט זיך געהאַלטן אין איין פֿאַרמעסטן, געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז אָט שפּרינגט ער, און וואָס לענגער דאָס פֿאַרמעסטן האָט געדויערט, אַלץ קלענער איז בײַ אים געוואָרן דער קוראַזש און ער איז געבליבן שטיין אויפֿן זעלבן פּלאַץ.

— ר׳ווייסט? האָט איינער אַן עצה־געטאָן. — אַז מען טוט זיך אָן אין נאַסע שמאַטעס, קאָן מען דורכגיין ס׳גרעסטע פֿייער.

— אין שאַדט נישט?

— ער איז גערעכט! — האָט זיך אַ דריטער אָנגערופֿן, — כ׳האָב

אַליין געזען, ווי אַ פּייערמאַן האָט אויפן פּנים זיך אַרויפגעוואָרפן אַ נאַסע שמאַטע און איז אַריין אין פייער, ווו מענטשן האבן אַ בלאָק פון דערוויטנס נישט געקאָנט איינשטיין, אַזוי האָט דאָס פייער געבריט.

צוויי יינגלעך האָבן געשלעפּט אַ שטיין, אים אונטערגעטראָגן צום פייער, אויפגעהויבן און מיטן גאַנצן כח אים אַ שליידער געטון, אין ברענענדיקן מאַטראַץ. טויזנטער פונקען האָבן זיך אַ שאָט געטון געפאַלן אין דער נאַכט ווי שטערן, האָבן די יינגלעך זיך צעוואָרפן מיט קולות אין אַלע זייטן, געכאַפּט מיט די הענט די פונקען. ס׳פייער האָט זיך אַ הויב געטון, אויסגעוואַקסן ווי אַ זייל און אַרום דעם זייל, האָבן צעגליטע צינגלעך געלעקט דאָס נישט-דערברענטע שטרוי.

דאָס יינגל, וואָס האָט אַן עצה געטון מיט דער נאַסער שמאַטע, האָט ערגעץ-ווו אויפגעזוכט אַן אַלט-קלייד, עס איינגעטונקען אין וואַסער, זיך איינגעהילט אין דעם פון קאָפּ ביז איבער די פיס. און איידער עמעצער האָט זיך געכאַפּט איז ער שוין געווען אין פייער.

עס איז געוואָרן מיט אַמאָל שטיל, די יינגלעך זענען געבליבן שטיין אָן אָטעם, געזען ווי די פלאַמלעך הילן זיך אַרום קלייד, זענען זיי זיכער געווען, אַז ס׳יינגל ברענט. אינסטינקטיוו האָט יעדער געכאַפּט וואָס ס׳איז געקומען אין דער האַנט און גענומען לעשן דאָס פייער. דאָס יינגל איז דערווייל אַרויס, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס קלייד, וואָס האָט עגסמאַליעט און אַלץ אין אים האָט געשריגן — בין איך נישט קיין בריה?

אַלע האָבן אים אַרומגערינגלט, באַוווּנדערט און איינער האָט אַ פרעג געטון:

— עס האָט דיך צומאָל נישט געבריט?

אַ מאַמע איז אויסגעוואַקסן אויפן „לאַט״, גענומען רופן איר זונדל האָבן זיך אַנדערע יינגלעך דערמאַנט, אַז עס איז צייט צו גיין שלאָפן און איינציקווייז פאַרשוונדן.

דער מאַטראַץ האָט דערברענט. ס׳איז געוואָרן אַלץ פינצטערער. די שמחה איז מיט אַמאָל ווי פאַרשטערט געוואָרן. די איבערגעבליבענע יינגלעך האָבן זיך צעזעצט אויף אַ שטיין, געקוקט ווי דאָס פייער ווערט אַלץ קלענער און געשוויגן.

— איר ווייסט, — האָט זיך איינער אָנגערופן — אינדיאנער, אַז זיי כאַפּן אַ ווייסן, צעלייגן זיי אַ פייער און בראָטן אים אָפּ.

— זיי זענען נישט קיין קריסטן — האָט זיך אַ צווייטער אָנ־גערופן

— יידן זענען אויך נישט קיין קריסטן — האָט אַ דריטער אַריינגעוואָרפן.

— איך בין אַ ייד — האָט דאָס יינגל, וואָס איז דורכגעגאַנגען ס׳פייער, זיך איבערגעזעצט פון איין שטיין אויפן צווייטן.

— יידן האָבן יעזוסן געקרייצט.

— יעזוס איז אויך געווען אַ ייד!

— ס׳איז אַ ליגן!

— וויפיל ווייסטו, אַז ס׳איז אַן אמת? — איז ס׳יינגל אויפגע־שפּרונגען.

ס׳יינגל האָט אַ ווײלע געקלערט, געוואָלט צוזוכן אַ תירוץ און אַ צוק געטון מיט די אַקסלען:

— כ׳ווייס נישט.

— מיין באָבע האָט מיר געזאָגט — האָבן זיך ביים שייגעצל אָנגעצונדן די בלויע אויגן — אַז יידן האָבן געפּייניקט אונזער גאָט — — — איך האָב פיינט אַ ייד! זיי גייען אַלע נאָכן טויט אין גיהנום!

– האָסטו פיינט אייבּרעהעם לינקאָלן אויך?

— ער איז דען געווען אַ ייד?

— אוודאי איז ער געווען!

— ער איז נישט!

— טאָ פאַרוואס הייסט ער אייבּרעהעם? איך הייס אויך אייבּ־רעהעם! ס׳איז דאָך אַ יידישער נאָמען!

— יידן זענען שמוציק!

— קריסטן זענען שמוציקער!

— שאַראַפּ שיני! — האָט זיך אַ גרעסער יינגל, וואָס האָט ביז איצט געשוויגן, אָנגערופן — אַי וואַי. מאַי בעקי! — אזוי רעדן יידן!

— שאַראַפּ אליין!

— ווילסט זיך פייטן?

— און דו מיינסט. איך האָב מורא פאר דיר, דו קעטאָליק, דו!

— קום אן! — האָט דער שייגעץ אראָפּגעווארפן ס׳רעקל.

— אל־ראיט!

זיי זענען אפּגעשפּרונגען איינער פון צווייטן, געשטאַנען ווי צוויי העגער און זיך פארמאָסטן. די איבעריקע ייִנגלעך האָבן זיי ארומגערינגלט, געגעבן עצות גערייצט דעם שייגעץ, ער זאל זיך אָפּרעכענען און מיט אומגעדולד געווארט דער פּייט זאל זיך אנהויבן. די שלעגערס האָבן געטשאַטעוועט. שטייענדיק אויף איין אָרט, אויסגעשטעקט די הענט, האט אייב מיט אמאל זיך אַ בויג געטון, מיט איין צי פון קערפּער געשטאנען ביים שייגעץ און אים פארפארן אונטער דער גאמבע, אז יענער האָט אזש געמאכט עטלעכע טריט אויף צוריק. זיי זענען געשפּרונגען איינער קעגן צווייטן און וואָס אַ פּויסטל האָט זיך פארמאסטן אין פּנים אריין, האָט עס תּמיד געטראפן אין אַ ליידיקן פּלאַץ. אייב האָט זיך געטשאַטעוועט דעם צווייטן אונטערן האַרץ, האט יענער זיך א בויג געטון, געוואלט אויסמיידן דעם קלאַפּ איז ער אים פארפארן אין אן אויג. דער שייגעץ איז עטוואס צעטומלט געווארן, געזשמורעט מיט די אויגן, האט אייב געהאלטן אין איין האמערן מיט די פויסטלעך, ווו ער האָט נאר געטראפן. א שייגעץ האט אים אונטערגעשטעלט א פוס, האט זיך אייב א צי אויס געטון. און ווען אייב האט זיך געוואלט אויפהויבן, האט מען אים נישט געלאזט, יעדעס מאל אים צוריק א שליידער געטון אָן דר׳ערד, זיך ארומגענומען אין א ראד, געטאנצט און געשריגן:

— אַי, וואי, מאי, בעקי! א בראך אין די ביינער!

1916

# די מאַשין

אין בּראַדסקיס שיך־פאַבּריק האָט זיך געטומלט. אַרבעטער האָבן זיך געקאָכט געטענהט, אַז מען דאַרף אַרויסגיין אין שטרייק. נישט דערלאָזן, אַז צענדליקער פאַמיליעס זאָלן בּלייבּן אָן פּרנסה. אַלע האָבן גערעדט וועגן דער נייער מאַשין, וואָס האָט געדאַרפט יעדן טאָג אַריינקומען, דערציילט, אַז אין אַ שעה שטעפּט זי אָפּ דרייסיק פּאָר פּאַדעשוועס.

בּלויז די ספּרדישע יידן האָבן זיך נישט געמישט, די נייס האָט בּיי זיי אײַנגאַנצן אָפּגענומען ס׳לשון און זיי האָבן זיך בּשום אופן נישט געקאָנט צונויפרעדן מיט זייערע בּרידער, די אשכנזים. די מאָגערע פּנימער זענען געוואָרן חשובדיקער, דאָס שטילע, האַרציקע געזאַנג האָט אויפגעהערט און די שוואַרצע, פאַרחולמטע אויגן האָבן זיך צערעדט, זיך געבּעטן מען זאָל זיי נישט אַרויסשיקן פון דער פאַ־בּריק, נישט צונעמען דעם בּיסן בּיי אַזוי פיל פאַמיליעס.

די פאַדעשווע־נייער זענען זיך בּיסלעכווייז צעלאָפן פון דער פאַבּריק, נישט געוואַרט די מאַשין זאָל זיי אַרויסשטופּן, און געבּליבּן זענען די ספּרדישע יידן. זיי זענען אַריינגעקומען פריער ווי תּמיד, געאַרבּעט בּיז אַ שטיק אין דער נאַכט, געוווּסט, אַז מען דאַרף וואָס מער אַריינכאַפּן, ווייל היינט, מאָרגן וועט מען זיי אַלע אַרויסשיקן.

שטומע זענען זיי געזעסן, כּמעט נישט גערעדט צווישן זיך און אַז דער „פאָרמאַן", צו דער „בּאָס" איז אונטערגעקומען, זענען זייערע בּליקן געוואָרן הכנעהדיק, ווי זיי וואָלטן זיך געבּעטן, אַז צו זיי דאַרף מען זיך נישט טשעפּען — זיצן אָרעמע מענטשן אַרבּעטן און קיינעם שטייען זיי נישט אין וועג.

אַ יונגער ספּרדי מיט וואַנסעלעך איז נישט אײַנגעזעסן. צייט ער האָט זיך דערוווּסט, אַז ס׳קומט אַריין אַ שטעפּ־מאַשין איז ער אַרום־געגאַנגען אָן אַ קאָפּ. זיין חתונה האָט ער אָפּגעלייגט אויף אַ חודש

צ״ט און דאָ איז שוין אַריבער אַ וואָך און ער ווייסט אַלץ נישט וואָס צו טאָן.

— נישט גוט, רחימי, — האָט ער אַ זאָג געטון צו זיין שכן.

— מכּח דער מאַשין? — האט דער שכן געאַרבעט מיט צוויי דראטוועס, — טאַקע נישט גוט!

— ווען כ׳שטעל נישט אָפּ די חתונה וואָלט מיך נישט אָנגעהויבן אַרן,— האָבן זיך ביים יונגן ספרדי געהויבן די לאנגע הענט.

— זארגן און זיך נעמען צום הארצן דארף מען נישט! — האָט דער שכן אים געטרייסט. דערווייל נעמט מען נאך קיין מאַשין נישט אַריין! די אשפנזים האבן מורא געהאט, זיך צעלאָפּן און דאָ האַלט אין איין אריינקומען פרישע אַרבעט, וואָס פאר אַ מענטש קאָן זיך עס פאַרזאָרגן?

דער פאָרמאַן איז אונטערגעקומען, אויסגעצײלט די פארטיקע שיך. דער יונגער ספרדי האָט זיך אונטערגענומען מיט קוראזש און אַ פרעג געטון:

— ווען קומט אריין די מאשין?

— בענקסט נאָך איר? — האט דער פארמאַן געשמייכלט.

— מעג זי דארט צעבראָכן ווערן אויפן וועג! האָט זיך דער שכן אָנגערופן.

— איינגעזונקען ווערן

— אמן! — האָבן עטלעכע אונטערגעכאַפּט

דער פאָרמאַן האָט געשמייכלט און זיי באַרויקט:

— מען וועט מסתמא נישט ברענגען! אַרבעט אַרבעט, רויטע יידעלעך! מען דארף היינט ארויסשיקן דעם גאנצן „לאט״! האָרי אָפּ

ס׳איז דורך אַ וואך, צוויי און אין דער מאַשין האָט מען ווי פארגעסן. קיינער אין דער פאבריק האָט מער נישט גערעדט דערפון. דערצו האָט די ארבעט געברענט, מען האָט געהאַלטן אין אַנאָנסירן נאָך פרישע אַרבעטער און די שכירות זענען געוואקסן.

די חושכדיקע פנימער ביי די ספרדים האָבן זיך גענומען ליטערן, די שרעק צו פארלירן די פלעצער איז פארשוונדן און דער

יונגער ספרדי האט אָפּגעשטעלט די חתונה. ער האט זיך מער נישט געשראָקן פאַרן „פּאַרמאַן", זיך געוויצלט:

— מען וועט ברענגען אַ מאַשין?

— ברענגען, ברענגען! — האט דער פּאַרמאַן זיך געריִיצט, נאָר קיינער האט אים נישט געגלויבט.

עטלעכע ציוואַנציק פּאָר נאַקעטע הענט האָבן געצויגן די דראָטוועס זיך געהויבן, זיך אַראָפּגעלאָזט, ווי זיי וואָלטן דיריגירט דעם טומל אין דער פאַבריק. ראַנער איז זיך פאַרגאַנגען. די איבעריקע האָבן אונטערגעכאַפּט און איבער דער פאַבריק האָט זיך געקייקלט אַ שטיל־מעלאַנכאָליש געזאַנג, ווי אין די פריערדיקע צייטן.

די אַרבעט פון דער פרי ביז בייַנאַכט האט באַרויקט די ספרדים זיי אויפגעהייטערט און פאַרזיכערט, אַז וועגן דער מאַשין געדענקט שוין קיינער נישט. דער יונגער ספרדי האָט זיך געקליבן חתונה האָבן, זיך אָנגערופן צום שכן:

— גוט, וואָס מיר זענען נישט אַוועק פון דער פאַבריק!

— הערן די לייכטזיניקע אשכנזים, די סאָציאַליסטן? — האָט דער שכן זיך צערעדט: — ביי זיי וואָלט רעכט געווען דער בעל־הבית זאָל זיך טיילן מיט זיי, אַוועקגעבן זיי ס׳פאַרמעגן... ווען זיי אַנטלויפן נישט דעמאָלט, וואָלטן זיי נאָך ביז דעם היינטיקן טאָג געאַרבעט! היינט ווידער אַריינגעקומען אַ פּאַר „לאַט" סחורה, שוין לאַנג אַזאַ סעזאָן נישט געווען!

אַזוי איז דורך אַ וואָך נאָך אַ וואָך און אַז די אַרבעט האט אַלץ אָנגעהאַלטן, געברענט, האט איינער מיטגעבראַכט זיינעם אַ קרוב, דער צווייטער אַ שכן און אין אַ קורצע צייט איז האַלב סאַלאָניקי געווען אין דער פאַבריק, אַריינגעזונגען אַלטע יידישע זמירות און ניגונים אין די אַמעריקאַנער פאַדעשוועס.

איינמאָל אין אַ זוניקן פרימאָרגן, ווען זייַקן לעדער־שטויב האָבן זיך געוויגט קעגן־איבער די פענסטער, צעגדליקער פאַר הענט האבן זיך געהויבן און אין דעם טומל פון דער פאַבריק האט זיך געקייקלט אַ שטילער ניגון, האט אַ געהיימע האַנט פאַרוואָרפן איבער די פענסטער דיקע שטריק און איבער דער פאַבריק איז דורך אַ ציטער.

— וואָס איז דאָס? — האט דער יונגער ספרדי זיך אָנגערופן.

— דאס איז צרות!

— דאס גייט מען פארבן ס׳הויז, האט איינער אריינגעווארפן.

— טאקע? — האבן עטלעכע זיך באַרויקט.

באַלד האט זיך געהערט אַ סקריפּ. אַ מאן האט ארויסגעשיימען אַ פענצטער, געמאכט אַ צייכן מיט דער האנט און די שטריק האבן אנגעהויבן קרעכצן.

דער יונגער ספרדי איז נישט איינגעזעסן, ער איז צוגעגאנגען צום פענסטער, אַ קוק געטון, דערזען ווי אַ מאשין הויבט זיך און איז בלייך געווארן.

אלע האבן געקוקט צו אים, געפֿאַרט אויף אַ תשובה, ער האט אַ שאקל געטון מיטן קאפּ, ווי ער וואלט אַ שמייכל געטון און זיך צוריקגעזעצט.

ס׳איז געווארן אומאנגענעם שטיל צווישן עולם, די הענט האבן זיך נישט געהויבן. בלויז די אויגן האבן געקוקט צום פענצטער, ווי אַ מאשין, אַ שווארצע, אַ מאסיווע, האט אריינגעקוקט. זיך געריסן מיט די פליגל איבער די ספרדים, זיך געטראגן אויף זיי.

920.

# אין קאַר

די קאַר האט זיך אָפּגעשטעלט. פּאַסאַזשירן זענען ארויס, אריינגעקומען, און אַז די קאַר האט זיך גענומען רירן זענען עטלעכע שקצים אריינגעשפּרונגען מיט אַ געפּילדער, הי אין אַ שענק אריין, זיך ווילעריש צעזעצט און פארנומען כמעט אַ גאנצע באנק.

זיי האָבן געררעדט הויך, זיך געשטופּט, אפּגעלאכט פון אַ דארן שייגעץ, וואס איז געזעסן אין דער מיט. דער שייגעץ האט נאריש געוואָרפן מיט די אויגן אין אַלע זייטן, נישט געקאָנט כאפּן, וואָר עס טוט אים יעדע וויילע הינטערהיילעכץ אַ צופּ איבערן קאפּ, אז דאָס היטל פליט אים אויף איבער די אויגן. ער האט אַ ריס געטון, געוואלט ארויס פון דער מיט, האבן זיי אים צוגעהאלטן און גענומען צופּן פון אלע זייטן. דער ארומיקער עולם האט זיך אַמוזירט. דער שייגעץ, אַן איינגעבויגענער, מיט אַן אראָפּגעלאזטן קאפּ, ווי אַ געשלאָגענער הונט, וואס קאָן זיך נישט ווערן האָט באוויזן מיט דער האנט אויף א פעדלער:

— שיני —

— קוקט, א „שיני"-בארד!

קעגנאיבער די שקצים איז געזעסן אַן אַלטער ייד, אַ פּעדלער באַלאָדן מיט קוישעקלעך ווײַן. דער ייד האט זיך געהאלטן אין קארטשן, געוואלט וואס ווייניקער פּלאץ פארנעמען, געוואָרפן מיט די אויגן ווי אַן איבערגעשראקענער האָז, אויסגעמיטן צו טרעפן זיך מיט עמעצנס בליק, און יעדעס מאָל, ווען די קאַר האָט אַ טרייסל געטון, האבן די קוישעקלעך, וואס האבן אראָפּגעהאנגען פון זיינע אקסלען, אים אָפּגעהאקט די זייטן.

די שקצים האבן פאַרגעסן אָן זייער דארן חבר, זיך איינגעקוקט

אין פעדלער, דערנאָך זיך איבערגעקוקט, ווי זיי וואלטן זיך איבערצייגט, אז עס איז טאקע אַ יידישע „שיני״-באָרד, און זיך צעלאַכט אזוי פרעך, אז דעם אלטן ייד איז קאלט געווארן.

דער דארער שייגעץ האָט זיך געוואלט אויסבריה׳ן פאַר זיינע חברים, אויפגעשפרונגען, אנגענומען דעם ייד פאר דער באָרד און מיט אַ כריפּע פון אַ הונט, איידער ער נעמט בילן, האט ער דורכ־געזייט דורך די ציין:

— וואָהיס — קער! וואָהיסקער — ר — ר!

דער ייד האָט אים אַ קלאַפּ געטון איבער דער האנט און די שקצים האָבן אזש פון שמחה פאריסן די פיס:

— קיס דהעט שיני! קיס אים, ביל! (קוש דעם ייד! קוש אים, ביל!)

אין דער קאר איז געוואָרן שטיל. קיינער האט זיך נישט אָנ־גענומען פארן ייד. די עטלעכע יידן, וואס זענען געזעסן אין דער קאר, האבן באהאלטן די פנימער אין די צייטונגען. צי סתם אוועקגעקוקט, נישט געוואלט אויף זיך ציען די אויפמערקזאמקייט, אז זיי זענען אויך יידן.

א בלאָסער בחור האָט זיך אויפגעשטעלט, אינטערגעגאנגען צום שייגעץ מיט א פּאָר צעעפנטע אויגן, ווי זיי וואלטן געקראָכן פון קאָפּ:

— וואס האט דיר דער אלטער ייד געטון?

דער שייגעץ האט אפּגעלאָזט דעם פּעדלערס באָרד, זיך עטוואס פארלוירן, ווי ער וואלט זיך דערשראָקן פארן בחורס צעעפנטע אויגן, שוין געוואלט אוועקגיין, האט זיך איינער פון די שקצים אנגערופן:

— וואס שטעקט ער אריין די נאָז?

— ס׳איז דאָך אויך אַ „שיני״!

— קלאַפּט מען אים אונטער אן אויג!

— העי, ביל, פּאַרפּאַר אים אין אויער!

— וואס שטייסטו!

— ער האט מורא!

— אט אזוי! אט אזוי! בעסער!

דער יונגער מאן האט געקראָגן אַ פּלאַטש אין פּנים, געפאלן

אויף דער באַנק. ער האָט זיך אַ הויב געטון, זיך געוואָלט אויפשטעלן, האָט דער שייגעץ זיך איבערגעבויגן איבער אים, נישט געלאָזט, האָט דער בחור אן אומבאַהאָלפענער אנגעכאַפּט מיט די ציין דעם שייגעצס אויער און בּיידע האָבן זיך גענומען ראַנגלען.

דער זאַרער שייגעץ האָט זיך דערוויייל אַוועקגעזעצט דעם פעדלער אויפן שויס און זיך אָנגעהאַלטן פאַר זיין באָרד. דער פעדלער האָט זיך געוואָרט, געשטופּט דעם שייגעץ פון זיך און גערעדט צו אים יידיש:

-- ערל, וואָס ווילסטו פון מיר? וואָס האָב איך דיר געטון? עשו דו! רוצח!

די גאַנצע קאַר מיט גוים זיינען קאָלטבלוטיק געזעסן, זיך צוגעקוקט מיט אַ שמייכל, ווי זיי וואָלטן זיך צוגעקוקט צו אַ „פייט" פון צוויי יונגלעך. די פאָר יידן האָבן טיפער באַהאַלטן די קעפּ אין די צייטונגען, פון דער זייט יעדע ווייל געוואָרפן אַן אייג צום פעדלער, געציטערט פאַר כעס און אויפרעגונג, דער שרעק פאַר קלעפּ איז ביי זיי געווען אַזוי גרויס, אַז זיי זענען געבליבן זיצן אויף זייערע ערטער.

אַ מיידל איז אויסגעוואַקסן צווישן די שקצים, זיך אַוועקגעזעצט נעבן פעדלער און אָפּגעשטופּט דעם דאַרן שייגעץ:

— שעם זיך, דו גראָביאַן! וואָס האָט דיר דער אַלטער מאַן געטון? פאַרוואָס רייסטו אים די באָרד? דערפאַר, וואָס ער קען זיך נישט ווערן? אַן אמעריקאַנער ביסטו? ביסט א...

— נו טאקע, וואס האב איך אים געטון? — האט דער ייד צעשפּרייט די הענט און זיך געבעטן ביים מיידל.

— ביל, — האט איינער אוועקגעשלעפּט דעם דאַרן שייגעץ, — אַז אַ ליידי בעט פאַרן „שיני", טשעפּע אים נישט מער!

— איך וועל אים מער נישט טשעפּען -- האט ביל זיך געריסן, ארויסגענומען פון דער קעשעניע אַ קוואָרטער און זיך אויסגעדרייט צום מיידל:

— כ'וויל דער „שיני" זאָל נעמען אַ „שייוו!" (אָפּגאָלן).

— איך בין אויך אַ „שיני", — האָט דאס מיידל אויסגעשאָסן,

— און אז עמעצער פון אייך וועט זיך וואגן אונטערצוקומען, וועל איך אים צעפּאטשן.

— האַ, האַ אַ שיני לײדי! האָבן זיי זיך געבּוינן פון געלעכטער, אויפ־עשפּרונגען און ארומגערינגלט דאָס מיידל:

— צעפּאטש גיכער!

דער דאַרער שייגעץ האָט ווידער געוואלט אנכאפּן דעם פּעדלער פאר דער באָרד. האָט ס'מיידל אים פארפאָרן אין פּנים, אַז יענער איז געפאַלן מיטן קאָפּ אויף אַ שויב, אַז ס'האָט אַזש אַ קלימפּער געטאָן.

— טוהרי טשירס פאָר דהי לײדי! (הורא פאר דעם מיידל) — האָבן די פּאַסאַזשירן אַפּלאָדירט.

אַ צווייטער שייגעץ איז אונטערגעלאָפן צום מיידל מיט אַ פויסט.

— וואג נישט זי אָנצורירן! — האָבן זיך געהערט קולות און דער עולם האָט זיך געהויבן פון די פּלעצער.

— וואג נישט, וואג נישט! — האָבן די פאר יידן אוועקגעוואָרפן די צייטונגען, ווי דער שרעק וואלט פון זיי אינגאַנצן אַוועק און מיט פאַרקוועטשטע פויסטן זיך אַ לאָז געטון צו די שקצים.

דאס געשלעג האָט זיך אָנגעהויבן.

1918

# קאַרל מאַרקס

אַ גאַנצן שבת נאָכמיטאָג האָט זיך מיסעס העלער געפּוצט. זי איז געווען ביים פריזירער, זיך געלאָזט מאַניקירן די נעגל, זיך געצעצהט מיט אַ שכנטע וואָס אָנצוטון. דאָס האָט זי זיך געקליבן ס'ערשטע מאָל מיטן מאַן צו די „גרענד סטריט באָיס", ווי מען האָט זיי דורך פּראָטעקציע אַריינגענומען פאַר מיטגלידער.

אַ לאַנגע צייט איז מיסעס העלער צוגעשטאַנען צום מאַן, ער זאָל זיך אָנשליסן אָן די "גרענד סטריט באָיס." און נישט צוליב זיך. זייער איינציקער זון, בען, האָט געהאלטן ביים ענדיקן לאָיער (אַדוואָקאַט) און אַ לאָיער, האָט מיסעס העלער געוווּסט, דאַרף האָבן פאַרבינדונגען.

מיט יאָרן צוריק, ווען העלער האָט געאַרבעט אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און די פּאַרטיי איז געווען שטאַרקער, איז נאָך געווען צו האָפן מען זאָל זיך צו עפּעס דערשלאָגן. איצט, אַז די פּאַרטיי איז זיך צעפאַלן, האָט מיסעס העלער אָפּגעמאַכט ביי זיך אַז נישטאָ אויף וואָס צו וואַרטן. מען דאַרף וואָס שנעלער איבעררייסן מיט די גענאָסן.

בייטאָג, ביינאַכט, ווען מיסעס העלער האָט דערטאַפּט דעם מאַן, איז זי נישט מיד געוואָרן אַריינצורעדן אין אים אַלץ דאָסזעלבע. גערעדט האָט זי גיך, מיט האַרץ און אַ הוץ דעם מאַן האָט זי קיינער נישט פאַרשטאַנען.

דער זון האָט צוגעהאָלפן דער מוטער. ער האָט פאַרזיכערט דעם פאָטער, אַז מען קען בלייבן אַ סאָציאַליסט און זיך אָנשליסן אָן די „גרענד סטריט באָיס". ער האָט אין דעם נישט געזען קיין סתירה, געקוקט דאַרויף, ווי אויף אַ באַנק-ביכל, ווי אויף אַן אויטאָ־

מאָביל, וואָס יעדער גוטער סאָציאַליסט מעג האָבן. שטימען וועט ער סיי־ווי־סיי דעם סאָציאַליסטישן „טיקעט" (באַלאָט).

גערעדט האט דער זון, ווי די מוטער מיט האַרץ, ציגעקליבן בשעת מעשה די ווערטער, ווי ער וואָלט נישט גערעדט צווישן היימישע, נאר געהאַט פאר זיך אַ פובליקום. די מוטער האָט אנגעקוואָלן, געשמייכלט צום מאַן און יעדער שמייכל האָט זיך געטענהט זיינס:

— וואָס זאגסטו צו אונזער בענין? מיט אים דארף מען זיך קענען אויסטענהן!

מיסטער העלער האט נישט געוואלט הערן. ער איז געווען דער היפוך פון דעם ווייב מיטן זון. אַ רויקער, אַ געלאַסענער, זיך קיינמאָל נישט געקאכט. גערעדט שטיל, פאַמעלעך און ווי ס׳ווייב האָט געשלונגען די ווערטער, האָט מען זיינע, העלערס, געקענט ציילן, אַזוי קאָר האט ער ארויסגערעדט יעדעס ווארט.

פון דער היים איז העלער געווען אַ בונדיסט. דאָ אין ניו־יאָרק האט ער געהאָלפן בויען די סאציאַליסטישע פארטיי, יארן געווען אַן אנגעשטעלטער אין אַ יוניאָן. ערשט מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען ס׳האבן זיך אנגעהויבן רייסערייען צווישן רעכטע און לינקע, האט מען אים ארויסגעשטופט.

מיט די פאר טויזנט דאלאר, וואס ער האט געהאַט אפגעשפארט, האט העלער מיט אַ שותף געעפנט אַ שאפ, גענומען ארבעטן אַ ביליקן ראק און ס׳איז אוועק גארנישט שלעכט

ער האט זיך ביסלעכווייז אנגעהייבן צו דערווייטערן פון דער פארטיי, זעלטן זיך געזען מיט אמאליקע באקאנטע. און נישט ווייל ער איז געווארן א פאבריקאַנט. ער האט פשוט קיין צייט נישט געהאַט. דערפאר האט ער געהיט דעם יערליכן סאציאַליסטישן באַל. געבענקט נאך אים אויפן באל האט ער זיך געטראָפן מיט די אַמאָליקע חברים זיינע. זיך דערמאנט אן די אַלטע, גוטע צייטן און דאס איז גענוג געווען ער זאָל זיך ווידער קענען אָפּשליסן אין שאפ, אין הויז, אויף אַ יאָר צייט. זיין ווייט פון דער פארטיי.

ס׳ווייב האָט נישט אויפגעהערט ציצושטיין. ווי זי האָט דער־מאַנט דעם מאַן, האט זי צענומען די הענט און די ווערטער האבן זיך געריסן פון איר מיט שטיקער האַרץ:

— אַ סאָציאַליסט איז אויך אַ טאטע! דער יונג האָט ברילאַנטענע פעיקייטן, דער בעסטער רעדנער אין קאָלעדזש... אנדערע, וואָס דאַרפן ביי אים די שיך פוצן, ארבעטן זיך ארויף און ער, אונזער בעני, ליידט, וואָס ער האָט אַ טאַטן א משוגענעם! נאַר דו, ביזט דאָך סיי ווי-סיי ביי זיי שוין טרייף! אַ פאַבריקאַנט איז טרייף! האַ, וואָס שווייגסטו? מען דאַרף קריגן פאַרבינדונג!

העלער האָט נישט פאַרשטאַנען, ווי עס קען נאָך דעם ווייב איינפאַלן אזאַ זאַך. ער האָט זיך אָפגעטרייסלט פון בלויזן געדאַנק ווי אַ ייד פון שמד. ער האָט גענומען זוכן אין דער פאַרטיי, אין אַ יוניאָן, געוואָלט זיך לאָזן קאָסטן, אבי ארייַנצודרייען דעם זון. ס׳האָט זיך נישט געמאַכט.

עס האָבן זיך אָנגערוקט דעם זונ׳ס עקזאַמענס. אין שטוב איז געוואָרן אַ גיהנום. ס׳ווייב האָט אים נישט געלאָזט אויף די אויגן

— וואָס וועט זיין דער תכלית?

— ווילסט דווקא כ׳זאָל אויף דער עלטער ווערן אַ טעמעני-מאַן (דער קלוב פון דער דעמאָקראַטישער פאַרטיי אין ניו יאָרק) — האָט העלער זיך געפרעגט ביים ווייב אין אין ויינע שטילע ווערטער איז געווען צער.

— און מיסטער גראָס, דיין שותף, איז אַ טעמעני-מאַן? — האָט דאָס ווייב אַ זאָג געטאָן גיך, זיך געשטיקט מיט די אייגענע ווערטער.

— און אַז ער איז?

— מעג דיר אויך אָנשטיין צו זיין!

— וואָס זאָל איך אָבער טאָן, מיין ווייב, אז ס׳שטייט מיר נישט אָן?

— דאַרף דיר נישט אָנשטיין צו זיין גראָס׳ס שותף אויך;

— כ׳קען זיך נישט העלפן.

— און מיט בעני׳ן קענסטו דיר העלפן? קענסט דאָך אייך נישט! טאָ צו וואָס זיך נאַריש מאַכן. זוכן פאַר אים אַ שטעל אין אַ יוניאָן! די גליקן וואָס דו האָסט דאָרט געהאַט, אָפגעאַרבעט אזוי פיל יאָרן און מען באַרעדט דיך נאָך!

נאָך אַזאַ שמועס האָט העלער נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן דעם ווייב. וואָס וועט ער איר זאָגן? ער האָט זיך בלויז געחידוש׳ט,

נישט געגלויבט, אַז דאָס זעלבע ווייב, האָט מיט יאָרן צוריק געאַרבעט אין דער פּאַרטיי, אָנגעפירט אַ שטרייק ווען די קצבים האָבן געהע־כערט די פרייזן אויף פלייש, שטענדיק געפירט מלחמות מיט די לענדלאָרדס. היינט וויל זי נישט מען זאָל איר דערמאָנען די נאַ־רישקייטן פון אַמאָל. דערגייט דעם מאַן די יאָרן, איז ברוגז, וויל דווקא ער זאָל זיך אנטליפן אין די „גרענד סטריט באָיס".

זי וואָלט גארנישט אויסגעפירט ביי העלערן. ער איז אַ ייד אַ שטילער, אן איינגע׳עקשנ׳טער, אַ מענטש מיט יושר. אין זיין פּאַרשלאָ־סענעם ביכער־שאַנק שטייען אלע יארגענג „צוקונפט". איינגעבונדענע שטייט מאַרקס׳עס „קאַפּיטאַל" אין ענגליש און אין יידיש, אַז די הויז־מענטשן מאַכן אים ענג די אייגענע שטוב, שליסט ער זיך אָפּ אין זיין שרייב־צימער, נעמט אַרויס אַ יאָרגאַנג „צוקונפט". נעמט ארויס מאַרקסעס „קאַפּיטאַל", פאַרטיפט זיך אין טראַכט וועגן זיך. העלער האָט טאַקע אַ „שאָפּ" האָט גראָסן פּאַר אַ שותף, אין תוך איז ער אבער אַ מענטש מיט יושר, באַהאַנדלט אָן ארבעטער ווי אַ ברודער און וועט קיינמאָל נישט ווערן קיין טעמעני־מאַן.

שטענדיק, ווען עס קומען אים אזעלכע יושרדיקע געדאנקען אין קאָפּ אריין (און לעצטנס קומען זיי, זייער אָפט), הויבט העלער אויף די אויגן אויפן בילד פון קארל מאַרקס וואס הענגט איבערן טיש אין זיין ברייטער ראַם, אַ באַגילדעטע. ער עדותט זיך מיט מארקס׳ן, שמייכלט מיט די טיפע ווינקלען פון מויל און די ווינקלען פאַרענט־פערן זיך:

— אלץ זי, מיין ווייב...

האט זיך געמאכט, אז דעם שותפס זון, ווילי׳ן האט די דעמאָ־קראַטישע פאַרטיי ארויסגעשטעלט אלס קאנדידאַט פאַר ריכטער און ער איז דערוועלט געוואָרן. און ווילי איז אינגאנצן מיט פינף יאָר עלטער פון בעני׳ן.

מער האט מיסעס העלער נישט געדאַרפט. זי איז ארומגעגאַנ־גען אָן אומגליקלעכע, וואס דעם שותפ׳ס זון איז געוואָרן ריכטער, נישט איר׳ער. זי האט געוואָרפן די שולד אויפן מאַן, אים גערופן מיט בל־ערליי צונעמען:

— גראָס איז אַ טאַטע, נישט דו! דאָס פאַרשטיי איך — צו

פינף און צוואנציק יאר א ריכטער! ס׳איז א קאריערע: דו אבער, מיין מאן, ביזט געווען א בטלן און וועסט בלייבן! וואס זוכסטו אין דער יוניאן. וואס? וועסט מאכן בעג״ן פאר א דעלעגאט? דערצו האט ער געדארפט ענדיקן קאלעדזש? גישט ביי מיין לעבן, דו הערסט?

העלער האט זיך גאך געפרובירט אנטקעגן צו שטעלן, אליין אבער מער נישט געגלויבט אין זיינע אייגענע רייד. דאס, וואס ווילי איז געווארן א ריכטער, מען וועט דארפן שטיין פאר אים אין דער גאנצער לענג, אים רופן „יור האנאר״, האט העלערן צעטומלט, און אז ווילי איז אריינגעקומען צו אים, האט העלער אפילו געשמייכלט און פונדעסטוועגן זיך אויפגעשטעלט, אליין, פון זיך, אים באגריסט:

— האלא, דזשאדזש!

— מיסטער העלער, — האט ווילי ארויסגענומען דעם סיגאר פון מויל — איך האב אייך פארגעשלאגן פאר א מיטגליד און מען האט ג״י אנגענומען.

— ביי די „גרענד סטריט באיס? — האט העלער געשמייכלט און בשעת מעשה געטראכט, אז צייט ווילי איז געווארן ריכטער, האט ער אנגעהויבן רויכערן סיגארן.

— ס׳מעג אייך אנשטיין, מיסטער העלער — איז ווילי גע-ווארן ריידעוודיק, געזען ווי מיסעס העלער ווינקט צו אים מיט די הענט, מיטן גאנצן גוף, ער זאל זיך א נעם טון צו העלערן — אז עס שטייט אונזער גאווערנער אן צו זיין אין איין פארטיי מיט אייך, דארף אייך אוודאי אנשטיין!

— כ׳בין דאך אבער א סאציאליסט — האבן די ווינקלען פון מויל ביי העלערן געשמייכלט.

— א פאבריקאנט איז נישט קיין סאציאליסט! -- האט ס׳ווייב אים איבערגעשלאגן.

— בין אויך א סאציאליסט! — האט דער יונגער ריכטער אויס-געשטעלט דאס הארץ-ברעטל.

— אויב אזוי — האט העלער זיך צעלאכט, -- איז דאך דא א האפענונג, אז גאנץ טעמעני זאל ווערן סאציאליסטיש!

-- ס׳גייט דיר אין לעבן, מיין מאן!

העלער האט זיך מער נישט אנטקעגנגעשטעלט. ער האט אונטער-

געשריבן די נויטיקע פּאַפּירן, אַריינגעשיקט אַ טשעק, אויסגעמיטן צו רעדן דערפון און געטון, וואָס ס׳ווייב מיטן זון האָבן אים גע- הייסן.

שבת נאָכמיטאָג, ווען ס׳ווייב איז שוין געשטאַנען אין אויס- געפּוצטע, אין אָנגעפּאַרפומירטע, געוואַרט אויפן מאַן, האָט העלער זיך אָפּגעשלאָסן אין זיין צימער. ער האָט געוואָרפן אַ בליק אויף די יאָרגענג „צוקונפט״, אויף די בייכיקע רוקנס פון „קאַפּיטאַל״ פאַרשעמט אַרויסגעקוקט צו קאַרל מאַרקסעס בילד. ער האָט זיך געוואָלט אָפּרעדן דאָס האַרץ, דערציילן דעם גאַנצן אמת, האָט ס׳ווייב גענומען קלאַפּן אין דער טיר:

— קום שוין אַמאָל, קום!

ס׳פּנים האָט זיך ביי העלערן פאַרקרומט, אַ רחמנות׳דיקער שמייכל איז געלעגן צווישן די קנייטשן. ער האָט גענומען אויפשליסן די טיר. נאָך אַמאָל אַ קוק געטון אויף מאַרקסעס בילד און דער שמייכל פון צווישן די קנייטשן האָט זיך פאַרענטפערט:

— אַלץ זי, אַלץ ס׳ווייב.

1926

# פירשט דאָלגאָרוקאָוו

פירשט דאָלגאָרוקאָוו, נישט קיין הויכער, מיט גוט צונויפגעקלאַפּטע פּלייצעס איז מיטן באַגינען ארויס פון זיין ווייס געפאַרבט שטיבל, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן פעלד.

דער פרימאָרגן האָט זיך געגרויט און אין מזרח־זייט. ווו דער הימל איז נאָך געלעגן אין דער נאַכט, האָט שוין אַרויסגעשאָסן אַ צעגליטע כייל, א שמאָלע און א פאַרשפיצטע. די שטיקער הימל, וואָס אַרום, פאַרגליווערטע, זענען געוואָרן שווערער און טונקעלער.

דאָלגאָרוקאָוו האָט געמאַכט זיין טעגלעכן שפּאַציר, געגאַנגען ארום דער מאָהיגן קאָלאָניע, וווּ ער איז געוועזן אַ גערטנער. דאָס שטעקעלע האָט ער געהאַלטן אונטערן אָרעם, ווי א שפּיץ-רוט, די כאָלעוועס ארויפגעצויגן, אויפן קאָפּ געדיכטע האָר, וואָס זענען אַמאָל שוואַרץ געווען, איז די קעפּ נאַכלעסיג געזעסן, אים געמאַכט אויסזען ייִנגער.

ס׳איז געווען די צייט פון יאָר ווען דער פאַרטאָג פרעסטלט זיך נאָך און אויף די גראָזן, אויף די צווייגן זענען געלעגן שפּריצן שניי. די לופט האָט געשטייפט די גלידער, זיי אָפּגעפרישט. דער מאָרגן האָט זיך געוועקט, אָנגעקומען מיט דער ברייט פון די לאָנקעס און אין דער טיפער שטילקייט, וואָס איז געבליבן פון דער נאַכט, האָבן קלאַנגען געהאַלטן אין איין אויפטיקן.

דאָלגאָרוקאָוו האָט געטאָפּטשעט אין די נאַסע גראָזן, זיך לאַנג געדרייט איבער שמאָלע וועגלעך, צוגעקומען צו א געדיכט וועלדל. שטיקער ליכט האָבן געטרוקנט די קאָרע פון די סאָסנעס, געוואַרעמט די שטאַמען, וואָס האָבן געטריפט מיט גומי, אָנגעפילט די לופט מיט מידקייט און שכרות. אין וואַלד האָט זיך צעשריען אַ פויגל. דאָלגאָרוקאָוו האָט זיך איינגעהערט, געקוקט אויף די צעוואָרפענע זומער-

הייזלען, אויף-די לייוונטענע פּאַלאַטקעס, ווו דער עולם איז נאָך גע־שמאַק געשלאָפן, און זיך דערמאָנט, אַז מען גרייט זיך אין דער קאַ־לאָניע צו אַ קאָנצערט. ס׳געלט וועט גיין פאַר די רוסישע קינדער, יתומים, וואָס זענען געבליבן נאָכן הונגער.

ער האָט געטראַכט וועגן רוסלאַנד. אים, דעם פירשט דאָלגאָ־רוקאָוו, האָט דאָס אַלץ אויסגעזען אַזוי ווייט און פרעמד, אים, וועמעס טאַטע, זיידע, עלטער־זיידע, ביז דעם עלפטן יאָר־הונדערט — אַלע זענען געזעסן אויף דער רוסישער ערד, זי ליב געהאַט, געהערשט איבער איר, איבער מיליאָנען פּויערים.

קיינעם פון די טאַטעס האָט נישט געאַרט, וואָס דער פּויער איז ווילד, אויסגעהונגערט, בייז, קיינעם האָט נישט געאַרט, וואָס דער פּויער שטאַרבט פון הונגער, פון טיפוס. האָט איבער דעם גרויסן ברייטן רוסלאַנד זיך אויפגעהויבן אַ זאַווערוכע, איבערגעקערט אַלץ מיט די פיס אַרויף, די טאַטעס זענען זיך צעלאָפן, געבליבן מיט גאָרנישט און דער פּויער איז געוואָרן בעל־הבית פון דער ערד.

ער, פירשט דאָלגאָרוקאָוו, מיט זיינע צוויי טעכטער זענען פאַר־טראָגן געוואָרן אַזש הינטער ניו יאָרק. ער איז אַ גערטנער אין אַ קאָלאָניע ביי רוסישע יידן און די טעכטער טאַנצן אין אַ באַלעט, און דאָלגאָרוקאָוו איז נישט דער איינציקער. זיינע ברידער, זיינע חברים די בעלי־בתים פון רוסלאַנד, צו וועמען ס׳פּויערים פאָלק האָט זיך געבוקט, ווי צו געטער, זענען צעשפּרייט איבער דער וועלט, ריכטן אָפּ גלות. און אויף יעדן פון זיי קוקט מען, ווי אויף אַ זכר פון אור־אַלטע צייטן, וואָס מען האָט אויסגעגראָבן ערגעץ אין דער ערד, ווען אין אמת׳ן האָט דאָס אַלץ איצט, נעכטן, פּאַסירט. ס׳האָט אים ווייגעטון פאַר רוסלאַנד, פאַר דעם ביסל יאָרן וואָס איז אים נאָך געבליבן צו לעבן.

די זון האָט זיך געהויבן, געצונדן ס׳גראָז מיט בריליאַנטן, געבריט. פעלדער און לאָנקעס האָבן זיך געשפּרייט מיט אַ שטילן טרויער, ווייל וואָס איז דער מענטש אין פאַרגלייך מיט דער ברייט און גרייס, וואָס עטעמט אויף אים?

פון וועלדל האָט זיך דערטראָגן אַ געלעכטער. דאָלגאָרוקאָוו האָט זיך אומגעקוקט. זיינע צוויי טעכטער זענען געגאַנגען אויף אַ פּריער

הויך געוואקסן מיט דינע, בויגיקע פיס, ווי דער גאנצער קערפּער וואלט באשטאנען פון פיס, פיס און פיס. נאך זיי עטלעכע מיידלעך פון דער קאלאניע, נאכלעסיק אנגעטון. טייל אין אויסגעדרייטע שיך, אנדערע אין בלויזע זאקן, געלעכערטע, ווי זיי וואלטן געגאנגען זיך באדן.

— גוט מארגן, מיידלעך, וווּ גייט איר אזוי פרי? — האָט דאלגארוקאוו זיי באגריסט.

— מיר גייען זיך באדן — האבן די טעכטער זיך אנגערופן.

אַ מיידל פון דער קאלאניע, מיט אַ צוגעשוירן קעפּל ווי ביי אַ יינגל, האט זיך ארויסגערוקט:

— מיסטער דאלגארוקאוו, גיט אן עצה. מיט וואס פאר א בלימלעך זאל מען אויספּוצן די קאסינע?

— מיר האָבן דאָך היינט אַ קאָנצערט פאַר די הונגעריקע ק/י דער פון רוסלאַנד — האָט זיך אַ צווייטע ארייגעמישט.

ס'איז געווען גענוג מען זאָל אָנהויבן רעדן וועגן בלומען און דאָלגאָרוקאָוו האָט פאַרגעסן, אז ער איז א פירשט, וואָס ריכט אָפּ גלות. ס'פּנים האָט ביי אים אויפגעלויכטן:

— איר ריכט זיך אויף א גרויסן עולם?

— א חוץ אונזערע, ריכטן מיר זיך אויף א הונדערט געסט.

דאָלגאָרוקאָוו האָט געוויזן אויף די דייזיס מיט די גאָלדענע קרוינדלאַך, אויף די שוואַרץ־קעפּיקע סוזיס, וואָס האָבן זיך געשפּרייט איבער די לאָנקעס ווי קאָלירטע קאַוויאָרן:

— קיין שענערע בלומען דאַרף מען ניט!

ער איז דער ערשטער אריין אין דער לאָנקע. געשניטן ס'גראָז מיט די פעסטע פּיס, מיט די הענט, געריסן די בלומען מיט די שטאַמען. די מיידלעך האָבן זיך געלאזט נאָך אים, אריין אַלץ טיפער אין דער קילקייט פון גראָז, אויפגעציטערט דעם מאָרגן מיט זייערע מיידעלשע געשרייען. זיי האָבן זיך געבויגן, זיך געהויבן מיט פריש־געריסענע בלומען אין די הענט, צריינגעאָטעמט אין זיך דעם ריח פון האָניג, זיך ווידער געבויגן אין ס'האָט אויסגעזעזן, ווי דאָלגאָרוקאָוו, א געצענדינערשער פּריסטער טוט תפילה מיט זיינע הייליקע מיידלעך צו דער מאַמע ערד.

פאַרנאַכט האָט זיך די קאָלאָניע גענומען קלייבן צום קאָנצערט. די קאַסינע איז געווען באַפּוצט מיט פעלד-בלומען, מיט רויטע פענער. אַ שורה עלעקטרישע לעמפּלעך האָט געברענט איבערן אריינגאַנג. די פעלדער זענען געווען אַזוי ברייט און טיף, אז דער גאַנצער טומל אַרום דער קאַסינע האָט זיך נישט אָנגעזען.

געסט זענען אנגעקומען פון די אַרומיקע האטעלן, אנגעפילט ביסלעכווייז דעם זאַל, זיך צעזעצט אויף די לאַנגע בענק, וואס זענען געווען צעשטעלט ביז צו דער סצענע. מען האט זיך געפילט היימיש, זיך דורכגערעדט אויף יידיש, רוסיש, ענגליש.

דאָלגארוקאָוו איז געזעסן מיט די טעכטער אין אַ זייט. טרויע-ריקע מחשבות האבן זיך אים געפלאָנטערט אין מוח׳ געהאט פאַר-איבל אויף זיך, פאַרוואָס ער איז ניט איצט אין רוסלאַנד.

ס׳איז אריינגעקומען דער פּרעזעס פון דער קאָלאָניע, אַן אָדע-סער יינגערמאַן, וואָס בויט הייזער, גרוסט זיך מיט זיין ריינעם רו-סישען אַקצענט און לעבט מיט דער נייער רוסלאַנד. ער האט גע-האלטן פאַר זיין חוב צוצוגיין צו דאלגארוקאוון:

— ס׳זאמלט זיך אַן עולם.

— יע, ס׳זאמלט זיך.

— און אין רוסלאנד הונגערט מען טאַקע?

— ניט מען הונגערט. מען שטאַרבט, גאַנצע דערפער שטארבן אויס — האט דאלגאָרוקאָוו רויק געענטפערט און ס׳איז ניט קענטיק געווען צי ער איז גלייכגילטיק, צי ניט.

ס׳האבן זיך באַלד גענומען קלייבן מענטשן. פון דער זייט גע-קוקט אויף דאלגאָרוקאוון, אויף זיינע טעכטער, וואס איינע האט אויס-געזען, ווי ניקאָלאַי דעם צווייטנס אַ שוועסטער. דער עולם, כאָטש אַ לינקער, האט זייער געוואָלט זיכער זיין, צי דאס איז טאַקע דער אמת-ער פירשט דאָלגארוקאוו און טיף אין הארצן איז קיין איינער נישט געווען צופרידן, וואס דער פירשט האט געמוזט ווערן אַ גערטנער.

דער עולם איז געוואָרן אומגעדולדיק. דאָ און דארט האָט עמע-צער אָנגעהויבן קלאַפּן אין די הענט מען זאל אָנהויבן דעם קאָנצערט. באלד איז דער עולם געוואָרן אנגעשטעקט און דער זאל איז פול-געווארן מיט אַזאַ פּאַטשעריי, אַז די שויבן האבן געציטערט.

אויף דער עסטראַדע האָט זיך באַוויזן אַ דאַר מענטשל, דער פּאָרזיצער פון דעם קאָמיטעט פאַר הונגעריקע קינדער אין רוס-לאַנד.

ס'איז שטיל געוואָרן. דער פּאָרזיצער האָט אָפּגעהוסט און אָנ-געהויבן אין יידיש:

— חברים און פריינט, האַלט אייך רויק. מיר וועלן דורכפירן דעם גאַנצן פּראָגראַם, וואָס מיר האָבן פאַרשפּראָכן. איצט וועל איך בעטן דעם עולם זיך אויפצושטעלן, ווייל ס'איז ביי אונז אַ מנהג צו עפענען יעדע אונטערנעמונג מיטן אינטערנאַציאָנאַל.

דער עולם האָט זיך אויפגעשטעלט. אַ יונג בחור'ל אין אַ שוואַרץ רוסיש העמדל מיט אַ צעקנעפלטן קאָלנער, איז אַרויס פון אַ זייטיקן פּאָרהאַנג. ער האָט אַרויסגענומען אַ מויל-האַרמאָניקע און אָנגעהויבן אויסצושפּילן דעם אינטערנאַציאָנאַל.

דאָלגאָרוקאָוו מיט די טעכטער זענען געשטאַנען פאַרטראַכטע, ערנסטע. זיי האָבן געקוקט אויף דעם בחורל מיט דער מויל-האַרמאָניקע, ווי זיין איינגעפאַלענער בויך הויבט זיך ביי אים, די באַקן בלאָזן זיך אָן און אין זייערע פאַרטראַכטע אויגן האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל. און אַז מען האָט געענדיקט דעם אינטערנאַציאָנאַל האָט דאָלגאָרוקאָוו נאָך לאַנג געטראַכט וועגן זיין טאַטע, זיין זיידע, זיין עלטער-זיידע, וואָס האָבן פון עלפטן יאָרהונדערט געהערשט איבער רוסלאַנד. איבערן פויער, געזען אַ שייכות צווישן די טענער פון דער קליינער מויל-האַרמאָניקע און זיין גלות.

1926

#ביים טעלעפאָן

פון נאָכמיטאָג ביז אין אָוונט איז עסטושע געזעסן ביים טעלע־פאָן, אויפגעכאַפּט דעם קלענסטן רויש, וואָס דאָס אָפּגעניקלטע מעטאַל האָט געשפּרייט איבער דעם לייִדיקן צימער — פאַרבונדן עסטושען מיט דער גרויסער, פרעמדער וואַרשע.

די לייִדיקע צימערן, ווו עסטושע איז שוין דריי חדשים אַליין, האָבן געשראָקן. די ווענט, דאָס מעבל, אַלץ האָט זיך געדרייט אַרום איין פּינטעלע און דער מוח איז נישט מיד געוואָרן צו טראַכטן דאָס זעלביקע וואָס נעכטן, וואָס אייערנעכטן.

עסטושע האָט געזען, ווי דאָס אַרומיקע לעבן, אַזאַ גרויס, אַזאַ ליכטיקס לויפּט־איין, ווערט אַלץ שמעלער און שמעלער. און דאָס פאַרגאַנגענע, וואָס זי האָט אַזוי געוואָלט פאַרגעסן, געוואָלט עס זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ — איר פאַרגאַנגנהייט וויקלט זיך פאַרנאַנדער און זי קען זיך בשום אופן נישט אַרויספּלאָנטערן דערפון.

די געדאַנקען אַזעלכע גרויע האָבן אויסגעפּילט די פּוסטקייט פון די לאַנגע טעג, פון די נאָך לענגערע נעכט, דערציילט און איבער־דערציילט, ווי עסטושע האָט זיך באַקענט מיט דודן, ווי זיי האָבן זיך פאַרליבט און ווי גליקלעך זיי האָבן געלעבט.

יעדעס יאָר האָט ער זי אָפּגעפירט אויף אַן אַנדערן זומער־פּלאַץ געשריבן יעדן טאָג אַ בריוו, באַוואָרפן מיט מתנות. זי אָפּגעוואַרט אויפן באַן־הויף מיט בלומען. האָט זיך עסטושען איינמאָל פאַרגלוסט איבערראַשן דעם מאַן. זי האָט אים נישט געלאָזט וויסן ווען זי קומט און, אַז זי איז פאַרפאַרן צו זיך אַהיים, האָט איר געעפנט אַ פרעמדע דאַמע. אַ יונג קעפל האָט אָפּגערוקט פון הינטער דער קוים צע־עפנטער טיר, אַ פרעג געטון:

— וועמען דאַרפט איר?

עסטושע האָט זיך צעלאַכט און אַז איר געלעכטער איז געוואָרן היסטעריש, האָט די פרעמדע זיך געכאַפּט ווער ס'שטייט פאַר איר און זי האָט ברייטער געעפנט די טיר:

— כ'האָב אייך נישט דערקענט און טונקעלען קאָרידאָר, ענט-שולדיקט. איר זענט עסטושע — האָט די פרעמדע געעפנט אַ פּאָר אויגן ווי ס'וואָלט ביי איר קיין גרעסער גליק נישט געווען, ווי זיך צו באַקאַנען מיט עסטושען — איך הייס מאַניע, בין אייער מאַנס אַ באַקאַנטע... שוין אַ וואָך ווי כ'זוך אַ האָטעל, קאָן נישט קריגן און דאָ האָב איך צופעליק געטראָפן אייער מאַן, האָט ער מיך פאַרבעטן צו זיך... אַ ליידיקע דירה... איר זענט בייז? איר דאַרפט נישט בייז זיין!

נאָך דעם זעלבן טאָג האָט די פרעמדע איינגעפּאַקט אירע זאַכן און איז אַוועק פון הויז.

און אין הויז האָט מען מער נישט געקענט אַריינקומען. די ווענט, ס'מעבל, די לופט, אַלץ איז פול געווען מיט שנאה. מען האָט נישט גערעדט, זיך געשרפט מיט די אויגן און אַז ווערטער זענען געפאַלן, האָבן זיי געשיפּעט מיט גאַל, ווי שלאַנגען-צינגלעך.

דער מאַן האָט זיך געבעטן ביי עסטושען, געלעגן ביי אירע פיס, צוגעזאָגט גוט צו זיין:

— עסטושע, טרייב מיך נישט... דו ווייסט. אַז איך קען נישט לעבן אָן דיר... אַז מען האָט נישט ליב, קריכט מען נישט אַזוי... דו ווייסט... וואָס שווייגסטו? נו, אַז אַ מענטש גליטשט זיך אויס... טאָ שעכט מיך, שעכט מיך!

זיינע ווערטער זענען נישט דערגאַנגען צו אירע אויערן. גאַנצע טעג איז זי געלעגן ביי זיך אין שלאָפצימער, געטריבן דעם מאַן פון זיך, אים געטריבן פון הויז, אַזוי ענג געמאַכט אים ס'לעבן, אַז ער איז אַוועק.

דעם זעלבן טאָג ווען דער מאַן איז אַוועק, איז דער כעס ביי עסטושען פאַרשוווּנדן. זי האָט זיך גענומען פאַר די צימערן, געזען ס'זאָל נאָכן מאַן קיין זכר נישט בלייבן און פאַר איר האָט זיך גע-נומען שפּרייטן אַ ניי לעבן מיט אַזוי פיל רחבות און דאָס לעבן נאָך

אַ פאַרנעפּלטס, האַט געצויגן, נישט געלאָזט איינזיצן אין שטוב.

זי האָט אָנגעהויבן אויסצומיידן באַקאַנטע, געליטן וואָס מען קוקט אויף איר מיט רחמנות, זיך געכאַפּט, אַז אָן דעם מאַן הויבט מען זי אָן צו באַמערקן ווייניקער, אירע פאַפּירן פאַלן פון טאָג צו טאָג.

די אויגן האָבן זיך בײַ איר, ווי מיט אַמאָל געעפנט און זי האָט זיך אַרומגעזען, אַז נאָך אַלעמען האָט זי דעם מאַן ליב, קאָן נישט לעבן אָן אים.

און וואָס מער זי האָט זיך געוואָלט באַפרייען פון אים, באַהאַלטן יעדע זאַך, וואָס האָט זי געקאָנט דערמאָנען אָן אים — אַלץ העכער האָבן צו איר געשריען די ערטער ווו ער איז געשטאַנען, געזעסן, געשלאָפן. אַלץ איז פול געוואָרן מיטן מאַן. קלייניקייטן, לאַנג-פאַרגעסענע האַלבע ווערטער זענען מיט אַמאָל אַפּערגעשווומען, זיך באַזעצט בײַ עסטושען אין מוח און געפּיקט.

איצט ערשט האָט איר געגומען באַנג טאָן די גאַנצע חתונה, דערפילט אַז אָן דודן איז איר ענג די וועלט, אַז פאַר יעדן פּרייז דאַרף זי אים צוריקקריגן.

עסטושע האָט אויפגעזוכט אויף דער טעלעפאָן-סטאַנציע אירע אַ באַקאַנטע. נאָך עטלעכע טעג צושטיין צו דער באַקאַנטער, האָט זי געפּועלט, אַז ווען דוד וועט אָפּקלינגען זיין געליבטע זאָל דאָס טעלעפאָן-מיידל זי פאַרבינדן מיט דערזעלבער ליניע.

שעהן האָבן זיך געצויגן, גרויע, לאַנגע, נישט געוואָלט פאַרבײַ. זי האָט געקוקט אויפן טעלעפאָן אַפּאַראַט, אויף די שנורן, וואָס האָבן זיך גערינגלט, אויפגעכאַפּט דעם אָפּקלאַנג פון אַ ווייטן רויש, וואָס איז ערגעץ איבערגעריסן געוואָרן און געציטערט אינגאַנצן, און וואָס לענגער זי איז געזעסן בײַם שטומען אַפּאַראַט. אַלץ פאַרעקשנטער זײַן געדולדיקער איז איר פאַרלאַנג געוואָרן, געהערט ווערטער אין דער שטומקייט, וואָס איז געלעגן אין דעם ליידיקן צימער.

ס׳גלעקל האָט זיך מיט אַמאָל צעשאָטן, אויפגעהערט און באַלד ווידער אויפגעטרייסלט די שטילקייט. דער אָטעם האָט עסטושען פאַרפעלט. זי איז געבליבן זיצן איבער אַ רגע אין אַ הוילקייט. ווי קיין האַנט הויבט זיך נישט. און אַז ס׳גלעקל האָט צום דריטן מאָל שוין

נישט געקלונגען, נאר זיך צעשריען, האט זי אַ פאַרלוירענע געכאַפּט ס׳טרייבל צום אויער, געהערט ווי אַ יונג קול הנדלט זיך:

— דוד?

— איך, זאשע.

— האסט געקראגן בילעטן?

— געקראגן, גילדענע מיינע.

ווערטער ווי שנירלעך וואסער, פארגיסן ביי עסטושען די אויערן. זי הערט מער גארנישט, זעט ווי דוד בויגט זיך איבער איר, רוימט איך אויער אריין:

— גילדענע מיינע, גילדענע עסטושע.

דער רויש אין די אויערן פארשווינדט און דאס יונג קול הנדלט זיך ווידער:

— ווייסט, אז כ׳בין איינע אליין... ס׳וואלט אזוי גוט געווען ווען דו קומסט איצט ארויף, קום!

— וועסט זיין גוט צו מיר?

— כ׳וועל זיין.

ס׳פנים ביי עסטושען לייכט אייף, די אויגן גרויסע, פארחלומטע קוקן פאר זיך און זעען גאָרנישט. ליפן, הייסע ליפן גלעטן איר דעם האלז, די שלייפן, פארקניפן זיך מיט אירע ליפן און קיין אָטעם פארפעלט נישט. הא, ווען איז דאס געווען? מען רעדט שוין נישט?

זי האט זיך א הויב געטון אָנגעשטרענגט די אויערן, דעם מח, געהערט ווי די שטילקייט רוישט אין די טעלעפאן שנורן. זי האט אויפגעהאנגען ס׳טרייבל, געבליבן שטיין א פארלוירענע. און איבעריקע. אלץ איז איר דא געווארן פרעמד, אפגעריסן פון איר לעבן. ווי ס׳וואלט עפעס אָגעבערענט און ארום טראגט זיך אש און רויך.

1925

# אַ רב

דער רב, ר׳ משה סיגל, פון דער שול „אנשי פּוילן,״ האָט גע־רויכערט פון יינגלווייז־אָן. מיט די יאָרן איז דאָס רויכערן ביי אים איבערגעגאַנגען אין אַ הונגער. און אַז דער הונגער איז אים באַפאַלן אין מיטן דער נאַכט, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און פאַרצויגן. פרייטאָג אָבער פאַר ליכט-בענטשן, האָט זיך די שכרות אָפּגעטאָן פון אים און ער איז זיך באַגאַנגען אָן אַ סיגאַרעטל ביז איבער הבדלה. דער רב האָט אין דעם געזען אַ גאָט־זאַך.

אזוי האָט עס אָנגעהאַלטן פון בחור-ווייז אָן. און פונקט היינ-טיקן שבת, ווען דער רב איז אלט געוואָרן פופציק יאָר, האָט מען אים אין חלום געשטעלט פאר אַ נסיון און ער איז געשטרויכלט געוואָרן.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ שווער געמיט און מורא געהאט צו ברענגען איבער די ליפּן, אז ער האָט אין שלאָף גערויכערט.

דער רב האָט זיך געחידושט פון וואַנען ס׳קומט צו אים אזא חלום, נישט געוואוסט פארוואס מען שטראָפט אים. זאל עס זיין פאר דעם זון זיינעם, דעם ראַבאַי פון אַ האלב־רעפאָרמירטער שול? אין פארגלייך מיט אנדערע אמעריקאנער ראַבאַיס, איז ער דאך אַ פרומער. גאָלט זיך נישט, איז נישט מחלל שבת און קיין אלטער בחור, ווי זיינע חברים, וועט ער שוין נישט בלייבן. דער רייכסטער בעל־הבית פון דעם זונס שול נעמט אים פאר אן איידעם.

דער רב האָט זיך אפּגעגאָסן די נעגל, זיך לאַנג אנגעטאָן און אַ נישטאויפגעלייגטער געקוקט דורכן פענסטער. ער האָט געזען, ווי ס׳ליכט שיילט זיך ארויס פונם פינסטערניש, עס נעמט טאָגן, און גע־זוכט פאר זיך אַן עונש.

ער איז אריין אין בית-דין שטוב.

עס איז גענוג געווען דער רב זאל א קוק טאן אויף די גאָ-
לײַשטע רוקנס פון די ספרים, וואס זענען געווען צעשטעלט אויף די
פּאליצעס און עס איז אים היימלעכער געוואָרן. ער איז מער נישט
געווען אליין. די ספרים זענען פארוואנדלט געווארן אין לעבעדיקע
פּנימער, צווישן וועלכע ער איז אויסגעוואקסן, זיך אפּט געאמפּערט
מיט זיי, פארטרויט יעדע זייטיקע מחשבה זיינע און געפילט, אז ער
האט זיך אויף וועמען אנצולענען.

דער רב האט געגלעט זיין לאנגע, שווארצע בארד, וואס האט
אנגעהויבן גרוי צו ווערן, מיט אזא התמדה, ווי ער וואלט דערצו נאר
באשאפן געווארן. ער האט אונטערגעברומט א רבנישן ניגון און ארויס-
גענומען א ספר פון א פּאליצע. ער האט געבלעטערט אין איילעניש.
געבלעטערט דאס ספר מיט א גענייטקייט, געווען קלאר מיט יעדן זייטל.

א ריח פון אנגעברענטס האט זיך פון ערגעץ דערטראגן, נישט
געלאזט איינזיצן, האט דער רב ארויפגעלייגט זיין קאלירט נאז-טיכל
אויפן ספר און גענומען שפּרייזן איבערן צימער.

ער האט געוווּסט, אז דער זון גייט היינט זאגן אויף דער פּרשה
פון דער וואך א דרשה, געווען נייגעריק וואס פאר א קנייטשלעך ער
האט מחדש געווען, געגלויבט, אז ער, דער פאָטער, וואלט אים
געקאנט ארויסהעלפן מיט א פּסוק, מיט א ווארט און מיט אמאל האט
אים עפּעס א קרעל געטון אין דער נאז.

דער רב האט איינגעקוועטשט זיין דארע נאז, געשמעקט, געשמעקט,
אויפגעכאפּט א דינעם ריח, וואס האט זיך פון ערגעץ דערטראגן, גע-
יועקט אין אים דעם הונגער.

ער האט געליטן, געטריבן פון זיך יעדן חשד, גענישטערט אין
ווי א יאגהונט באשמעקט יעדעס ווינקעלע. אז ער איז צוגעקומען צום
זונס צימער, האט אים א קיצל געטון אין די נאז-פליגל. ער האט לייכט
געעפנט די טיר.

א פארשטיקטער ריח האט אים א שלאג געטין אין פּנים אריין.
שטאפּסלעך פון אויסגעברענטע סיגארעטן, וואס האבן זיך געוויקט
אין א נישט אויסגעטרונקן גלאז טיי, זענען געווען אנגעזאפּט ווי
פּיאווקעס.

דאס הארץ האט ביים רב א הויב געטון, גענומען קלאפּן אויף

איין און דעמזעלבן פלאץ, ווי עס וואלט זיך געקליבן דורכהאקן די ברוסט.

דער גאַנצער בנין, וואס ער האט געבויט פאַר די פופציק יאר, האט זיך גענומען שאקלען, אנגעהויבן איינפאקן, און זיין אייגן לעבן האט זיך א שטעל געטון פאר אים ווי א גענעץ — וואס פאר א רב איז ער, וואס פאר א מדריך, אז דעם איינציקן זון זיינעם, האט ער גע-געמאכט פאר א ירבעם, וואס זינדיקט און מאכט זינדיקן אנדערע?

אן ווערטער האט ער דעם ראבאי א טארקע געטון מיט דער האנט:

— וואס ליגסטו?

דער ראבאי מיטן שויבער האר איבערן שטערן, האט זיך א ריס געטון, געעפנט אויפן פאטער א פאַר אויגן, ווי מען עפנט, ווען מען באגעגנט זיך מיט א גזלן:

— וואס איז, טאטע?

דער פאטער איז מיט אמאָל עלטער געווארן. די פינגער פון די הענט האבן ביי אים געציטערט, אין האלז האָט זיך איועקגעשטעלט א פויסט. ער האט זיך אנגעשטרענגט מיט אלע כחות צו זיין רויק און געוויזן אויפן גלאז, וווּ די שטיקלאך סיגארעטע האבן זיך געווייקט:

— וואס איז דאס, ראבאי מיינער?

דער ראבאי, א פארשעמטער, האט זיך געכאפט, אז ער איז אריינגעפאלן, געוואלט מאכן פון גאנצן ענין א שפאס און זיך א:-גערופן:

— דערצו, טאטע, האסטו נישט געדארפט מיך אזוי איבער-שרעקן.

— וואָס? — איז דער רב אַ פּלי געטון צום זון, נישט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך מיט אים און אים אויסגעהאַקט אַ פּאַטש — מחלל שבת זיין איז גאָרנישט? און דו ביסט נאָך אַ רב אין אַמעריקע?

די האַנט האָט זיך ביים אַלטן רב געהויבן, געוואָלט נאָך פּאַטשן. ער האָט זיך אָבער באַגעגנט מיטן זונס צעשראָקענעם פּנים און זיך בלויז צעשריען:

— נאָך היינט זאָלסטו זיך אָפּזאָגן פון רבנות, פּושע ישראל דו,

אַז נישט, וועל איך דיך פון בעלעמער אַראָפּשלעפּן! אַ מחלל שבת טאָר נישט זיין קיין רב!

ער האָט נישט געוואַרט, וואָס דער זון האָט אים צו זאָגן, געלאָפן אָן מראה צו זיך אין בית־דין שטוב.

ער האָט אַראָפּגעריסן פון זיך דעם זיידענעם גאַרטל, אויסגעטון די קאַפּאָטע מיט אַזאַ כעס, ווי ער וואָלט דערמיט זיך אָפּגעזאָגט פון רבנות.

דער רב האָט געציטערט, זיך געדרייט אָן אָטעם אַרום צימער, ווי אַ פאַרשפאַרטער, גערעדט מיט זיך:

„משה סיגל, משה סיגל, ווי מעגסטו זיין רב איבער אַ קהלה יידן, אַז דו האָסט נישט געקענט מדריך זיין דיין אייגענעם זון? און אויב יאָ אַ רב, משה ס׳גל, טאָ גיי נאָך היינט אין שול אַריין, שלעפּ אַראָפּ דעם פושע־ישראל פון באַלעמער, זאָג בפני כל עם ועדה, אַז דיין זון איז אַ מחלל-שבת, אַז מען דאַרף אים גלייך אָפּזאָגן פון רבנות... טו עפּעס!"

אין אַ פערטל שעה אַרום איז דער רב געגאַנגען צו אַראָנסאָנען, צום מחותּן זיינעם, געגאַנגען פאַרקלאָגן דעם זון.

די געוועלבער זענען געשטאַנען אָפן. יידן, יידענעס האָבן געקויפט, פאַרקויפט. איבער דער גאַס האָבן זיך געטראָגן מאַשינען מיט אַ פייף, צעטריבן ס׳קליינוואַרג, וואָס האָבן געשפּילט אין פּילקע.

דער רב האָט פאַרמאַכט די אויגן, ווי ער וואָלט עס דאָס ערשטע מאָל געזען, נישט געענטפערט אויף קיין גוט-שבת. אַ טרויער האָט זיך געוויקלט אַרום זיין הויכן גוף, נישט געוווסט וווהין ער גייט און צו וואָס ער גייט.

דער מחותן, אַ געגאָלטער, האָט אים אויפגענומען מיט אַ ברייטן ברוך-הבא:

— גוט שבת, רב! זייט מוחל זיצט!

דער רב איז שוין איצט געווען רויקער. און אַז דער מחותן האָט זיך אַ נייגעריקער צוגעזעצט, האָט דער רב אָנגעהויבן:

— מחותן, לאָזט אָפּ דעם שידוך!

— וואָס? — האָט אַראָנסאָן זיך נענטער אַ רוק געטון צום רב, געכאַפּט אַ האַנט צום אויער ער זאָל בעסער הערן.

— מיין זון, דער ראַבאַי אייערער, איז אַ מחלל שבת.

— וואָס, אַ שטייגער, האָט ער דאָס געטון? — האָט אַראָנסאָן תמ׳עוואַטע געשמייכלט.

— קיין נפקא מינה נישט, — איז דער רב געוואָרן ברוגז, וואָס יענער נעמט עס אַזוי לייכט — אַז אַ רב איז מחלל שבת איז ווייניק? און איך וויל מ׳זאָל אים אויך אָפּזאָגן פון רבנות!

— עה, רב, — האָט דער מחותן גענומען רייבן אַ האַנט אין אַ האַנט — איר זאָלט מיר מוחל זיין, איך מיין... וואָס איז דאָס געאייל? מען דאַרף די זאַך איבעררעדן, איך מיין, אַ יונגער מענטש, עס איז דאָך אַמעריקע... אָפּזאָגן פון רבנות, הייסט קוילן אָן אייגן קינד אָן אַ מעסער, צונעמען ביי מענטשן דעם ביסן פון מויל...

דער רב האָט זיך געכאַפּט, אַז ביי די יידן איז עס גאָר קיין חטא נישט, אַז זיינע רייד זענען אַרויסגעוואָרפן. ער האָט זיך געזעגנט מיטן מחותן, און אַז ער איז שוין געווען אויפן גאַס, געקוקט אין די אָפענע געוועלבער, ווי יידן האָבן געקויפט, פאַרקויפט, האָט ער זיך געטראַכט:

„ס׳איז דאָך אַ מיאוס פורים־שפּיל!"

1925

# נאָכן זומער

אין דעם איינפּאַר־הויז, וואָס איז געשטאַנען אין די בערג, וווּ וועגן קרייצן זיך, האָט שוין איבער אַ וואָך קיין מענטש נישט אַריינגעשמעקט.

דער רעגן האָט אָנגעהאַלטן. די אָנגעשוואָלענע ערד אויף די פעלדער האָט געגרויכערט, זיך געהויבן פון די שטייענדיקע וואַסערלעך, וואָס האָבן געבלישטשעט פון דערווייטנס, ווי שטיקלעך שויבן. ערד, בוים, לופט — אַלץ איז געווען נאַס, זיך געקלעפּט צום פּייכטן לייב, פון וועלכן מען האָט געוואָלט פּטור ווערן, אַראָפּוואַרפן פון זיך, ווי מען וואַרפט אַראָפּ דורכגעווייקטע מלבושים. מענטש, בהמה, עוף — יעדער אויף זיין שטייגער האָט געבענקט נאָך אַ שטיקל זון.

דער בעל־הבית, מיסטער זלאָטניק, אַ ניו־יאָרקער צושניידער, וואָס האָט צוגעקרענקט אויף די לונגען, האָט זיך אין אַזעלכע טעג שלעכט געפילט. ער האָט זיך כמעט נישט אַרויסגערוקט פון הויז, געזעסן אין קיך ביים אויוון אין אַ שווערן סוועטער, אַ וואָלענעם שאַליק אַרום האַלז. זלאָטניק האָט געוואָרעמט אין זיך די פייכטקייט, געוואָלט אויסטריקענען דעם חלשות־ריח פון מילך וואָס האָט זיך געטראָגן פון זיין אָטעם.

ווען נישט די רעגנס וואָלט אים איצט גוט געווען. די געסט פון די אַרומיקע האָטעלן זענען זיך צעפאָרן. אויס „ביזי״, אויס גראַנשקע.

דורכן זומער האָט ער נישט דערעסן, נישט דערשלאָפן, געהאָט ערגערניש, וואָס ס׳ווייב טענצלט אַרום אַלעמען, ווייסט יעדן איינעמס סודות. ער האָט זיך בלויז געחידושט פון וואַנען עס נעמט זיך צו איר אַזאַ גבורה. ווען זלאָטניק האָט זיך שוין געהאַט גוט איבערגע־שלאָפן, זיך געקליבן אויפצושטיין, האָט זי זיך ערשט צוגעשפּאַרט

נישט איין פאַרדרוס האָט ער געמוזט פאַרזען צוליב פּרנסה, נישט איין עוולה פאַרבויגן. ער, דער באַלעבאָס, האָט זיך געדרייט ווי אויף אַ פרעמדער חתונה, גצווען אַלעמען איבעריק אין די אויגן, גע-שטערט. פון פאַרדרוס האָט ער זיך גאַנצע טעג געפּאַרעט ביים גאָרטן, אַכטונג געגעבן די הינער זאָלן זיך לייגן אין הינער-שלאַק, געקליבן פון די פעלדער די שטיינער, זיי אויסגעלייגט אין אַ פּלויט.

דאָס ווייב — אַ הויכע, אַ בלאָנדע. אַקסלען רונדע, פולע. די חמימות האָט צוגעגילדט אירע העלע האָר, צוגעברוינט דאָס ליכטיקע פּנים. די אויגן זענען ביי איר געוואָרן אויסגעהונגערט, ווי ביי „זיי-חיות, ווען עס קומט אָן די צייט פון יאָגן זיך.

איצט ווען אַלע זענען זיך צעפאָרן, נישטאָ קיין פּ־עמדער-מאַנס-ביל פאַר אַ רפואה און עס וואָלט אים, זלאַטניקן, גוט געווען, האָבן זיך אונטערגערוקט רעגנס, וואָס פאַרקירצן זיין אָטעם, שטיקן.

ער איז צוגעגאַנגען צום פענסטער, שנירלעך רעגן האָבן זיך געקייקלט איבער די שויבן. דער גאָרטן, וואָס ער האָט באַאַרבעט אַ גאַנצן זומער, איז איצט געלעגן אַ פאַרפלייצטער. די הויפּטלעך קרויט, די מייערן, אויסגעוואַשן מיט די וואָרצלען, האָבן זיך געוואַלגערט צווישן די בייטן

— כ׳האָב איר געזאָגט, אַז עס קומען אָן רעגנס... זיי דער-שפּירט מיט אַ וואָך צוריק — האָט זלאַטניק אַריינגערעדט אין דער שויב אין געמיינט האָט ער זיין צוועלף יעריקע טאָכטער, וואָס האָט זיך געדרייט אין קיך — ווען די מאַמע פאָלגט מיך און נעמט אַראָפּ ס׳גרינס, וואָלט צו דעם אַלעם נישט געקומען

די טאָכטער, אָן איבערגעוואַקסענע פאַר אירע יאָרן, וואָס האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די לאַנגע, דינע פיס, האָט גאָרנישט געענטפערט, אַפּנים געוואוינט געוואָרן צום פאָטערס רייד. זי האָט זיך אַריינגע-זעצט אין אַ געפּלאַכטענער שטול און געעפנט אַ בוך.

די מוטער, אַ צעשמיסענע פון רעגן, איז אַרייַנגעקומען מיט אָן אָרעם האָלץ. זי האָט אַ וואָרף געטון ס׳האָלץ אויפן דיל אַז די שויבן האָבן טעמפּ אויפגעציטערט און אָנגעהויבן פון אַ מיט:

— און דו ווילסט טאַקע כ׳זאָל בלייבן אין אַזאַ העק אַ גאַנצן ווינטער? נישט איך, מיין מאַן! ס׳איז נאָך נישט ווינטער און מ׳זעט

זעט שוין קיין מענטש נישט, וואס וועט נאָך זיין אז ס׳וועט זיך טאקע אוועקשטעלן א ווינטער מיט שניי און פרעסט?

דער מאַן האָט געוווּסט, אז עס איז גלייכער צו פארשווייגן. מיטן שרייען וועט אויך אוועק דעם ווייבס פארדרוס. זי האָט פאַראיאָרן אויך געשריגן און געבליבן אין די בערג דעם ווינטער. איינע אליין האָט זי באארבעט ס׳הויז, אים געשטריקט וואלענע זאָקן, אים צוגעזונגען ווי א קינד.

עס האָט אנגעהויבן טונקל צו ווערן. מיסעס זלאטניק האט גענומען א זאק איבערן קאָפּ און איז אַרויס מיט דער טאכטער אין גארטן אריין.

דער מאַן איז געשטאנען אין פענסטער, פון געוווינהייט זיך צוגעהאַלטן מיט אַ האנט ס׳האַרץ און געקוקט, ווי דאס ווייב מיט דער טאכטער ווייקן זיך אין רעגן. ער האָט רחמנות געקריגן אויף זיי. אַ ווארימקייט האָט זיך געקליבן ביי אים אונטערן הארץ, זיך געהויבן אין האלז אריין. איצט האט ער דעם ווייב אַלץ מוחל געווען, אַפילו די שטיפערייען מיט יונגעלייט אין די זומער-נעכט. די שוואכע פיס האבן אים געטראָגן איבער דער קיך, און דער מוח האט געפלאנט, אז די גלייכסטע זאך איז צו פארמאכן דעם פּאַץ פארן ווינטער. ער איז א מיטגליד פון „אַרבייטער רינג״, וועט מען אים אריינעמען אין סאַנאַטאריום, און דאָס ווייב מיטן קינד וועלן פארברענגען דעם ווינטער אין שטאָט. דערצו האט ער זיך געשראָגן פאר די שנייען, וואס ליגן חדשים אין די בערג, געבענקט נאך קאליפארניע, וווּ ס׳איז שטענדיק זומער, וווּ מען קען זיך ארויפארבעטן, אפילו רייך ווערן.

ס׳ווייב מיט דער טאכטער זענען געשטאנען אין וואסער, זיך געבויגן איבער די צעווייקטע בייטן און געפּאַקט ס׳גרינס אין די זעק. דעם ווייבס פאַרבויגענע קלייד האָט זיך געקלעפּט און געפלאָנטערט צווישן די פיס, ארויסגעפּרעסט די פליישיקע, פולע ביאָדרעס.

די מאמע מיט דער טאכטער האָבן פאַרוואָרפן איבער די פלייצעס די זעק, זיך געשלעפּט מיטן הויף. זלאטניק, וואס האָט געליטן פון דער אייגענער נישטיקייט, האָט אויפגעזוכט דער טאָכטערס א פּאָר אלטע שיך, זיך געטוליעט אין סוועטער און א שולדיקער זיי

אנטקעגן געגאַנגען. ער האָט ברייט אָן עפן געטון די טיר און זיך פאַרהוסט.

— אַ הינטיש וועטער, האַ? טו איבער די שיך, פעני, טו איבער!

די נאַסע קעלט, וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך, האָט אים דורכגענומען. ער האָט זיך פאַרהוסט, רויט געוואָרן, זיך גערוקט אויף צוריק צום אויוון און געוואַרט ס׳וויַב זאָל עפּעס זאָגן, געוואַרט זי זאָל אים צוּוואַרפן אַ וואָרט, אַ בליק. די נייעס, אַז ער וועט אַוועק נאָך קאַליפאָרניע, ווו עס איז שטענדיק זומער, וועט רייך ווערן, איז שוין געווען ווייט פון אים. נישט צו דעריאָגן. אַ געבויגענער איז ער געשטאַנען ביים אויוון, געזוכט ביים וויַב, ביי דער טאָכטער רחמנות אויף זיך.

דאָס וויַב האָט געריבן די נאַסע שיך מיט אַ שמאַטע, אָפּגעשאָקלט די טראָפּנס רעגן, וואָס האָבן זיך פאַרקליבן אין די פאַלדן פון איר קלייד און געשאָלטן. זלאַטניקן האָט זי נישט באַמערקט, ווי ער וואָלט אין שטוב נישט געווען. דאָס האָט אים באַליידיקט. אַפילו זיין גוטס־קייט וויל און דאַרף קיינער נישט. איצט האָט זי אין זיינע אויגן אויסגעזען נאָך ברייטער און גרעסער. ער האָט געליטן וואָס זי איז אַזוי געזונט, ווי מיט איר געזונט וואָלט זי צוגענומען אַ שטיק פון זיין לעבן.

כמעט אָן ווערטער האָט מען אָפּגעגעסן אָוונט־ברויט, צעוואַשן דאָס געפעס. די טאָכטער האָט געלייענט, די מוטער האָט פאַנאַנדער־געבונדן אַ פּאַק וועש, זיך געקליבן נייען און דער פאָטער האָט זיך טיפער אריינגעזעצט אין זיין וויג־שטול. ער האָט אָפּגעוואָרפן די פּיס און ס׳פּנים האָט זיך ביי אים געפּלעמלט.

דער רעגן איז געקומען פון די פעלדער, אָנגעקלאַפּט אין די שויבן, זיך געטראָגן איבערן דאַך ווי טריט און דאָס פייער אין אויוון האָט גערעדט:

— כ׳וואָלט איצט געגאַנגען אין די „מואוויס״, — האָט פעני אַרויסגעלייענט פון בוך.

— איך אויך, — האָט די מוטער געוויזן אויפן פאָטער, וואָס

האָט געדרימלט, ער — שלאָפט דאָך שוין! בפּט איב אויס, כּעני, וועט ער זיך גיין לייגן!

זלאטניק האָט אן עפן געטון די אויגן, אליין נישט געוווּסט, פאַרוואס ער האָט זיך פארשעמט, און זיך אָנגערופן:

— ס׳איז דאָך נישט זומער! זומער האָב איך דיר געשטערט!

מיר?— האָט דאָס ווייב זיך צעלאכט, און אין איר געלעכטער איז געווען אַזאַ ביטול, אז נישט קוקנדיק וואָס זלאטניק האָט געהאַט פלאַמען אין פנים, איז אים אינגאַנצן קאַלט געווארן.

מאן און ווייב האָבן זיך אנגעקוקט. יעדער האָט געוואלט עפּעס זאָגן, און וואס לענגער די שטילקייט האט זיך פארצויגן. אלץ ווייטער זענען אַנטלאפן די ווערטער. דער אויוון האט זיי שוין נישט פאנאנדערגעטיילט. מיילן ווייט, איז איינער געווען פונם אנדערן, זיך געדרייט אין זיין אייגענעם חלום.

דער רעגן האָט געפּויקט אין דאַך, אין די פענסטער און אז אַ דורכגייער האָט שטיל אנגעקלאפט אין דער טיר, האָט קיינער נישט געהערט. אין דער אפענער טיר איז געשטאנען אן אלטער מאַן, אַ דורכגעווייקטער.

— גוטע מענטשן, קען מען ביי אייך איבערנעכטיקן?

— גענויס! — האבן אלע דריי זיך אַ שטעל געטון.

דער פרעמדער האט דערציילט, אז ער איז קוים דערגאַנגען אהער. זיין אויטאמאביל איז אים אין מיטן וועג קאליע געווארן. איבער פינף מייל האָט ער זיך געשלעפּט אין רעגן.

זלאטניק האָט חושד געווען, אז עס איז נישט אמת, זיך אָבער נישט וויסן געמאַכט. ער האָט געבענקט נאָך אַ מענטשן און אפּגע-טראטן זיין פּלאץ.

— זעצט אייך ביים פייער, איר זענט דאך דורכגענעצט, וועט איר זיך אַ ביסל דערוואַרעמען!

— טוט אויס די שיך! — האט זיך מיסעס זלאטניק אנגערופן און אַ זאג געטון צו דער טאכטער — דערלאַנג אַ האנטוך!

דער פרעמדער האָט געווישט די נאסע פּיס, זיי געשטעקט אין אויוון אריין און אז מיסעס זלאטניק האט אים אונטערגעטראגן

ס׳צווייטע גלאז טיי, האט ער ארויסגעשלעפּט אַ שטיקל ווייסן מעטאַל, גרויס ווי א הענטל פון א קינד:

— איר זעט, דאס איז זילבער. נישט קיין ריין זילבער. ס׳איז געמישט מיט ערד און שטיין. איר רופט מיך פרעמדער און איך און מיין טאטע זענען אין דער געגנט געבוירן געווארן, עטלעכע מייל פון דאנען... וויפיל, מיינט איר, בין איך אלט? הע, הע, איך געדענק נאך דעם בירגער־קריג, אלט געווען דעמלט זיבן יאר... איך געדענק, ווי מיין פאטער איז צוריק געקומען, געהאט א פולע ברוסט מיט אויבעלן (מעדאלן), דערציילט ווי ער האט זיך געשלאגן, ווי מען האָט אים געפאנגען, ווי א פאָלקאווניקס א ווייב, א „סאָוטערין” אַ (דרומדיקע דאמע), האט זיך אין אים פארליבט, אים געהאָלפן אַנטלויפן... אנדערע צייטן געווען... שפּעטער, אז כ׳בין אונטערגעוואקסן, בין איך אוועק מיט חברים קיין קאליפארניע, געארבעט אין אַ זילבער מינע... יארן, א ביסל יארן... איצט בין איך איינער אליין, אַלע געשטארבן, ס׳ווייב, די קינדער... אנומלט, כ׳גיי מיט דער האק פון וואלד, אראָפּגעלאָזט א פּאר בוימער, כ׳טו אַ קוק — ס׳בלישטשעט. כ׳האב אַ קלאפּ געטון מיט דער האק און אפּגעהאקט דאס שטיקל זילבער....

ער האט זיך אויפגעשטעלט א בארוועסער מיט צעשויבערטע האר, געקוקט מיט גוטע אלטע אויגן פון איינעם אויפן צווייטן, אפּגעווישט מיטן בלויזן בליק יעדע דאגה און האָט זיך אַ בויג געטון איבערן אויוון.

— ס׳איז זילבער, זאג איך אייך... כ׳האב יארן געארבעט אין אַ זילבער מינע — האט דער פרעמדער ארייגערעדט אין פייער, גע-האלטן דאס שטיקל מעטאל אין ביידע הענט, ווי ער וואלט געהאלטן א לעבעדיק באשעפעניש און עס ארייגעווארפן צווישן די גליענדיקע קוילן — ס׳איז זילבער, זילבער, זאג איך אייך...

אלע האבן זיך געבויגן איבערן אויוון. די רויטע קוילן האבן געשיפּעט, געשמאָלצן דאס זילבער, וואס איז געלאפן פון איין קויל אויף אַ צווייטער, ווי קוועק-זילבער און אין קיך איז ליכטיק געווארן.

1926

# אין דער נאַכט פון „ניטול״

ווייט פון אַ ישוב, צווישן זאַמדיקע בערג און ליים-גריבער, האט הענריעטאַ, די דאקטארקע, געוווינט אין אַ שטיבל געדעקט מיט שטרוי. מיט קרייטיכער און שפרוכן האט זי געהיילט ס׳פויערים פאלק פון די אַרומיקע דערפער. געשמט איבער דער גאַנצער געגנט.

הענריעטע איז שוין יארן געוועזן אַן אַלמנה. אַן אלטעס גויע, א דינסט האט געפירט ס׳ווירטשאַפט, און די דאקטארקע, אַ רירעוודיקע און אן אומרויקע, איז זעלטן געזעסן אין שטוב. שטענדיק איז זי אַרומגעפאָרן — דאָרף-איין, דאָרף-אויס — זיך געשלעפט איבער זאַמדיקע וועגן. דאָ האָט זי געהיילט אַ קראַנקן, דאָרט געלייגט קאָרטן אָדער גאָר אָפּגעשפראָכן אַ באַנעמעניש.

אַזוי האָבן זיך געצויגן די יאָרן — גרויע, ווי די וועגלעך צווישן די ליים-גריבער — ביז ס׳האָט זיך עפּיס איבערגעאַנדערשט אין הענריעטעס לעבן.

זי איז מיט ,אַמאָל געוואָרן פוילער, איינגעהערק אַרומצופאָרן, זיך כמעט נישט גערירט פון שטוב. דאָס עסן האָט איר אויפגעהערט צו שמעקן, געוואָרן קאַפּריזנע. זי האָט מורא געהאַט צו בלייבן אַליין, אָפט געשריען אויף דער אַלטער גויע און געזען עס זאָל זיין אַ כשרע קיך.

ווען די פּורטעס פון ארום האָבן זיך געכאַפּט, איז שוין הענריעטע געוועזן אין די הויכע חדשים. די נייעס האָט זיך געטראָגן פון דאָרף צו דאָרף, און ס׳פויערים-פאָלק איז געווען זיכער, אַז די דאָקטאָרקע טראָט פונם נישטגוטן, וועט געבוירן אַ טייפעלע מיט הערנער.

אין דער נאַכט פון „ניטול״, ווען יידן זיצן הינטער פאַרהאַקטע טירן, האָט די דאָקטאָרקע אָנגעהויבן קרעכצן.

דער שניי, אַ פרישער, אַ ליכטיקער, האָט נישט געלאָזט נאַכט ווערן, זיך געלייגט פלאַכטעסווייז איבערן פענסטער, און ווייטע גלעק־לעך האָבן גערופן אין פעלד אריין, ווו דער שניי האט אַלץ אויסגע־גלייכט, נישט איבערגעלאָזט קיין וועג, קיין שטעג.

אַ פאַרשנייטע לבנה האט געבלענדט איבער דער ווייסקייט, פאַר־פירט דאָ אַ פויער, דארט אַ פריץ, און דער ווינט, וואס האָט זיך אפגעריסן פון די בערג האט מיטגעבראַכט דאָס געשריי פון אַ בהמה, וואס קעלבט זיך.

די אַלטע גויע האט געהאַלטן ביי איר איינגעדאַרטער ברוסט אַ הילצערנע געטשקע, ווי אַ קינד האלט אַ ליאַלקע, אפגעטריבן פון דער געווינערן די בייזע כחות און געפרעפלט:

— אַז דאס מול שיינט ביי איינעם אויף אין אַזאַ נאַכט און מען ווערט געבוירן, טראגט מען זיך אַרום מיטן מזל ס׳גאַנצע לעבן.

אין אַזאַ נאַכט האט העניריעטע געבוירן אַ מיידעלע.

די אַלטע גויע, די מכשפה, האט אָפגעבאָדן ס׳קינד אין דעם שיין פון דער לבנה, וואס איז געשטאַנען אין דער העלפט אין שניי און אריינגעקוקט אין פענסטער.

זי האט געטריבן די שוואַרצע כחות, געפרעפלט אַ שפרוך נאָך אַ שפרוך, אפגעבעטן ס׳קינד ביי דער האלצערנער געטשקע. און אַז ס׳קינד האט זיך צעשריען, האט זי עס איינגעשטילט:

נו, שאַ, באַשקאַ, שאַ!

אזוי איז שוין געבליבן דעם מיידעלעס נאָמען.

די מאַמע האט געציטערט איבערן מיידעלע, געזען אין דעם שוואַכן באַשעפעניש אַ שטיק פון זיך. זי איז גאר נישט געוועזן אליין אין אַזאַ העק, ווו דער ווינט האט זיך אפגעריסן אין די בערג, אויפגעשרויפט דעם שניי אויף די וועגלעך, אים געדרייט אין די גריבער, געפייפט אַ גאַנצן ווינטער אין קוימען.

נאָכן יאר האט העניריעטע אנטוויינט באַשקען, זי איבערגעלאָזט מיט דער מכשפה און אליין איז זי מער נישט געוועזן אין הויז.

ס׳זענען פאַרביי יאָרן — דריי, פינף, אַכט.

די גריבער, ווו דאָס לוים האט זיך געגעלט אויף דער זון האָבן נישט געלאָזט אַיינזיצן. מען האט אָנגעזאָגט באַשקען נישט צו גיין אַהין.

עס איז א געפאר. מען האט זי איבערגעשראקן מיט איר אייגענעם פאטער, וואס האט אין די גריבער פארלוירן ס׳לעבן. קיין זאך האט נישט געהאלפן. זי איז גאנצע טעג דארט אפגעזעסן. ווי א קאץ איז זי געקראכן איבער די ראנדן פון די גריבער, געשלעפט ליים, געקנאטן מענטשלעך. און אז זיי האָבן זיך אויסגעטרוקנט, האט זי זיי געוויקלט אין שמאטעס, ווי די מכשפה איר האלצערנע געטשקע.

צווישן שטיינער אין די בערג האט זי אויפגעזוכט א הייל, זי אויסגעבעט מיט מאך, מיט גראז אריינגעשטעלט די מענטשלעך, און די הייל האט אויסגעזען ווי א געבעט-הויז פון געצנדינערס.

שפעטער, ווען זי איז עלטער געווארן, זיך דערוווּסט אז מען האט זי אפגענארט, איר פאטער איז קיינמאל נישט אומגעקומען אין די גריבער, קיינער פון די ארומיקע האָט אים אפילו נישט געקענט, האט זי פון כעס צעבראכן די ליימענע מענטשלעך.

א גאַנצן ווינטער איז זי אָפּגעזעסן אין שטוב, אויסגעמיטן די אַלע פלעצער, ווו זי האט אזוי פיל יארן פאַרבראכט.

מיטן פרילינג, ווען די ציגן האבן זיך גענומען יאגן אין די בערג, נאָכגעגאנגען אַ ווייסן באק מיט גאָרנדיקע הערנער, איז באשקע ס׳ערשטע מאָל פאַרקראָכן אויף יענער זייט באַרג, ווו אַ וואסער־מיל האָט געקלאפט טאָג און נאכט.

דאס וואסער, וואָס איז געפאַלן פון די שנייאיקע בערג האט זיך געהויבן איבערן ראָד פון דער מיל, געקוואָלן איבער די ברעגעס, פארפלייצט דעם טאָל.

די געפאר האט געצויגן.

באשקע האט נישט געהערט ווי דער מילנער שרייט צו איר אריבער. דאס וואסער האט זיך געהויבן, געכשופט, געשטראמט פון אלע זייטן. די מאמע האט זיך געיאגט נאך איר, נישט געקאנט כאפן, און אז באשקע האט געעפנט די אויגן, איז זי געלעגן ביים מילנער. מען האט זי קוים ארויסגעראטעוועט.

מיידלעך פון די אַרומיקע דערפער, וואס האבן געזוכט זייערע ציגן אין די בערג, זענען זיך יעדן אָוונט צונויפגעקומען אין מאָל. מען האט געזונגען און געטאנצט.

דאס געזאנג האט די יונגען נישט געלאזט איינזיצן אין שטוב,

און נאָך אַ שווערן טאג ארבעט האט מען זיך איינגעוואשן איבערגעטון און געקומען אין טאל אריין.

צווישן די בלאנדע מיידלעך, וואס האָבן זיך געוויגט אויף זייערע בארוועסע פיס, ווי אויף קלעצלעך, האט די פופצן-יעריקע באשקע, אַ שווארצע, אין געשנורעוועטע שטיוועלעך, אויסגעזען ווי אַ טייוול.

זי איז נישט איינגעשטאנען אין טאָל, זיך געטראגן אין די בערג, און דאס געזאנג פון אירע טריט האבן באשקעס דינע פיס אויטגעקלאפט איבער די שטיינער. פרייליכער האבן זיך די יונגען געטראגן נאך איר, איבערגעשראקן די ציגן, וואס האבן זיך געיאגט נאכן ווייסן באק.

סוף פרילינג איז זיך די סטאדע מיט ציגן צעפאלן, יעדער בארג-פויער האט אויפגעזוכט זיין ציג און ס'יונגוואַרג האט קיין צייט נישט געהאט זיך צונויפצוקומען יעדן טאג אין טאל. מען האט געאַרבעט פון באגינען ביז אַ שטיק אין אָוונט אַריין, אָוועקגעפאלן מידע.

באשקע איז איינע אַליין געבליבן אין די בערג. זי פלעגט נאָר אהיימקומען אפעסן. די גרויסע, שווארצע אויגן האבן געקוקט ווילד, די ווילדע פיס האבן זיך בויגיק געטראגן פון שטיין אויף שטיין, נאכגעקוקט דעם בארג-אדלער, וואס האָט זיך געהויבן איבער די וואָלקנס.

נאכן זומער האט זי דערפילט, ווי אין איר לעבן אַנדערשט זיך עפעס איבער. זי האט אינגאנצן גענומען אויסמיידן מענטשן, זיך אויסגעהיט צו באגעגענען מיט די שטוביקע. ס'איז גענוג געווען באשקע זאל דערהערן אַ טריט, זי זאל זיך אויסבאהאלטן. פון הינטער אַ שטיין האָט זי נאכגעקוקט, צי זי איז ווידער אַליין. זי האט דערפילט אַ פוילקייט אין אלע גלידער, צום מערסטן זיך געווארעמט אויף דער זון און זיך געשראקן פארן קלענסטן רויש. די באקעס האָבן זיך אויסגעפילט, און די גאר קליינע בריסטן האבן זיך, ווי איבער נאכט, אויסגערונדיקט, פולער געווארן.

ווען דער ערשטער שניי האָט זיך גענומען טראגן פון די בערג, געקומען מיט אַ זאווערוכע, האָט באשקע אנגעהויבן קרעכצן.

הענריעטע איז געשטאנען איבער דער זעכצן-יעריקער מאַמע,

געטראכט וועגן דער געטשקע, וועגן דער אלטער מכשפה, וואס איז שוין יארן געווען טויט. מיט קמיעות און שפרוכן האָט זי געטריבן די בייזע כוחות פון דער קימפעטארן, געגלויבט, אז ווען דאָס מזל שיינט ביי איינעם אויף אין אַזאַ נאכט און מען ווערט געבוירן, טראגט מען זיך ארום מיטן מזל ס׳גאנצע לעבן.

1925

# טויט־שטראָף

ליכטיקע שטויבעלעך האבן זיך דורכגעזייט דורך די קליינע פענסטער־לעך מיט די ברייטע אייזערנע שטאַכעטן, געפאלן ביז אין דער העלפט פון די קעגנאיבערדיקע נארעס, ווו אַ קאלעקציע נאקעטע פיס האבן זיך געזען.

א פּאָר אויגן האבן געקוקט אויף די פיס.

טייל האבן אראפּגעהאנגען פון די אנגעשטופּטע זעק, מיטגע־שלעפּט צווישן די פינגער שטרויען, אנדערע זענען געשטאנען ווי סלופּעס, געציטערט, ווי דורך די אומזעבארע דראטן וואלט דורך אַן עלעקטרישער שטראָם, די פינגער צעיוירן, בלאָטיק. שטיין ווי גראבלעס צען, צען. צוואנציק פּאר. די ווייסקייט אַ קאלטע, אַ קראנקע.

תליות האבן מער נישט געשראקן. כמעט אַלע אין קאמער האָבן שלום געמאכט מיט די אונטערוועגלעך, וואס האבן געגרייצט און אנגע־ווארפן אַ פּחד און די מורא פאר דער תּליה האט געפונען באהאלטענע קעמערלעך, ווו זי איז פארוואנדלט געווארן אין עפּעס כראנישעס, גע־טראגן אין זיך די פרייד פון אַ טיפן צער.

מען האט זיך געטרייסט, געוויספּערט פון אויער צו אויער, אז ווען מען פאַרווארפט דעם שלייף ארום האלז, די אָדערן ווערן שטייפער, הויבן אָן פּלאצן, דער גוף נעמט זיך קארטשן אין דער פארצויגענער פעטליע און דער נאקן האלט זיך ביים אָפּטײַקן פון קערפּער — דעמאָלט כאפּט ארום אזא פרייד, אז מען וויל דער ווייטיק זאָל אָנהאַלטן לענגער, מען וויל נישוועבן אין דעם צער.

פון אונטער אַ נארע האט זיך באוויזן אַ גרוי לענגלעך קעפּל מיט א פּאר גליטשיקע אויגן. א שטשור, גרויס ווי אַ קעצל, האָט זיך פארזיכטיק ארויסגעשארט, געקוועטשט מיטן שנאבל, געזען, אז אין

קאמער איז שטיל, האט ער זיך צעצישעט — טי־טי־טי. עטלעכע מיט אמאל זענען ארויסגעשפרונגען איינער איבערן צווייטן, ווי זיי וואלטן געווען דרעסירט, זיך א שטעל געטון אויף צוויי פיס, זיך איינגעהערט, ווידער געשפרונגען, זייערע לאנגע עקן האבן זיך געשפיגלט אין די זוניקע שטויבעלעך.

אין מיטן קאמער האט זיך באוויזן אן איי, וואָס זיי האָבן דערטאפט ביי אַ שלאפנדיקן ארעסטאנט אויף דער נארע. די שרצים האבן זיך געפלאכטן ארום דעם איי, געשפרונגען אן אייל די הויך. א שטשור האט זיך אוועקגעלייגט אויפן רוקן, קונציק גענומען דאס איי אין אַלע פיר לאפקעס.

די פאָר אויגן אויף דער נארע האבן זיך אַ הויב געטון און אויפן זאק שטרוי איז געבליבן זיצן אן אויסגעצערטער יונגערמאַן.

א נייגעריקער האט ער געקוקט, ווי דער שטשור האלט דאס איי, ליגט אויפן דיל מיט אזא רחבות, עטלעכע שפאנען זיך איין אין דעם שטשורס עק, שלעפן אים מיט די ציין אין לאך אריין און די איבעריקע לויפן אויף א פריער, מאכן קאזשעלקעס, שפרינגען איינער איבערן צווייטן, ווי די נישט-גוטע פון דער תפיסה וואלטן געפראוועט זייער נאכט־טאנץ.

די דראטענע מייז-כאפערס, וואס זענען געווען צעשטעלט אין די ווינקלען, האבן זיך דא און דארט פארהאקט, איינער נאכן צווייטן. ווי א רעוואלווער אן קוילן וואלט אויסגעשאסען. די שטשורעס האבן זיך געראנגלט מיט די לייכטע מייז כאפערס, זיך געקייקלט מיט זיי איבערן שטיינערנעם דיל, איז געווארן אזא קלאפעריי, אז דער עולם אויף די נארעס האט זיך גענומען וועקן און איבערגעשראקענע געפרעגט איינער ביים צווייטן:

— וואס איז?

— וואס?

די שטשורעס האבן זיך געראנגלט.

קיינעם איז נישט איינגעפאלן, אז מען דארף די שטשירעס אפלאזן, אז די פארקלעמטע פיס, די איינגעקוועטשטע בייכער און קעפלעך שמערצן. דער עולם האט זיך געצויגן אויף די נארעס, גע-

גענעצט, פארגעסן, אז מען זיצט אליין אין תפיסה און געקוקט ווי די שרצים קארטשן זיך.

— איר ווייסט גאר וואס? — האָט זיך אן אינטעליגענט מיט אַ יעזוס פּנים אנגערופן — לאז מען זיי משפּטן.

— וועמען? די שטשורעס?

— יא, די שרצים!

— אין וואס?

— אין וועלן שטירצן די מלוכה.

— שמעקט עס דאך מיט טויט-שטראָף!

— מיט תּליות, ברודערקע.

— חבר סאשע וועט זיי פּארטיידיקן.

— אונזער פילאָזאָף?

— ער איז דאָך געווען אויפן יורידישן פאַקולטעט!

— ווער וועט זיין דער ריכטער?

— גרישא!

— איך בין קעגן טויט-שטראָף!

— טאָ וואַרפט אים דורך!

— מאַכט מיך פאַר ריכטער!

— גוט!

— וואָס מיר ריכטער? מיר דאַרפן א תּלין!

— טאַקע, ווו וועלן מיר נעמען אַ תּלין?

— תּלין פון מייז איז נישט אזא חטא — האָט דער אינטע-ליגענט מיטן יעזוס פּנים זיך אָנגערופן, — ווי הייסט דער חבר וואָס שטעלט אן די מייז-כאַפּערס?

— באָריס!

— חבר באָריס, איר זענט מסכּים?

— אז וואָס?

— זיך צו ספּראַווען מיט די שטשורעס?

— מיר וועלן זיך שוין ספּראַווען — האָט באָריס א צופרידענער זיך נעדרייט צווישן די געפאַנגענע — מאַכט אָבער נישט קיין צו לאַנגע שהיות... וואָס, אַדוואָקאַטן? מען מאַכט אַ פעלד-געריכט און פּטור!

— גערעכט!

— חבר באָריס איז גערעכט!

א פעלד־געריכט און פטור!

אין קאַמער איז געוואָרן שטיל. עס האָט זיך נאָר געהערט דאָס ראַנגלען פון די שטשורעס. קיינער האָט נישט באַמערקט ווי אַ חבר פּאָרעט זיך ביים צעבער.

דער ריכטער איז געזעסן אויבן־אָן. אין דער זייט זיין סעקרע־טאַר. אַרום און אַרום דאָס פּובליקום.

באָריס האָט אוועקגעשטעלט פאַרן ריכטער דעם ערשטן שטשור, וועמענס פאָדערשטע לאַפּקעס זענען געווען איינגעקלעמט. דער בחור האָט זיך געוואָרפן מיטן הינטערשטן טייל פון קערפּער, זיך גע־שלאָגן אָן דער קליאַטקע, געפּישטשעט: טי־טי־טי־טי.

— ווי רופט מען דיך? — האָט דער ריכטער געפרעגט ביים שרץ.

— טי־טי־טי!

— פארשרייב, אז ער ענטזאָגט זיך צו ענטפערן, — האָט דער ריכטער זיך געווענדעט צום סעקרעטאר.

— גלויבן?

— טי־טי־טי!

— ענטזאגסט זיך צו ענטפערן, מען קען אָבער מיט זיכערקייט פאַרצייכנען — קאָנפעסיאָנלאָז!

— ווערט באשולדיקט אין מלוכה פאראַט, — האָט דער ריכטער טיפער אריינגע עצט זיינע פענסנע אויף דער דארער נאז און גערעדט צום שטשור — דו מיט דיינע חברים האבן געפלאנט צו שטירצן די מלוכה, ביזט זיך מודה, געמשפּטער?

— טי־טי־טי!

— פארשרייב, ער ענטזאגט זיך צו ענטפערן, דאס הייסט — ער איז זיך מודה.

דער סעקרעטאר טוט א מאך צום פּובליקום מיט דער האנט, אלע שטעלן זיך אויף. דער ריכטער לייענט פון אַ פּאפּיר:

— ז'אס פעלד־געריכט האט געפונען דעם געמשפּטן וועלכן מיר

באצייכענען מיטן נאָמען איינס, שולדיק אין מלוכה-פאראט, טראגט ארויס דעם פסק — הענגען!

באריס טראגט אוועק דעם שטשור, ברענגט אַ צווייטן. דער משפט גייט אָן. דאס פובליקום שארט זיך ביסלעכווייז אַוועק פון דעם פלאץ, ווי ס׳געריכט קומט פאר, רוקט זיך צו דער טיר, ווי דער תלין פאר־לייגט א דין צוקער-שטריקל דעם שטשור ביים האלז, הענגט אים אויף, אויף אַ טשוואָק.

דאס פובליקום באלעקט זיך ניכטערנערהייט, גאפט מיט צע־עפנטע מיילער, הערט זיך מער נישט איין, ווי דער ריכטער גיט ארויס איין פסק-דין נאכן צווייטן. דעם ריכטער אליין ווערט דערעסן דאָס שפיל, מישט זיך אויס מיטן פובליקום, קוקט ווי מען הענגט דעם זעקסטן שטשור.

אין קאָרידאָר הערן זיך טריט. באלד נעמט מען שליסן די טיר פון קאמער. אַלע צעלויפן זיך איבער די נארעס. עס קומט אַריין דער קאמענדאנט פון דער תפיסה מיט זיין סוויטע צו מאכן פּראָווערקע, ער בלייבט שטיין פאר די געהאנגענע שטשורעס, קוקט א ווײַלע און פרעגט זיך ביי דער קאמער:

וואס איז דאָס?

— געמשפט פאר העלפן שטירצן די רעוואָלוציע! — האבן זיך געהערט שטימען פון אלע נארעס.

1922

# פלאַמען

בערג איז געקומען דינגען אַ צימער.

די בעל-הביתטע, אַ הויכע, אַ יונגע, מיט אַ ווייס, זאַמדיק פּנים, וואָס קוקט נישט אין די אויגן בשעתן רעדן, האָט אים געפירט פון איין צימער אין צווייטן.

זי האָט געפלאָכטן די אייגענע פינגער, זיי געשאַרט צווישן די פעלדלעך פון קלייד, געפונען אַ נישטפאַרשפּילטע קנעפּל אַרום האַרץ און די ווייסע באַקן זענען זיך צעשוומען אין אַ רויטקייט.

בערג האָט געשמייכלט.

פון דער זייט האָט זי אויסגעכאַפּט זיין בליק און די רויטקייט האָט זיך פאַרצויגן איבערן לאַנגן האַלז, אויפגעפלאַמט אין די טיפע־נישן פון קלייד, ווו בענדלעך מיט שלייפלעך האָבן אפגערעקוקט מיט יעדן בויג פון קערפּער.

די ציכטיקייט האָט געבלענדט, זיך געפלאָנטערט צווישן די פיס און דער טראָט ביי בערגן איז געוואָרן נישט זיכער.

דאָס ווייסע לייב, די בלאָנדע האָר, די געפּרעסטע קליידער — פון אַלעם האָט זיך געטראָגן די קילקייט פון געוואַשענע צימערן, ווו מענטשן פאַרקלייבן זיך זעלטן.

אַן אויפגעלייגטער, וואָס די יונגע בעל-הביתטע פאַרלירט זיך פאַר אים, האָט ער פאַרגעסן אָן צימער און זיך כמעט אפרעג געטאָן:

— נישטאָ קיין קינדער?

זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין.

זי האָט געוואָלט זאָגן, אַז ס׳איז נישט זיין נאָבעס דאגה און צוגעגעבן מיט אַ שמייכל:

— דריי יאָר.

בערג האָט זיך עטוואָס אַבּויג געטאָן, ווי ס׳וואָלט אים איצט אַלץ קלאָר געוואָרן, זיך צוריק אויסגעגלייכט, געווייאָרן מיט אַ קאָפּ העכער פון איר און די אויגן, גרויסע שוואַרצע אויגן, האָבן געשמייכלט:

— מאָרגן וועל איך זיך אַריבערקלייבן.

אויבנאויף האָט זיך אין דעם הויז קיין זאַך נישט געענדערט. דער קאַנאַרעק האָט געפּייפט ווי פריער, זיך געוויגט מיטן שטייגל, וואָס האָט געהאָנגען אויף אַ שפּרינג־פעדער ביים פענסטער.

די צייט האָט געשלונגען טעג, וואָכן, חדשים.

דער בעל־הבית, אַ נידריקער, אַ ברייט־ביינעקער, מיט עפּעס חיה־שעס אין אַלע גלידער, איז מיטן באַגינען אַוועק פון הויז, געקומען פּאַרנאַכט, ווען ס׳איז נישט געווען קיין גרעסער פאַרגעניגן, ווי זיך צו זעצן איבער די באַשמעקטע שיסלען מיט פאַריג געקעכטס.

די בעל־הביתטע נאָר האָט זיך געענדערט. אין די צימערן, וווּ זי האָט דריי יאָר געקיניגט, האָט זיך אַריינגעריסן אַ פרעמדער, וועמען זי האָט נישט געקענט, זיך אַפילו מיט אים נישט דורכגעשמועסט.

באַלד אין דער פרי, מוז זי זיך אויסשטראָצלען, קאָן מער נישט אַרומגיין אין די נאַכט־קליידער, ווייסט, אַז איבער דער וואַנט קוקן אויף איר אַ פּאָר אויגן און נישט איינמאל ביים קלענסטן שאָרך פאַר־פעלט איר אָטעם.

איצט, נאָך מער ווי שטענדיק, איז זי געוואָרן צוריקגעהאַלטענער, זיך פאַרבייגעטראָגן ביי בערגס פאַרמאַכטער טיר. וויא רוח, אויסגעמיטן זיך צו באַגעגענען מיט אים. און איינמאָל, ווען זי איז געזעסן אין קיך, געננייט, איז בערג שטיל אריין. פון גרויס איבעראשונג האָט זי זיך צעשטאָכן אַ פינגער, געשטאַנען אַ פאַרלוירענע און נישט געפילט, ווי איבערן ווייסן דיל קאַפּיען טראָפּנס בלוט.

— מיסעס רייז, איר האָט זיך צעשטאָכן אַ פינגער.

ווי אַ קליין מיידעלע, האָט זי אַ כאַפּ געטאָן דעם פאַרבלוטיקטן פינגער אין מויל אריין, אָנגעהויבן נאָגן און אַ שולדיקע זיך פאַרענטפערט:

— ס׳מאַכט נישט... ס׳מאַכט נישט... מיסטער בערג, איר האָט עפּעס געוואָלט?

ער האָט אריינגעבראַכט אַ פלעשל יאָד, גענומען דעם פינגער, מעשה טאַטע, איינגעשמירט און זי געמוסרט:

— מען נעמט נישט אַ פֿינגער אין מויל אַריין!

ס׳פּנים האָט זיך ביי איר געביטן, נישט געוווּסט וואָס ס׳טוט זיך מיט איר. אַרום האַרץ איז די ליידיקייט געוואָרן טיפֿער און די פֿלאַמען וואָס האָבן אין איר געשלאָגן זענען געקומען פֿון אים, פֿון יעדן ריר זיינעם.

פֿון מיידלווייז אָן האָט זי גוסטירט אין ברונעטן, געחלומט, אַז ס׳וועט קומען אַ היכער, שוואַרצער בחור, וועט זי אַוועקפֿירן פֿון דאָרף אין אַ גרויסער שטאָדט אַריין. צו זיבעצן יאָר האָט זי זיך קוים דערוואַרט, געקומען איז רייז, געדעקט ביים שררה דעם דאַך מיט בלעך. דעמאָלט האָט ער אויסגעזוען העכער, געווען דער ערשטער בחור, וואָס איז איר נאָכגעגאַנגען, דערצו דער שטאַרקסטער צווישן די דאָרף-שקאָצים. זי האָט מיט אים חתונה געהאַט, אַוועק נאָך אַמעריקע און דאָ וווינען זיי שוין ס׳דריטע יאָר.

אין די אָוונטן, צווישן איין געריכט און דעם צווייטן, ווען רייז האָט שוין געהאַט געשטילט דעם הונגער, געוואָרן אויפֿגערוימטער, האָט ס׳ווייב געהאַלטן פֿאַר איר חוב זיך צו קלאָגן אויף בערגן!

— אַן אָנשיקעניש, אויפֿן טיש, אויף דעם דיל, אומעטום לאָזט ער איבער ס׳אַש פֿון זיינע סיגאַרעטס, ווען דו, בערל, וואָלסט געררויכערט, וואָלט איך מיט דיר נישט געווינט.

— אַ מאַנסביל רויכערט, — האָט דער מאַן צו-נישט געמאַכט דעם ווייבס טענות.

— ער רויכערט דאָך אין בעט.

— פֿון וואַנען ווייסטו?

— אַז כ׳בעט צו, געפֿין איך אויף דער קאָלדרע אַש, ער קאָן אונז נאָך אונטערצינדן.

— נישט אונטערצינדן. נישט אונטערצינדן און אַז יאָ — וועט מען אפּנעמען אינשורענס.

זי האָט געקוואָלן וואָס דער מאַן נעמט זיך אָן פֿאַר אים, וואָס מיט איר האַלטן זיך. פֿאַרטרייבט זי דעם מינדסטן חשד און אירע זינדיקע רעיונות האָבן זיך צעשאָטן, ווי אַ מחנה פֿייגל, פֿראַנק און פֿריי געפֿלאַטערט איבערן עסן, זיי נישט גענאַרפֿט צאַמען.

ס׳איז געווען גענוג, זי זאָל בלייבן אַליין אין הויז און די

באהאלטענסטע פארלאנגען, וואס זי האט זעלטן געבראכט איבערן מויל, זאלן זיך אַוועק טאָן אין איר. אין דעם שמועס וואס זי האָט געפירט מיט בערגן אין זיין צימער, ווען ער איז אין דער היים נישט געווען, זענען לאנג־פארגעסענע קליינקייטן איר קלאר געווארן. אין דעם ברייטביינינקן רייז האָט זי שטענדיק געזען דעם הויכן בערג, אים האט זי ליב געהאַט, געקושט, זיך איבערגעגעבן.

ערשט, ווען בערג האט זיך אָפגעטיילט פון רייזן, ווינט דאָ איבער דער וואַנט, ווערט זי פון טאג צו טאג גלייכגילטיקער צום מאן, די שעהן וואס בערג איז נישט אין דער היים, זענען אָנגעזאפט מיט אַ בענקעניש נאָך אים. און אומגעדולדיקע ווארט זי אויף זיין קומען. וויל אים אַלץ פארטרויען, נאכגעבן יעדן פארלאנג זיינעם, יעדן מאנסבילשן קאַפריז. און ס׳איז גענוג, ער זאל איבערטרעטן די שוועל און די פארלאנגען שטעלן זיך אוועק צווישן אים און איר. די פרייד ווערט נישט, און אַ מרה־שחורה קלייבט זיך אין יעדן ווינקל, ווו איר בליק פאַלט.

זי האט געליטן, נישט געקאָנט זיין אַן בערגן און אין דערזעלבער צייט געבעטן זיך ביים מאַן ער זאל אים הייסן זיך זוכן אַן אנדער צימער. און וואס אַ גרעסערן אומחן זי האָט געווארפן אויף זיך, אַלץ שטאַרקער האט דער מאן זיך פאר אים איינגעשטעלט, פאַרקוקט, וואס בערג ברענט א גאנצע נאַכט די עלעקטריק און שלאָפט ביז אַ שטיק אין טאג אריין.

איינמאָל, ווען דער מאַן איז אוועק צו דער ארבעט, האבן זיך די אויגן ביי איר געעפנט צינדן. די ווייסע הויט האט געשלאגן מיט ליבטיקייט און איין פאַרלאַנג שטארקער פונם צווייטן האבן זיך געריסן אין איר, ווי פלאמען פייער, דורכגעדרונגען אַ וואנט נאך אַ וואנט.

זי איז אראָפּ פון בעט, געשטאנען אין אַ לאנג נאכט־העמד, געקוקט ווי דער חלל ארום איר ווערט גרעסער און אַליין נישט געוווּסט, ווי נאך זי האט זיך געפונען אין בערגס צימער.

אַ פארשלאפענער האט ער א הויב געטון דעם קאָפּ, געקוקט אויפן דורכזיכטיקן נאכט־העמד, ווו ס׳ווייסע לייב האט אַפּירגעשימערט, א כאַפּ געטון די קאלדרע ביז איבערן האלז און געשטאמלט:

— האַ ? איר ווילט עפּעס ?

— אטנשולדיקט. — האָט זי קיים געהערט אירע אייגענע רייד, אַזוי האָט אַלץ אין איר געקלאַפּט — כ׳דאַרף עפּעס אַראָפּנעמען פונם שאַנק, אַ פּעקל.

זי איז אַרויף אויף אַ טעטל, אָנגעשפּאַרט אַ באַרוויסן פוס אָן פאַרענטש פון בעט, געזוכט, און די פּעקלעך זענען געפאַלן ביי איר פון די הענט.

דאָס האָט גענומען אַזוי לאַנג. דורך די פאַרמאַכטע אויגן האָט בערג געזען ווי זי ציטערט אינגאַנצן, דערקענט דעם בויג פון די אויסגעהונגערטע גלידער, באַמערקט דעם בלישטש אין אויג און ס׳האָט אים אויך צענומען. ס׳לשון איז ביי אים נישט געוואָרן. און אַז זי איז שוין נישט געווען אין צימער, האָט איר הייס לייב זיך נאָך אַלץ געשווימט פאַר די אויגן, און כאָטש ער האָט זי נישט אָנגערירט, איז זי שוין געווען זיינע.

1925

# אַ פאַרשנורעוועט לעבן

מיט פערצן יאָר צוריק, האָט עוועלין געלערנט יידישקייט אין דאָקטאָר זאַקוטס שבת-שול. פיר יאר שפעטער איז זי געווארן זיין ווייב, — די שענסטע און יונגסטע רביצין פון אַלע שטעטלעך, וואס ארום שיקאַגאָ.

דאקטאר זאַקוט, שוין דעמאָלט אַ פערציקער, איז געווען פאַרנומען מיט זיין קליינער קהלה, מיט דער דרשה, וואס ער האט צו געגרייט יעדן שבת, מיט אַלטע, אפגעמעקטע פאַרמעטן, איבער וועלכע ער איז געזעסן גאַנצע טעג.

אויסערלעך האָט זיך די יונגע עוועלין געענדערט — געזען דעם מאנס שטויב זאל פאלן אויף איר.

זי האָט איבערגענומען די שבת-שול פאר מיידלעך, דעם פרויען-פאריין, נישט באמערקט, ווי די ארומיקייט הארטעוועט זיך, לייגט זיך איבער איר ווי א שאָל און ס׳לעבן נאָך דער חתונה — גאַנצע צען יאר — האבן זיך פארבייגעגליטשט, ווי עס גליטשן זיך שאטנס פון גליענדיקע פייגל איבערן וואַסער.

די וואָכעדיקייט האט זיך געוויקלט ארום עוועלינען, ווי וואַטע, נישט דורכגעלאָזט ס׳קלאפן פון אייגענעם הארץ. זי האָט כמעט ווי פארגעסן אָן זיך. דער מאַן, די צוויי קינדער, די גרויסע צימערן — מיט דעם האט זי געלעבט פון דער פרי ביז ביינאַכט, קיינמאָל נישט אויסגעקומען מיטן טאָג.

מיט דער צייט האָט דער שטילער דאָקטאר זאקוט דאס קהלן אין שטעטל אויך איבערגעגעבן דעם ווייב, און אליין איז ער טעג און נעכט געזעסן איבער די אפגעמעקטע כתבי-ידן, פארגלייכן אַלטע אראבישע טעקסטן.

און אז די אותיות האבן גענומען שווינדלען פאר די אויגן, האָט

ער אַרויפגעדרוקט די בריקן אויפן שטערן און זיך אויפגעשטעלט. מיט ליכטע טריט האט ער געגומען שפרייזן איבער דער ביבליאטעק, ווי דוקנס געליישט מיט גאלד, מיט זילבער האבן געוואונקען צו אים.

מיט דעם שמייכל, וואס עס באווייזט זיך אויף זאַקוטס פנים שבת אין טעמפל, ווען די מיטגלידער באגריסן אים, מיטן זעלבן שמייכל האט ער געווינקט דעם קאפ רעכטס און לינקס, באגריסט די ספרים, ווי אלטע באקאנטע.

אין אזעלכע רויקע פארנאכטן. ווען די שטילקייט בלייבט הענגען איבערן שטעטל און אין דעם דאקטארס פארשפארטן צימער שטעלט זיך אַפילו דער אטעם אפ — דעמאלט פלאנטערט זיך זאַקוטן לארד קלייב.

נאך גאר א יונגער מענטש איז קלייב, אן רעש אוועק קיין אינדיע, וואס האט דעמאָלט באלאנגט צו פראַנקרייך. דער שטילער קלייב האט נאך גרויסע צרות געוואונען ס׳לאנד פאר ענגלאנד און א׳ז צוריקגעקומען מיט אוצרות.

ער, זאקוט, וועט אוועקפארן קיין עגיפטן, זיך באזעצן אי׳ן קאַירא, זיך איבערגעבן די שמות, די פארמעטן, וואס ליגן אי׳ן דער „גניזה״, זיי בלעטערן וואכן, חדשים, יארן.

דער ריח פון פארמעט, דער פייכטער ריח פון אַלטע ספרים טראגט זיך פון די ווענט, מאכט באוועגלעכער דעם שווערלעכן גוף, לופטיקער די רעיונות.

ער שטייט איינער אליין אין דער „גניזה״, שאקלט פאנאנדער דעם שטויב פון דורות, לאזט נישט דורך קיין שטיקל פארמעט, קיין בלעטל. פון צווישן די שמות באווייזט זיך דער יונגער גאון ר׳סעדיה, א הויכער, אין ווייסן, פארוואַרפט די קליידער מיטן פלאַטער פון א פויגל. ס׳קומט אן דער רמב״ם מיטן ברייטן, קלוגן שטערן, געוויקלט אין אַ ליכטיקן טורבאַן. זיי טראגן אים אונטער פארלויר׳ענע כתב-ידן:

— זע, זאקוט, גאטס ווארט זאָל נישט פארגעסן ווערן!

און אנגעלאדן מיט אוצרות קומט זאקוט צוריק, שענקט אוועק גאטס ווארט דער גאנצער וועלט, עפנט א נייע תקופה אין „חכמת-ישראל״.

פון גרויס פרייד טוט זיך ווען־נישט־ווען עפּעס אַ וועק אין זאַקוטן. ער נעמט דעמאָלט ארום עווע‏לינען, קושט זי, פארזיכערט איר, אז אויב ער וועט בארימט ווערן, וועט ער איר האבן צו פאַרדאַנקען און פון דער פרייד וואָס האט ווען־ניש ט־ווען ארויסגעבליצט פון אונטער די דורות שטויב — זענען געבוירן געווארן די צוויי קינדער.

ס'לעבן אין דעם פאַרוואָרפענעם שטעטל האט נעשלונגען טעג, וואָכן, יארן, די קהלה איז געוואקסן. דער ראבינער — עלטער און שווערער געווארן, געגאנגען יעדן פארמיטאג מיט דעם ווייב פאַר אַ שפּאַציר און יעדעס מאָל, ווען עוועלין האט זיך געפונען הינטער דער שטאט, געבליבן אן אטעם פון צופיל רחבת האבן די פארשנורעוועטע צען יאר זיך אַוועקגעשטעלט פאר די אויגן·

— איז וואס?

די קינדער זענען אונטערגעוואקסן, זיך מער נישט געגויטיקט אין דער מאַמע. דער מאַן האט געלעבט מיט זיינע כתב־ידן און זי, עוועלין, אַ פארלאזענע, האט זיך געדרייט אין די גרויסע צימערן און דאָס הארץ, אַ יונג הארץ, האט אויפגעכאַפּט יעדן בלאז, געווען אויסגע־הונגערט ווי נאך אַ לאַנגער קרענק.

די גרויסע צימערן זענען איר מיט אמאל ענג געווארן, זיך קיין ארט אין זיי נישט געקאנט געפינען און צומייסטן האט זי געשראקן דעם מאנס צימער, מורא געהאט, אַז היינט, מארגן וועט ער זי דארט אפשליסן.

זי איז געבליבן שטיין מיט אַן אויפגעהויבענער האנט, ווי זי וואלט זיך געווערט, אַן איידעלע, געבויגן, ווי אַ שנירל וואסער, האָט זי געקוקט פארלוירן ארום זיך, און פון דער פארמאכטער טיר האָט זיך געטראָגן דעם מאַנס פאַרשטיקטער ניגון.

זי איז ארויס פון שטוב, געגאַנגען מיט דער הויפּט־גאַס, געזען ווי די משורתים, וואָס זענען געשטאַנען אין די טירן, ווינקען זיך איבער און איינער האט אַ יאָג געטון צום צווייטן:

— דעם ראבינערס ווייב איז נאָך גאר אַ שענע!

עס האט איר הנאה געטון, און אין דערזעלבער צייט פאַרדראָסן, זיך געפילט באַליידיקט פאַרן מאַן.

זי האָט גענומען גיין גיכער, באלד געווען אונטער דער שטאָט

און כאָטש דער שפּאַציר האָט מער נישט געדויערט ווי פּופצן מינוט, האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז זי איז מײַלן פון דעם שטעטל.

די אָפענע ווייטקייט, וואָס האָט זיך געצויגן פון אַלע זייטן, האָט אַ ביסל געשראָקן. די תבואה איז שוין געווען אַראָפּגענומען פון די פעלדער, בלויז שטעכיקע שטאָפּסלען האָבן אַרויסגעשטאַרט, פאַנאַנדער־געטראָגן דאָס זשומען פון „שפּרינגערס", וואָס זענען נישט איינגע־שטאַנען, זיך געהויבן איינער איבערן צווייטן.

זי האָט אליין נישט געגלויבט, אַז זי איז אַזוי ווייט פאַרקראָכן, געווען אין דעם אַ שריט זיך צו באַפרייען פון עפּעס אומבאַשטימטעס און דאָס האָט איר הנאה געטון.

דער זומער איז פאַרביי. איצט הויבט זיך אָן האַרבסט, באַלד וועט קומען ווינטער, דערנאָך ווידער זומער — בלויז איר לעבן ברומט. קיינער וויל עס נישט, דאַרף עס נישט און ס'רינט אויס מיט צער, ווי אַ נישט־אויסגעמאָלקענער אייטער.

זי האָט זיך צוגעזעצט, נישט באַמערקט, ווי פאַרמערס, וואָס זענען פאַרבײַגעגאַנגען, קוקן אויף איר מיט אַ חשד.

האַרט צו דער ערד האָט זיך געטראָגן אַ פייכטע קילקייט, מיט־געבראַכט פון די פעלדער קולות, וואס האָבן נישט געלאָזט איינזיצן, גערופן ווי ווייטע קלויסטער־גלאָקן.

עוועלין האָט נישט געוווסט וווהין צו גיין, געזעסן אַ פאַרלוירענע. ניט געוווסט וואס צו טון מיטן איפּגעשנורעוועטן לעבן וואָס האט גע־שטראַמט אין איר.

— ווער דאַרף עס?

זי האט זיך אַ צי געטון איבער די פעלדער. דערפילט אין זיך אומבאַקאַנטע ווייטן און אין דער הוילקייט, וואס האָט זיך גע־שפּרייט אין איר, האָט זיך דורכגעשאַרט ס'פארהייראטע לעבן.

— איז וואָס?

1927

# אַ דינסט־מיידל

דאָס יאר האָט זיך נישט געטיילט ביי סאַלקען אויף זומער און ווינטער. ס׳איז באַשטאַנען פון אַכט לאַנגע חדשים, נודנע, ווען סאַלקע האָט געמוזט זיין צוזאַמען מיט איר מומע, די בעל־הביתטע און די פיר גוטע חדשים, ווען די בעל-הביתטע מיטן הויזגעזונט זענען אַוועק אין די בעדער, און זי איז געבליבן איינע אַליין אין די אַכט גרוי־סע צימערן.

סאַלקע איז געווען אַ קליינע, אַ נישט געוויקסיקע. פלייצעס האָט זי געהאַט שמאָלע, הענט — קינדערשע. און ס׳כּנים מיט די העלע פלאַקסענע האָר האָבן אויסגעזען, ווי מען וואָלט זיי אַראָפּגענומען פון אַ פאָרצעלייענער ליאַלקע.

זי האָט ליב געקראַגן ווארשע פון ערשטן טאָג אָן, געקוקט קרום אויף אירע קרובים פון דער פּראָווינץ, זיך געגרויסט קעגן זיי מיט איר פּויליש רעדן, מיט איר געשליפן צינגל, וואָס איז שטענדיק געווען גרייט אנצוציען אַ קאַוואַליער און אַזוי נישט געפּאַסט צו איר גאַנצער פיגור.

דאס קליינע צוויי און צוואנציק יעריק מיידל מיטן פּנימל פון אַ קאַרליק, איז גאַנצע טעג געווען אויף די פיס. זי האָט געענטפערט דעם טעלעפאָן, געעפנט די טיר, וואס האָט נישט גערוט ביז שפּעט אין דער נאַכט, געהאָלפן עטלעכע מאָל אַ טאָג איבערטון די בעל־הביתטע און געוווּסט אלע אירע סודות.

מיט די לאַנגע ווינטער־אָוונטן איז געוואַקסן די פאַרשייטקייט. די צימערן זענען פול געווען מיט דער בעל־הביתטע, מיט דער דינסט, מיט אַ לאַכנדיק שיקסל, צו וועלכער נישט נאָר באַקאַנטע, נאָר אַפילו דער בעל־הבית איז נישט געווען גלייכגילטיק.

איין סאַלקע האָט זיך דאָ ארומגעדרייט אַ פרעמדע. קיינער האָט זי נישט באַמערקט, זי האָט נאָך געשטערט, אויסגעוואקסן ווי מען האָט זי נישט געדאַרפט און פון פּאַרדרוס פריער פאר אַלעמען געגאַנגען שלאָפן.

די פאַרשייטקייט, וואָס האָט אויך סאַלקען ארומגענומען, האָט געטריבן דעם שלאָף.

זי איז געלעגן אַ וואכנדיקע ביז אַ שטיק אין דער נאכט, געהערט ווי מען גנבעט זיך, מען פארטשעפּעט זיך אין אַ שטול, אָן אַ שאָרך. דאָס קלענסטע גערויש צעוואקסט זיך איבער די צימערן, שרעקט נישט, פארשנעלט נאָר די חושים — ליגט מען נישט איין אין די בעטן, וואָס קרעכצן און דאָס שיקסל בעט זיך:

— ניטע, פאַניע, ניטע.

דער קליינער, שוואַכער גוף צעוואָקסט זיך ווערט גרעסער, וועט באַלד ארויסשטופן ס'וועגטל פון בעט. אַ בענקעניש נאָך אַ פּאָר מאַנסבילשע הענט וועקט זיך אין סאַלקען, לאָזט זי נישט אָפּ. הענט אָן אַ פּנים. און וואס פאַראַ הענט ס'וואָלטן זיך נישט באַוויזן, וואָלט זי זיך זיי בלינד איבערגעגעבן.

אין אַזעלכע נעכט איז דער שלאָף אינגאַנצן נישט געקומען. דער מיידעלשער הונגער האָט אים געטריבן פון זיך. דאָס בענקעניש נאָך אַ מענטש האט סאַלקען געשלעפּט צום שיקסל אין בעט אַריין. אַ צעשראָקענע האט זיך ס'שיקסל איבערגעוואָרפן און איידער זי האָט זיך געכאפּט ווער ס'ליגט לעבן איר, האט ס'פארשלאפענע פּנים זיך געבעטן:

— ניטע, פאַניע, ניטע.

— דאָס בין איך, מאגדע — האט סאלקע זיך צעלאכט.

— סאלקע?

— דערקענסט מיך נישט?

— אז זיי לאזן נישט שלאפן, די כאליערעס פריער דער בעל-הבית, דערנאָך דער גאסט.

— פאן קיילין?

— דאס איז גאר א משוגענער — האט זיך ס'שיקסל איבערגעצויגן, — קומט צו גיין מיט צוויי פולע הענט געלט

— האסטו ביי אים גענומען?

— ער האט עס אליין איבערגעלאָזט אונטערן קישן.

— ער איז אַ שיינער — האָט סאלקע זיך אנגערופן.

— אַ גרויסער חזיר!

— ער האט דיך באליידיקט?

— פון אזעלכע פארשוינען באַליידיק איך זיך נישט.

מאגדע האט זיך אויסגעדרייט. פארוואָרפן דעם קאָפּ, וואס איז געלעגן אין אַ נעץ מיט האר, זיך געריקט וואס ווייטער פון סאלקען, ווי זי וואלט נישט פארטראגן קיין מענטשס לייב. דער מידער קערפער איז גלייך איינגעשלאפן, נישט געוואלט וויסן ווי סאלקע ליידט, בענקט נאך לייב. וואָס איז איר, מאַגדען, אזוי דערווידער.

עס האָבן אנגערוקט די זומער חדשים. דער בעל־הבית האט אפגעפירט ס׳ווייב מיט די קינדער אין די בעדער. און אַז ער איז צוריקגעקומען, איז ער אויך זעלטן געווען אין שטוב.

די ערשטע פאר טעג איז סאלקע פון גרויס פרייד אין גאנצן נישט ארויס פון הויז. זי האט זיך געשארט איבער די צימערן, גע־שטעלט פוילע טריט, ווי די בעל־הביתטע און אז זי איז מיד געוואָרן, האט זי זיך אויסגעצויגן אויף דער אָטאָמאנע. פארויכערט א פאפיראס און איינגעטענהט מיט די פיר ווענט, ווי ס׳וואלט עמעצער געזעסן קעגנאיבער.

די דינע ליפן האבן זיך געשנירלט, זיך געקנופט. צופרידן פון עפּעס מיט זיך און דער קוראזש איז געוואקסן. איז סאלקע אונטערגעגאנגען צום טעלעפאן, פארלייגט אַ פוס איבער אַ פוס, אז די שפיצן פון די מייטקעס האָבן אפירגעקוקט, זי האָט אָנגעקלונגען, גערעדט מיט דער בעל־הביתטעס שטים:

— וואס מאַכט איר, פאניע קיילין?

— כ׳בין היינט צוריקגעקומען.

— מיט אן אמת!

— יוער איז געבליבן מיט די קינדער? מיין מאן!

— ווען זעט מען אייך?

— כ׳וואַרט!

— זייער גוט.

— צום ווידערזען!

סאלקע האָט געלאכט, זיך געהאלטן פארן איינגעפאלענעם בייכל, זיך געדרייט אויפן אפצאַס אין א ווערל, ווי א פריילעך יינגל. זי האט זיך אריינגעשטעלט אינם גרויסן שפיגל, מער נישט געזען, אז זי איז א קליינע. די זיכערקייט פון אַ רייפער פרוי האט זיך געוועקט אין איר.

זי האט זיך עטלעכע מאל איבערגעטון און אז ס׳איז געווארן טונקל, האט זי אריבערגעווארפן א לאנג קלייד, אויסגעזען העכער און זיך אוועק.-עזעצט ווארטן, מען זאל אנקלינגען. און אז ס׳זענען דורך עטלעכע מינוט און מען האָט נישט געקלונגען, איז זי געפאלן ביי זיך, נישט געגלויבט קיילין זאל קומען צום שטוב-מיידל, וואס קיינער באמערקט נישט. די זיכערקייט איז אוועק. האט מען געקלונגען? זי האט געעפנט:

— וואס מאכט איר, סאַלקע?

— און איר, פאַניע קיילין?

אין זיינע אויגן האָט זי דערקענט, אז ער ווייס, ווער ס׳האָט צו אים געקלונגען, זיך געוויטלט, וואס ער קוקט אויף איר, ווי אויף א פרוי, אזוי האט נאך אויף איר קיינמאל קיין מאנסביל נישט געקוקט. זי איז געווארן לאבאַזשוואטער און אַ שנירל געטון מיט די ליפּן.

— איר זענט דאך אוודאי געקומען צו דער מאדאם?

ער האט אויסגעצויגן די האנט, זי געוואלט אנכאפּן. סאלקע האט זיך ארויסגעגליטשט, געבליבן שטיין, און דער טיש צווישן אים און איר. ער האט זיך געיאגט נאך איר, פארשטעלט דעם וועג מיט שטולן. זי האט זיך געדרייט, נישט געווארן פון אונטער די הענט, און אז ער האָט, אן אויסגעמאטערטער זי סוף כל סוף געכאפּט, האבן ביידע געלאכט און געסאָפּעט. ער האט זי אַ הויב געטון ווי אַ קינד, געאטעמט פון אירע פלאקסענע האר דער בעל-הביתטעס פערפומען און זיך געזעצט מיט איר אויף דער אטאמאנע.

שפּעט אין דער נאכט, ווען סאלקעס מידער גוף האָט גערוט, איז אונטערגעקומען דער בעל-הבית. זי האט געעפנט אַ פּאָר פאַר-שלאָפענע אויגן און דאָס קליינע קאַרליק פּנימל האט זיך געבעטן:

— ניטע, בעל-הבית, ניטע...

# אַלעקציע

דער צוג, כמעט אַליידיקער, האָט זיך געדרייט פון איין פאָשינעס אויף די אַנדערע, זיך יעדע ווײַלע אָפּגעשטעלט, ווייטער געלאָפן און געשלעפּערט.

גראַנאַט איז געפאָרן אין אַ פאַרוואָרפן שטעטל אַריין, ווו ער האָט געדאַרפט האַלטן אַלעקציע פאַר יידישע אַרבעטער. ער האָט אָנגעשפאַרט דעם קאָפּ אָן דעם אויסגעבײַטע עם ווענטל פון קופּע און זיך געערגערט, וואָס ער פטרט די טעג אויף די באַנען, שלעפּט זיך וואָך-איין, וואָך-אויס איבער פראַנצויזישע שטעטלעך און שלאָגט קוים אויס הוצאות.

אין קאָפּ ביי אים האָט זיך געפלאָנטערט זיין רעדע, די חושכדיקע פנימער פון די יידישע אַרבעטער, וואָס שטרענגען זיך אָן איבער די כוחות, ברענגען יעדע וואָך אַראָפּ אַ רעדנער פון פּאַריז. דער פאַרדרוס איז קלענער געוואָרן. דער קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן דער ברוסט, האָט זיך געוויגט, געדרעמלט אונטער דעם קלינפּער פון די רעדער.

גראַנאַט האָט געעפנט די אויגן. זיך געכאַפּט, אַז דער צוג איז געשטאַנען און שלעפּט זיך שוין ווייטער. קעגנאיבער איז געזעסן אַ מיידל, יונג, באַקן פרישע און די גרויסע, גלויע אויגן, אויסגעוואַשענע, האָבן געשטיפט — אַ קוק געטאָן אויף גראַנאַטן און זיך באַהאַלטן צווישן די שורות פון אַ צעעפנט ביכל.

אַזוי האָט אָנגעהאלטן פינף, צען, פופצן מינוט. דאָס פנים איז גראַנאַטן געווען היימיש, ווי ער וואָלט עס שוין לאַנג געקענט, און פון די גרויסע, בלויע אויגן איז אין וואַגאָן ליכטיקער געוואָרן.

— ווייסט איר נישט, מאַדמואַזעל, ווען דער צוג קומט אָן קיין בעלווי? — האָט זיך גראַנאַט פאַרנייגט.

זי האָט אַ הויב געטאָן דעם קאָפּ, געקוקט אויף דעם פר מדן מיט חשד און באַלד אַ שמייכל געטאָן:

— קיין בעלווי? אין וואָס פֿאַרא טייל שטאָט דאַרפֿט איר?

גראַנאַט האָט איר געוויזן דעם אַדרעס.

— סאיז דאָ אַן אַלט בעלווי און ניי בעלווי — האָט זי זיך נענטער אַ רוק געטאָן צו אים. — איר דאַרפֿט אַלט בעלווי. ווען איך וועל אַראָפּ, מאָסיע, וועט איר נאָך פֿאָרן אַ סטאַנציע.

— איר ווייסט אויך אין בעלווי? — האָט גראַנאַט זי געפֿרעגט.

זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ, געעפֿנט דעם בייטל, וווּ ס'איז געהאָנגען אַ שפּיגעלע אין זיך גענומען פּודערן. זי האָט זיך אויפֿגעשטעלט, געוואָלט אַראָפּנעמען די גרויסע וואַליז, וואָס איז געלעגן איבערן קאָפּ אויף אַ פּאָליצע.

גראַנאַט איז פֿלינק אויפֿגעשפּרונגען און איר אַראָפּגענומען די וואַליז. ער האָט געקראָגן אַ שמייכל און איז געוואָרן דרייכטער:

— אויב, מאַדמואַזעל, איר וועט ערלויבן, וועל איך אויך דאָ אַראָפּגיין.

— איר וועט האָבן צוצוגיין איבער אַ מייל — האָט ס'פּנים ביים מיידל אויפֿגעלויכטן, געוועזן צופֿרידן, וואָס ס'האָט זיך אויפֿגעזוכט אַ קאַוואַליער.

— ס'מאַכט נישט.

זיי האָבן זיך צוריק געזעצט אַזוי, אויף אַ ווייל, געזעסן איינער אַנטקעגן צווייטן נאָענט, גאָר נאָענט, אַז די קניען, וואָס האָבן זיך ביים קלענסטן שאָקל פֿון וואַגאָן געקאָנט אָנרירן, האָבן געפֿלאַמט.

גראַנאַט האָט געקוקט אויף איר שמאָלער, קליינער האַנט, וואָס האָט געשימערט צווישן די שוואַרצע פֿאַלדן פֿון איר קלייד און אַ זאָג געטאָן:

— איר האָט זייער אַ שיינע האַנט, מאַדמואַזעל.

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף דער אייגענער האַנט, ווי זי וואָלט זי ס'ערשטע מאָל געזען און געעפֿנט די גרויסע אויגן:

— אַלע זאָגן עס!

— אַלע קאָנען אָבער נישט לייענען פֿון אַ האַנט.

— און איר קאָנט

ער האט גענומען איר האנט אין זיינער, געקוקט אויף דער גלאטיקער פלאך, ווו קיין איין קנייטש איז כמעט נישט קענטיק געווען, געקוקט מיט פארזשומערטע אויגן, ווי אַ קורצזיכטיקער און זיך אנגערופן:

— איר וועט לאנג נישט לעבן.

— קיינער לעבט נישט לאנג אין אונזער משפחה — האט זי אַ גלייכגילטיקע געענטפערט.

— און אייך ארט נישט?

זי האָט זיך צעלאַכט און זיך אַ שטעל געטון. דער צוג האט זיך דערנענטערט מיט אַ סאפן צום וואקזאל.

גראנאט איז איר נאכגעגאנגען מיט דער וואליז. ס׳איז שוין געווען טונקל. ער האט זיך ארומגעקוקט אויפן וואקזאל, געזוכט א טרעגער. ס׳איז אונטערגעקומען אַ געלער פראנצויז, זיך צעקושט מיטן מיידל. און אז זי האָט אים פארגעשטעלט גראנאטן, האט דער פראנ-צויז ביי אים צוגענומען די וואליז און געקוקט אויף אים פון אויבן אראפ.

גראַנאט איז געשטאנען א פארלוירענער, נישט געדענקט צי מען האָט זיך מיט אים געזעגנט, געזען ווי ס׳פארל פארשווינדט און צוריק געוואלט אריין אין צוג.

די וואגאנען האבן זיך פארבייגעגליטשט, איבערלאזנדיק נאך זיך קנוילן רויך. גראנאט איז געשטאַנען איינער אליין אויף דער שטיינערנער פלאטפארמע, געשטאנען מיט אויסגעשטרעקטע הענט, ווי ער וואלט געוואלט עפעס צוריק כאַפּן.

ער האָט נישט געוואוסט וווהין צו גיין, זיך געערגערט וואס ער האָט זיך נאכגעשלעפט עפעס אַ שיקסע, ווען אויף דער צווייטער סטאנציע ווארט מען אויף אים. אויפגעזוכט ביי זיך די אַדרעס פונם סעקרעטאַר, וואס האט זיך דורכגעשריבן מיט אים און זיך געלאזט מיט דער שטאָט.

נאך אַ האלבער שעה גיין און נאכפרעגן זיך איז ער אַן אָפּגע-גאסעגער מיט שווייס געקומען צו א האלב-איינגעפאלענעם שטיבל. גראנאט האט אנגעקלאפט. ס׳איז ארויסגעקומען אן עלטערע יידענע.

— וואס דאַרפט איר?

— וווינט דאָ מאַסיע גלאזער?

— זענט איר דאס דער שרייבער פון פאריז?

— איך — האט גראנאט געשמייכלט.

— דער עולם ווארט דאך אויף אייך — האט די אלטיטשקע זיך אויך דערפרייט מיט גראנאטן. — מיין זון איז שוין דאָ געווען, גע- קומען פון דער באַן, געמיינט, אז איר זענט דאָ פארפארן... קומט, וועל איך אייך צופירן ס׳איז נישט ווייט...

די יידענע איז געגאַנגען אויף אַ פריער, גראנאט נאָך איר.

— איר וווינט שוין דא לאנג? — האָט ער זיך געפרעגט.

— אנטלאפן פון דעניקינען.

— אזש דאָ אהער?

— מ׳האט זיך געשלעפט פון מדינה צו מדינה, געבליבן שטעקן דאָ אין אַ העק. צווישן גוים...

— און צוריק קיין רוסלאנד ווילט זיך נישט?

— און אז ס׳ווילט זיך — האט די יידענע אפגעזיפצט. — מענטשן דערציילן, אז דארט אין רוסלאנד אין נאָך ערגער...

זיי זענען צ׳געקומען צו אן אַלט שולעכל.

— דא קומט איר זיך צונויף? — האט גראנאט זי געפרעגט.

— ס׳שולעכל איז געשטאנען פארלאזט, האבן די פראצויזישע יידן עס אונז אפגעגעבן.

א קליין, קוים באלויכטן שולעכל. ארבעטער מיט ווייבער, מיט קינדער, אלע האבן זיך געשטופט, זיך געשפארט צום בעלעמער, וווּ עטלעכע חברים — דער קאמיטעט — זענען געשטאנען אומבא- האלפענע און פרובירט זיך פארענטפערן, פארוואס דער רעפערענט איז נישט געקומען.

— וואס זענען מיר שולדיק, אז ער איז נישט געקומען — האט אַ דארער בחור געהאלטן אַ טעלעגראמע צווישן די פינגער. — אָט האָט ער דעפעשירט מען זאל אים אפווארטן...

טא גיט מען אפ ס׳געלט! — האט זיך איינער אנגערופן פון עולם.

מ׳וועט געבן! מ׳וועט געבן!

— אין פאריז וואלט אז עולם זיך נישט געלאזט אזוי אנפייפן!

— מיט דער פּראָווינץ רעכענען זיי זיך נישט!

גראַנאַט איז געשטאַנען אין מיטן פֿינסטערן „פּראָזדור" פֿון שולעכל. עס האָט אים ווי געטאָן פֿאַר די פֿאַרוואָרפֿענע יונגעלייט, פֿאַר די אַלטע ווייבער, וואָס רעכטן-אָפּ גלות. און מיט שטילע טריט איז ער אַרויף אויפֿן בעלעמער.

די עטלעכע בחורים האָבן זיך איבער-געקוקט. עפּעס זיך אָנגע-שטויסן. און איינער אַ דרייסטער איז אונטערגעגאַנגען:

— איר זענט עס?

— איך.

און אַלע האָבן אונטערגעכאַפּט:

— ער איז דאָ!

— מאַסיע גראַנאַט איז דאָ!

1925

# אַ פּאַריזער מיידל

העניריס גרויסער ערפאָלג ביי פרויען האָט אָנגעהאַלטן פינף יאָר. געקומען איז ער אַ פינף און צוואַנציק יעריקער בחור פון דער פּראָווינץ קיין פּאַריז, זיך געטראָגן איבער די בולוואַרן מיט אַ פּאַריסענעם קאָפּ און נישט באַמערקט, ווי ס׳לעבן אַן אויסגעהונגערטס, שלינגט זיינע טעג, ווייל נישט זאַט ווערן.

ווייסע לאַנגע העלזער, נאָך ווייסערע קליינע הענט האָבן זיך געצויגן צו אים פון צעעפנטע פענסטער, צעטרענצלט זיין איינציק לעבן — איז העניר גרוי געוואָרן צו דרייסיק יאָר. זיינע גלייכע, ברייטע פּלייצעס האָבן זיך געבויגן, ווי ביי אַן אַלטן מאַן און אַן אויסגעליידיקטער, מידער, האָט ער זיך פאַרקליבן אין אַ זייטיק געסל. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַלט, אָפּגעלעבט מיידל און געעפנט אַ האָטעל.

אין אַ זייט פונם רוישיקן פּאַריז האָט דער דרייסיק-יעריקער זקן געררוט, געזעסן גאַנצע טעג אין דעם אריינגאַנג פונם האָטעל, נאָכגעקוקט די געסט זאָלן זיין צופרידן און מער נישט געטראַכט צו לאָזן נאָך זיך אַ דור. איז געשען אַ נס און ס׳איז ביי דעם אָפּגעלעבטן פּאָרפּאָלק געבוירן געוואָרן אַ טאָכטער.

גאַנצע זעכצן יאָר האָבן טאַטע-מאַמע געאָטעמט מיט טרערן, זי געהיט, געהאַלטן ווייט פון דער גאַס, וואָס האָט זיי אַזוי יונג אויפגעפרעסן. מען האָט דאָס מיידל אויף אַ מינוט נישט געלאָזט אַליין, אַפילו אין שול נישט געשיקט. געהאַלטן אַ לערערין אין שטוב.

געוואַקסן איז טערעז הויך און דין, יונג צייטיק געוואָרן און געוויינט אין דער שטיל. צו זעכצן יאָר האָט זי שוין געמוזט טראָגן אַ צאָפּ, וואָס האָט דריי מאָל אַרומגעכאַפּט איר קאָפּ, ווי מיט רייפן.

שיך האט איר דער פאטער געקויפט צו שנורעווען, איר קליינער פוס זאל אויסזען גרויס און שווער און די קליידער זענען געפאלן איבער די קנעכלען.

מען האט זי כמעט קיינמאל נישט איבערגעלאזט אליין, שטענדיק איז מיט איר געווען די מוטער, צי דער פאטער: געזען זי זאל צו־לאנג נישט זיצן ביי דעם אָפענעם פענסטער, נישט קוקן ווי די מיידלעך מיט די ארומגעשארענע קעפלעך טוליען זיך צו יונגעלייט, טראגן זיך פארביי טאנצנדיק.

טערעז האט געליטן, וואס טאטע־מאמע האלטן זי ווייט פון דער גאס, וואס רייסט זיך צו איר אין פענסטער אריין; פיינט באקומען די עלטערן: צו זיי נישט גערעדט און געלעבט מיט זיך, אין זיך.

און אז די גאס האט זיך געריצט, נישט געלאָזט איינזיצן, האָט זיך טערעז פאַרקליבן אין קיך אריין צום דינסט־מיידל. אויפגע־שנורעוועט דאָס יונגע לעבן, זיך געבונטעוועט, געזוכט נקמה צו נעמען.

אויפן זעכצעטן יאָר, האָט העגריס אַ ברודער, דער בעל־הבית פון אַ פאַרדעכטיקן האָטעל, חתונה געמאַכט אַ טאָכטער. מען האָט עס געהאַלטן בסוד פון טערעזן, נישט געוואלט זי זאָל איבערטרעטן דעם פעטערס שוועל און אָפגעמאַכט מיט דער דינסט, זי זאָל קיין זאַך נישט דערציילן. טאַטע־מאַמע וועלן אַוועק גיין אין אָוונט אויף דער חתונה אין עלף וועלן זיי זיין צוריק.

דאָס דינסט מיידל האָט נישט געהאַלטן דעם סוד. יענעם טאָג איז טערעז כמעט נישט צוגעגאנגען צום פענסטער; געזעסן אַ גאַנצן טאָג איבער די ביכלעך, פאַרשטאַנען טאטע־מאמע אויפן ווינק, אז העגרי האָט אזש אריינגעפירט ס׳ווייב, געבליבן שטיין מיט איר אין דער טיר, געוויזן אויף דער טאָכטער און אנגעקוואָלן:

— ס׳איז ווערט געווען די מי!

נאָר אין אוונט איז ס׳דינסט־מיידל אריין צו טערעזן מיט אַ פרייד:

— די אלטע לייט זענען שוין אוועק!

טערעז האט אַ שאַר געטון פון זיך די ביכלעך, אויפגעשפרונגען



KORPORATSIOO LITUVIA TAR

ארומגעכאַפּט ס׳שטוב־מיידל און זיך געלאָזט מיט איר פון איין צימער אין צווייטן.

זי האָט אויפגעפּראַלט איין פענסטער נאָכן אַנדערן, געשטאַנען מיטן שווערן, אַריבערגעוואָרפענעם צאָפּ, אַ הויכע, אַ הונגעריקע און מיט די קליינע צעעפנטע הענטלעך געווען גרייט צו כאַפּן ס׳לעבן וואָס האָט זיך פאַרבייגעטראָגן ביי איר פענסטער.

קעגנאיבער אויפן טראָטואַר איז פאַרבייגעגאַנגען אַ שמאָלער יונגער-מאַן מיט אַ לענגלעך פנים. ער איז געגאַנגען מיט אויפגעהויבענע אויגן, געקוקט אויף די שילדן, אין די צעעפנטע פענסטער, פאַרגעסן אַז ער איז אַ פרעמדער אין פּאַריז; האָט קיין געלט, קיין באַקאַנטע, זיך געטראָגן אַן אויפגעהייטערטער מיט דער רוישיקער נאַכט. ער האָט דערזען טערעזן אין פענסטער. האָט ער זיך אויף אַ רגע אָפּגעשטעלט, געצויגן זיין ברייטן שוואַרצן קאַפּעלוש.

טערעז האָט זיך צעלאַכט און באַהאַלטן דעם קאָפּ הינטער די גאַרדינען. זי האָט געוואַרט אַ ווײַלע און ווידער אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ. דער אומבאַקאַנטער איז געשטאַנען מיטן קאַפּעלוש אין דער האַנט און געקוקט אויף איר.

זי האָט זיך אויסגעדרייט, אַרומגעכאַפּט דאָס שטוב-מיידל:

— זאָג אים, טייערע, אַז כ׳קום באַלד אַראָפּ.

— ער איז דאָך אַ פרעמדער, טערעז!

— רעד נישט, ווי דער טאַטע! גיי, אַז מען שיקט דיך!

טערעז האָט געעפנט די טיר אין אַרויסגעשטופּט ס׳דינסט מיידל. זי האָט זיך גענומען אָנטאָן, פאַרלייגט דעם צאָפּ ווי אַ טורבאַן און אַז דאָס דינסט־מיידל איז צוריקגעקומען, איז זי שוין פאַרטיק געווען אַראָפּצוגיין:

— ער וואַרט?

— אַז כ׳קען זיך מיט אים נישט צונויפרעדן!

— וואָס, ער איז נישט קיין פראַנצויז?

— ניין, טערעז!

— גוט, אַנעט — האָבן אירע דינע פיס אויסגעשפּרונגען אויפן טראָטואַר צו טאַנץ.

זי האט נישט געהערט ווי ס׳דינסט־מיידל שרייט איר נאך און זיך געטראגן איבער די טרעפ.

א פארחלשטע בלאסקייט אויפן יונגענמאנס פנים האט דער־ציילט, אז ער טרעפט זיך ס׳ערשטע מאָל מיט א מיידל און זי האט א דרייסטע א זאג געטון:

— מיר וועלן זיך דורכפארן! כ׳האב צייט א גאנצע שעה!

זיי זענען געזעסן אין א פארמאכטער טעקסי, נישט גערעדט וועגן ליבע און דער שטאמל פון צוויי פרעמדע לשונות איז געווען אזוי פארטענדלעך, ווי מען וואלט זיך וואכן צוגעגרייט צו דעם שפאציר.

א פאר פרישע ליפן האבן געבלאנדזעט איבער ווייסע, ווארעמע הענט, איבער נאָך אַ ווייסערן, ווייכן האלז און ס׳לייב א יונגס, אַ שטייפס, האט געגורעט אין דער אייגענער ווארעמקייט. וואס ס׳דאט זיך אנגעזאמלט אין משך פון יארן האט מען מיט רחבת אוועקגעשאָנקען און אין יעדן בויג פון די יונגע גלידער איז געווען ־י פיין פון פרייד.

1925

# גליק

דאס דריטע צימער איז בײַ די קאַרשנס אַ לענג׳ערע צײַט גע־שטאַנען ליידיק. און אַז ס׳האָט זיך עמעצער צו זיי אַרײַנגעצויגן אין דעם האַלב פינסטערן צימער, ווו פון דער סטעליע איז אַרײַנגעקומען אַ ביסל ליכט דורך אַ קליין פענסטערל, האָט ער מער ווי אַ חדש בײַ די קאַרשינס נישט געוווינט. איין מעלה האָט געהאַט דאָס צימער — קיין שייכות נישט געהאַט מיט די איבעריקע צימערן און מען האָט געקאָנט אין אים זײַן טעג און נישט זען די בעלי־בתּים.

די בעלי־בתּים זענען געווען מאָדנע. ער, אַ נידעריקער, ווײַער אַ בריטער, מיט אַ קײַלעכדיק פּנים, ווי אַ פּאָר קינדישע אויגן שמייכלען תּמעוואַטע. זי, אַ הויכע, אַ בלאַסע, נישט קיין באַוועגלעכע, קוקט פאַר זיך, און אירע גרויסע אויגן, וואָס פּאַסן זיך נישט צו דעם לאַנגן, מיאוסן פּנים, טרויערן שטענדיק.

קיינער פון די שכנים האָט נישט געוווּסט מיט וואָס די קאַרשינס באַשעפטיקן זיך, פון וואַנען זיי קומען. שטענדיק פלעגט מען זיי זען צוזאַמען. אָדער זיי שפּאַצירן איבער די וואַרשעווער גאַסן. אָדער זיי זיצן אין שטוב. און אין שטוב איז זי געזעסן אויף אַן אַלטער אָטאָ־מאַנע, די פיס הינטער זיך, אַ פאַרליבטע געקוקט, ווי דער מאַן שפּרײַזט איבערן פאַרשטיקטן צימער, ווו די פענסטער זענען פאַרמאַכט, פאַר־ציט איין פּאַפּיראָס נאָכן צווייטן, רעדט אַרײַן אין ווײַב, אין צווישן די ווערטער שפּאַרט זיך דער רויך בײַ אים פון מויל, ווי פון אַ קוימען.

און וואָס די שכנים האָבן אַלץ נישט אויסגעטראַכט אויפן פּאָרל. מען איז געווען זיכער, אַז קאַרשין האָט ס׳ווײַב צוגענומען בײַ אַ מאַן מיט קינדער, אַנטלאָפן מיט איר קיין וואַרשע, וווינען אונטער אַ פרעמדן נאָמען. מען איז אויך געווען זיכער, אַז היינט, מאָרגן וועט

פּאָליציי איבערפאַלן קאַרשינס דירה, ווו מענטשן שאַרן זיך ווי שאָטנס, און אין די טונקעלע ווענט זענען סודות איינגעמויערט.

ס׳איז געגנוג געווען, ס׳פּאָרל זאָל זיך באַווייזן אין הויף, און פון אַלע פענצטער האָבן נייגעריקע אויגן זיי נאָכגעקוקט, געלאַכט פון בלויזן אויסזען. זי, אַ הויכע מיט אַ מיאוס פּנים, וואָס, אַז דו באַגעגנסט עס, קאָנסטו עס אַזוי לייכט נישט פאַרגעסן, און ער — אַ קיילעכדיקער מיט דראָבנע טריט, וואָס פּאַסן נישט צו זיין אומגעלומפּערטער פיגור. אין וואָס צוריקגעהאַלטענער די קאַרשינס זענען געווען, אויסגעמיטן די שכנים, אַלץ פאַרדעכטיקער איז ס׳פּאָרל געוואָרן.

די נייגעריקייט איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אַ שכנה, אַ סטודענטקע, וואָס האָט זיך קוים דערנערט פון לעקציעס, האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך אויסצוגעפינען, ווער דאָס פּאָרל איז. די סטודענטקע איז געווען אַן עלטער מיידל, גאָר אַ מיאוסע, וואָס האָט קיינמאָל נישט געקראָגן פון אַ מאַן אַ קוש. דערצו האָט זי געהאַט אַ הויכן אַקסל און צוגעהינקט אויף אַ פוס. זי האָט געהערט, ווי בענקלעך רוקן זיך, טריט דערנענטערן זיך, און די נייגעריקייט איז ביי איר געוואַקסן.

קאַרשין האָט געעפנט די טיר, דערזען פאַר זיך אַ דאַמע, זענען זיינע אויגן תּמ׳עוואַטער געוואָרן.

— איר פאַרלאַנגט עפּעס?

— מען האָט מיר געזאָגט, אַז ביי אייך איז פאַראַן אַ צימער צו פאַרדינגען.

— פאַראַן אַ צימער

— קאָן מען עס אָנקוקן?

— אויב איר דאַרפט דאָס צימער איבערצונעכטיקן...

— ניין — האָט זי אים איבערגעריסן — כ׳בין אַ סטודענטקע, זיץ כּמעט אַ גאַנצן טאָג אין שטוב.

— גלויב איך קוים, צי איר וועט אים נעמען.

— פאַרוואָס?

— ס׳איז אַ פינסטער צימער.

— דערצו, כּאַזיע קאַרשין איז דאָ אַן עצה.

קאַרשין האָט זיך געוואַקלט אויף זיינע דינע פיסלעך, געגאַנגען אויף אַפּריער. די סטודענטקע האָט באַקוקט דאָס צימער מיט די דריי ווענט, ווו דער סופיט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבערן קאָפּ, באַטאַפּט ס׳בעטל, ווו דאָס שטרוי אין מאַטראַץ איז געווען צעריבן, געשווערט אין די עקן, ווי זאַמד.

זי האָט איבערגעלאָזט האַנטגעלט און נאָך דעמזעלבן טאָג זיך אַריבערגעקליבן.

פאַרנאַכט ווען זי האָט ס׳צימערל צוגעראַמט, אויף די ווענט האָבן געהאָנגען בילדלעך, ס׳בעטל איז פול געוואָרן מיט קישעלעך, האָט ס׳חדרל אַן אַנדער פּנים באַקומען.

זי האָט געוואָרט, מען זאָל זי דעם ערשטן אָוונט אַריינרופן צו די בעלי־בתּים, זיך באַקענען מיט זיי, געזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַן אויסגעפּוצטע און זיך נישט דערוואָרט.

צומאָרגנס האָט זי שוין דעם לאָמפּ נישט אָנגעצונדן, געלעגן אויפן בעטל אין דער פינסטער, געהערט, ווי דער בעל־הבית שפּרייזט איבער דער וואַנט. לייענט עפּעס אויפן קול. זי האָט זיך צוגעשאַרט צו דער טיר, אַריינגעקוקט דורכן לעכל פון שלאָס. די בעל־הביתטע איז געזעסן אויף דער אַטאָמאַנע, איינגעהילט אין אַ ווינטער־טוך. ער האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט פאַר איר, עפּעס אַרויסגעלייענט פון אַ העפט און אַז ער האָט אויפגעהערט לייענען, האָט ער זיך צוגעזעצט צום ווייב, אָנגעשפּאַרט אַן איר שויס דעם קאָפּ, און זיי האָבן זיך אָנגעהויבן שפּילן, ווי פאַרליבטע קינדער.

די סטודענטקע איז אַ גאַנצן אָוונט נישט אָפּגעטראָטן פון דער טיר, געשטאַנען אויף די קני און נישט געפילט די האַרטקייט פון דעם דיל. יעדער גלעט, יעדע באַרירונג קאַרשינס, האָט זיך צעוואַקסן אין איר אויסגעהונגערטן גוף צענפאַך. זי האָט געפיבערט און געווען גליקלעך. פאַרבראַכט אַזוי אַן אָוונט נאָך אַן אָוונט, פאַרגעסן, צו וואָס זי האָט זיך אַריינגעצויגן צו די קאַרשינס און געלעגן אַרום דער טיר, ווי אַ פאַרליבטע נאָנע אַרום יעזוסעס בילד.

צופעליק האָט זי אים באַגעגנט אין פּאָדערהויז, פאַרשטעלט מיט

איר הויכער פּלייצע די טיר, און אים א קוק געטאָן אין פּנים אריין.

— וואס זעט מען אייך נישט, פאניע קארשין?

ער האט עפּעס אַ ברום געטון, גצזען, אז דער וועג צו זיך איז פארשטעלט און דער סטודענטקעס טיר איז אפן, האט ער זיך אריינגעקייקלט אַ היימישער, ווי צו זיך. אין איין ווינקל האָט ער איבערגעלאָזן דעם שטעקן, אין אַ צווייטן דעם קאַפּעלוש און די תּמ׳עוואַטע אויגן האָבן זיך געשאַרט איבערן דיל. קיינמאָל זיך נישט באַגעגנט מיט דער סטודענטקעס בליק. ער האָט גערעדט אומבאַהאָלפן און קינדיש, ווי ס׳רעדט אַ יונג בחור׳ל, ווען ער טרעפט זיך דאס ערשטע מאָל מיט אַ מיידל, נישט באמערקט, אַז די פּלייצע ביי איר איז אַ הויכע, הינקט אויף אַ פוס און אין גאַנצן איז זי אַ פארזעעניש.

די מ׳אוסקייט ביי דער סטודענטקע אין פּנים האָט אויפגעלויכטן. איר פארשאָרפט אויער האָט אויפגעכאַפּט, אז מען שאַרט זיך איבער דער וואנט, מען שטעלט ווייכע טריט. און שפּעט אין אָוונט, ווען קאַרשין האָט נאָך זיך פארמאכט די טיר, איז די סטודענטקע צוגעלאָפן צום לעכל פון שלאָס, זיך באגעגנט מיט דער בעל־הביתטעס גרויסע, טרויעריקע אויגן און איז אפּגעשפּרונגען.

עס איז פארביי אַ טאג, צוויי, דריי, איבער דער וואנט איז שטיל. מען האָט נאָר געהערט, ווי קאַרשין שפּרייזט, ווי אַ געפאנגענע חיה אין אַ שטייג, פון דערפרי ביז שפּעט אין דערנאכט. אויפן פערטן טאג האבן זיך ביידע צערעדט גיך, צוזאַמען, דערנאך האט זי זיך אנגעהויבן פּאַקן. זיי זענען צוזאמען ארויס מיט אַ וואליזע און געלאזט דעם לאמפּ ברענען. אין עטלעכע מינוט ארום איז קאַרשין צוריקגעקומען און אויסגעלאָשן דעם לאמפּ.

די סטודענטקע האט זיך א ריס געטון פון בעטל, אליין נישט געוווסט פארוואָס, און אן עפן געטון די טיר:

— ווו פארט איר, פאניע קארשין?

— נישט איך — מיין פרוי פארט.

— און איר פירט זי אוועק צו דער באַן?

— כ׳וועל זיין צוריק אין א האלבע שעה.

זי איז אריין צו זיך אין צימער, זיך גענומען א׳בערטאָן.

ס׳אויסגעצערטע הארץ האט געגאגט, געוויינט אין דער שטיל, געבעטן גאט, ס׳גליק זאל קומען. זי איז נישט איינגעזעסן, זיך געלייגט אויפן בעטל, זיך אויפגעשטעלט, געשטאנען ביים פענסטער, געקוקט אין זיך איינגעהערט צי גייט ווער נישט, און אז מען האט אנגעקלאפט ביי איר אין טיר, האָט ס׳הארץ זיך אַ שטעל אָפגעטון און ס׳האט גענומען איבער אַ מינוט, ביז די פיס האבן זיך געלאזט עפענען, אנטקעגנגעגאנגען דעם גליק.

1925

# ביים רב

יאַנקעלע האָט אָפּגעפינקלט זיינע געפּאסטע שטיוול, ווײַל עריש אָנגעטאָן ס׳קליינע היטל מיטן לעדערנעם דאַשעק און אז ער האט זיך געקליבן אין גאַס אריין, האָט זיך די טיר געעפנט.

אויף א פריער האָט זיך באוויזן א שטעקן, דערנאָך דער בית-דין שמש מיט א צעפּלאָסענער באָרד. ווי א צעשפּרייטער עק ביי א פאווע. א היימישער איז ער צוגעגאנגען צום בעט, וווּ יאַנקעלעס מאמע, א שלאקריריקע, איז געלעגן און זיך געפרעגט:

— ווידער נישט געטראָפן?

— אָט שטייט ער, דער תכשיט! — האָט די מוטער גערעדט אין דער סטעליע אריין.

— דו ביזט עס? — האָט דער שמש פארקוועטשט ס׳לינקע אויג און מיטן רעכטן אָפּגעמאָסטן יאַנקעלען — און איך זוך דיך שוין ארום דריי טעג!

— וואָס האָט איר געוואָלט— האָט יאנקעלע א קוק געטאָן אויפן שמש.

— בית-דין רופט דיך!

— מיך?

— דיך, דיך. דיין כּלה רופט דיך צום רב.

— אוודאי לאה׳טשע — האָט די שלאקריריקע זיך אָנגערופן. — נו, יאנקעלע, גיי, אז בית-דין האָט געשיקט נאָך דיר, גיי!

יאנקעלע, וואָס איז שטענדיק גרייט געווען עמעצן אונטערצוהאקן אן אויג, צי א ריפּ, די גאַס האָט געציטערט פאר אים, איז מיט אמאָל געוואָרן אָפּהענטיק. ער האָט זיך נישט געפרעגט, צי ער איז געצוווּנ-גען צו גיין, זיך אויף א ווייל נישט פארטראכט צי ס׳איז א מוז. מען

האָט אים גערופן, איז ער געגאנגען, פונקט ווי ער איז געגאנגען זיך שטעלן פאר א זעלבער.

ס'פאָדערהויז, וואָס האָט געפירט אין בית־דין שטוב אריין, איז געווען געפאקט. מען איז געזעסן צו דריי, צו פינף. איין צד פאר־ביסן אויפן צווייטן, זיך דורכגערעדט אויפן קול, זיך געקריגט, נישט געשווינט טאטע־מאמע און ס'איז שווער געווען צו גלייבן, אז די פארזוינען וועלן זיך נישט געזעגענען. ... אונטערוואַרפן בית-דין.

יאנקעלע איז אריינגעקומען אין בית־דין שטוב מיט די הענט אין די הויזן-קעשענעס. מיט זיין קורצער, פאריסענער גאָז האָט ער פון טיש א שמעק געטאָן, אריינגעזאפט אין זיך א טובלען בית-מדרש ריח, געוואָרפן א קוק אויף די רבנים באַבערטע יידן און זיך דערפילט אומהיימלעך, ווי צו כל־נדרי אין שול.

דער בית־דין איז געזעסן ארום א פיר-עקיקן טיש. אויבן אָן אן אלטער רב מיט א געריזנצלט פנים, וואָס האָט זיך קוים ארויסגעזען פון צווישן באָרד און פאות. פון ביידע זייטן — יינגערע רבנים מיט איי־דעלע, אויסגעהארעמטע פנימער, מיט ווייכע אויגן.

אנטקעגן די רבנים ביים קאכל־אויוון איז געשטאנען א מויד אין די דרייסיקער מיט א קאָלירט טיכל ביז איבער דעם שטערן. א פארשעמטע האָט זי געקוקט אויף אירע אפגעארבעטע הענט, ווו די פינגער, קורצע און גראבע, זענען אפגעשטאנען ווי גראבליעס.

דער אלטער רב האָט א הויב געטון די קרצזיכטיקע אויגן אויף יאנקעלען, באלד זיי אראפגעלאָזט און א זאג געטון זיך אין דער באָרד אריין:

— ווי שטייסטו, ווי?

יאנקל האט ברייטער צעשפרייט די פיס, געגלאצט אויף די רבנים און נאך טיפער אריינגעלאָזט די הענט אין די הויזן-קעשענעס.

— דו ביזט דאס יאנקל? — האט דער רב א פיר־געטון מיטן גראבן פינגער פון אים צו דער מויד.

— איך, רבי.

— זעסט מאקע אויס ווי א לאבוז, קיין יידיש אנבליק נישט.

— און דער רבי האָט געמיינט, אַז כ׳בין עפּעס אַ יאָלד? — האָט זיך יאַנקל צעשמייכלט.

— ביסט דאָך אַ חצוף אויך! דרך-ארץ, דרך-ארץ, וועסט אוודאי באַלד לייקענען, אַז דו קענסט נישט די מויד — האָט דער אַלטער רב אַ צי געטון די האַנט צום אויוון.

די מויד האָט זיך אַ רוק געטון צום טיש, גענומען קנופּן אונטערן האַלז דאָס קאָלירטע טיכל און פון גרויס פאַרלעגנהייט האָבן די נאָז-פליגל אָנגעהויבן ביי איר ציטערן.

— נו, וואָס שווייגסטו, יאַנקל? — האָט דער רב איבערגעחזרט — קענסט די מויד?

— צי ער קען מיך? — האָט די מויד אַ וויש געטון מיט דער האַנט איבער יאַנקלס רעקל, הויזן און אַפילו שטיוול — דאָס אַלץ, רבישי, איז פאַר מיינע שווערע פאַרהאָרוועטע גראָשנס!

יאַנקל האָט אַפּגעוואָרפן איר האַנט, זיך אָפּגעשטויבט און גע-שוויגן.

— בית-דין רעדט דאָך צו דיר — האָט דער רב זיך שוין גע-בייזערט — קענסט די מויד?

— כ׳קען, זי, רבי.

— זי איז געווען דיינס אַ כלה? — האָט ער ווייטער גע-פרעגט.

— יאָ, רבי.

— פאַרוואָס האָסטו זי אַוועקגעוואָרפן?

— כ׳האָב נישט קיין האַרץ צו איר, רבי.

— אַז ער האָט דערשנאַפּט ביי מיר געלט, איז ער געלעגן גאַנצע טעג ביי מיר, רבי — איז די מויד אַריין יאַנקלען אין דער מיט — מיר אָפּגעגעסן די ביינער, נישט געזאָגט אַז ער האָט נישט קיין האַרץ צו מיר.

— וואָס הייסט ער איז געלעגן ביי דיר גאַנצע טעג? — האָט דער קורצזיכטיקער רב געזשמורעט די אויגן און נישט געקוקט אויף דער מויד.

— ער האָט נישט געהאַט וווּ צו זיין, רבישי.

— איז ער געווען ביי דיר?

— יאָ, רבישי.

— און ווּ איז ער געשלאָפן?

— ביי מיר אין קיך.

— ביי דיר אין קיך?

— יאָ, רבישי.

— אָט ווי... וואס הייסט... — האָט דער רב זיך געדרייט אויף דעם בית־דין שטול — כ׳מיין, איר זענט טאַקע אַליין געשלאָפן אין קיך, מער קיינער?

די מויד האט זיך געכאַפּט, אז זי איז אריינגעפאלן, און ס׳פּנים איז געווארן תּמ׳עוואטע, ווי ביי א שאָף.

— זאָגסטו, אז מער קיינער? — האָט דער רב זיך אַ בייזער געטון.

— מער קיינער, רבישי.

— ביסט דאָך א מויד, אַ חצופה! — האט דער אלטיטשקער אַ קלאפּ געטון מיט דער קליינער פּויסט אין טיש.

יאנקל האט געקוקט פון דער זייט, געשמייכלט אין דער וואנסע אריין, וואס לאהטשע כאפּט אריין א פּסק, און זיך געשטעלט פאר נחת פון איין פוס אויפן צווייטן.

דער אלטשיקער רב איז נישט איינגעזעסן, זיך נישט אויפגעהערט צו טאפּן פאר דער דארער נאז, און ס׳האט אויסגעזען, אז ער האט גרויס הנאה פונם אויספרעגן, ווייל עס וואס לענגער פארציען, וויל דערגיין ביז צום עיקר. ער האט זיך צעוויגט איבערן טיש, ווי איבער א שווערן בלאט גמרא און ווייטער געפרעגט:

— הייסט עס, איר זענט געשלאפן צוזאַמען?

— זי איז צו מיר געקראכן, רבי — האט יאנקעלע אַ זאָג געטון.

— וואָס הייסט?

— זי האָט מיך נישט געלאָזט שלאָפן ביינאַכט.

— אַזוי? — האָט דער אַלטיטשקער אַ כאַפּ געטון די באָרד אין מויל אַריין, און די אויגן האָבן זיך ביי אים צעשפּיזלט.

— דעריבער טאַקע האָב איך מער נישט קיין האַרץ צו איר, רבי.

— רבישי, כ׳בין אן אָרעמע יתומה — האָט די מויד זיך צעוויינט

— ער האָט מיך באַגולט און יעצט שלעפּט ער זיך ארום מיט אַ צווייטער.

דער אלטיטשקער האָט זיך אַ בויג געטון צו די צוויי יינגערע רבנים און אַלע דריי האָבן אין דער שטיל, אָן ווערטער, מיט אַ קנייטש, מיט אַ ווונק זיך דורכגעשמועסט.

— הער, לאָבוז — האָט זיך דער רב אַ דריי געטון צו יאַנקעלען — מאַך נישט קיין לייטישע געלעכטערס און שטעל דאָ אויפן אָרט אָפּ די חתונה. זי איז אַ יתומה, דיין כלה איז אַ יתומה. האָסט געלערנט חומש?

— נישט געלערנט, רבי, און כ׳האָב קיין האַרץ נישט צו איר.

— לויטן דין, שייגעץ, איז זי שוין דיין ווייב, האָסט שוין חתונה געהאַט מיט איר.

— איך האָב נאָך מיט איר נישט חתונה געהאַט, רבי!

— געווען, עוכר ישראל, ביסטו מיט איר?

— זי מיט מיר, רבי!

— וואס האָבן מיר היינט? — האָט דער אַלטיטשקער גערעדט זיינס — יאָ, ראש־חדש זאלט איר אריבערקומען. כ׳מיין דיך יאַנקעלע מיט דער כלה, וועל איך אייך געבן חופּה וקדושין, זאָגסטו מיר צו?

— אַז...

— נישט גערעדט, כ׳וויל נישט הערן. זאָגסטו מיר צו?

— מיר וועלן קומען, רבישי — האָט די מויד פּרובירט ענטפערן פאַרן התן.

— ער, יאַנקעלע, ער דאַרף ענטפערן. נו, זאָגסטו מיר צו?

— אַז דער רבי הייסט...

אַן אנגעכמורעטער האָט ער זיך געלאָזט צום ארויסגאנג, די מויד נאָך אים. די פרייד, וואס האָט זיך געשטיקט אין איר, האָט זיך צעלייגט איבערן פינצטערן פּנים, שטום דערציילט, אַז זי גייט חתונה האָבן מיט יאַנקלען.

1925

# מיידלעך

זי איז געבליבן זיצן אויף דער קאטעדרע, מיד געווען אָפּצו־הוישן ארום דער נאָז קרייד־פלעקן, וואָס זענען זיך צעוואקסן אין די אויס־פלאַשטענע אויגן, און די הענט, פרעמדע, האָבן זיך נישט גע־הויבן.

די שרייב־ברעטער זענען געווען ווייס, געשלאָגן מיט שטויב, און דאָס שווארצקייט האָט זיך ארויסגעטיקט, זיך געוויגט אין דער גרויקייט, ווי שטייענדיקע וואסערלעך אין א טונקלען פארנאכט.

דער טומל פון אנדערהאלבן הונדערט קינדער איז נאָך אלץ געשטאנען אין די פיר ליידיקע ווענט, וואָס זענען, דאכט זיך, איינ־געלאָפן אין דער אייגענער ליידיקייט.

די שטילקייט, וואָס האָט זיך געשפארט דורך די אָפענע פענ־סטער, האָט זיך געראנגלט מיטן טומל, אים ביסלעכווייז איינגעזאפט.

די מידע אויגן האָבן געקוקט פאר זיך, גוקוקט איבער די ליידיקע בענק און נאָך אלץ געזען קעפלעך — שווארצע, בלאָנדע, רויטע.

זי האָט זיך קיין ריר נישט געטון. דאָס פנים — ברייט, אָפן. זאמדיקע זומערשפרענקלעך ארום די ווייסע, פלאכע אויגן, אויף די הויכע באקן־ביינער, וואָס האָבן זיך אויסגעגלייכט מיט דער נאָז. א מדבר — נישט קיין פנים. די געשניטענע האָר פאלן פאסמעסווייז איבערן שטערן, איבער די אויגן, לייגן זיך ווי פריש־געדעקט שטרוי איבער א פויערישע הייזל.

און אין דעם ליידיקן פנים, ווו אן אויג האָט זיך נישט ווו אָפּצושטעלן, איז פאראן עפעס קינדישעס, צוגעלאָזנס, וואָס רופט ארויס ביים קליינוואוג פרייד און ליבע.

ס׳איז געגוג זי זאָל אַריינקומען אין קלאַס, זיך אריינזעצן צווישן צוויי בענק מיט קינדער, אַ שאָקל טאָן מיט די האָר, און די פרייד פון פרישע סנאָפּעס שטרוי פינקלט אויף אין די קינדערשע אויגן. די זאַמדיקע זומער-שפּרינקלעך בייטן זיך, באַקומען קאָליר און פון דער מדבר ווערט אַ פאַרביק פעלד. ס׳קליינוואַ׳ג פאַרגאַפטע ווערן מיט-געריסן. די קינדערשע אויגן בליצן מיט נאַכט, לויכטן מיט בלויען הימל, בלישטשען מיט בורשטין פון האָניג.

אַ פרייד, אַ גרויסע פרייד העלט אויף אין די קינדער, פאַלט צוריק אויף דער לערערין. די עטלעכע דרייסיק יאר צעפאַלן זיך אַרום איר, ווי פאַרגעלטע בלעטער אַרום אַ בוים, דאס אומעטיקע לעבן אין דעם פאַרוואָרפענעם שטעטל צערינט, און מיט דער זאַרגלאָזיקייט פון אַ קוואַל, וואס שלאָגט צווישן פלאַנצן, זיצט זי צווישן קינדער, זעט זי ווי זיי וואַקסן, ווי זי וואַקסט אין זיי, ווערט אַ שותּף צו „מעשׂה-בראשית״.

דער טרויער אין איר פאַרשווינדט — דען קיינער ווייסט נישט, ווי זי בענקט ביינאַכט. בענקט שוין אַזוי יאָרן אין דעם פאַרוואָרפענעם שטעטל. ווייסט נשט וואס צו טון מיטן אויסגעהונגערטן לייב.

שוין צען יאר, ווי זי איז אין דעם שטעטל. פאַר דער צייט איז זי פון אַ יונגער לערערין געוואָרן אַ צעוואַקסענע פאַרוואַלטערין, שוין געביטן פיר ארויסהעלפערינס. אַלע האָבן חתונה געהאַט און איצט האָט זי די פינפטע.

זי איז אראָפּ פון דער קאַטעדרע, פאַרבייגעגאַנגען דעם אָפענעם אַלמער, ווו אַ יונגע, בויגיקע לערערין מיט שווערע שוואַרצע צעפּ, נאַכלעסיק פאַרקניפּט אין דער מיט פון דעם קליינעם קאָפּ, האָט צעשטעלט אויף די פּאָליצעס ביכער.

אין איר יעדן בויג איז געווען אַ מאַטקייט, וואָס באַפאַלט דעם מענטשן אין פרילינג, דרימלט צווישן ווינטלעך, רוימט איין, אַז די פרייד פון ליבע איז אין שטילקייט, אין איר באַשיידנקייט.

— געגוג אויף היינט, פעלאַ.

— נאָך עטלעכע ביכער.

זיי האָבן שטיל אָפּגעגעסן אוונט-ברויט, זיך אויסגעצויגן אויף

צוויי מיידעלשע בעטלעך, ווו די ווייסקייט פון דעם בעטציייג האט נישט געלאָזט באַקוועם ליגן.

אין די אָפענע פענסטער האָבן זיך געזויגט פעלדער מיט קאָרן. אַ שיקסל איז אַרויס פון צווישן די זאנגען, שעלמיש זיך ארומגעקוקט און זיך באהאלטן אין אַן אויסגעהוילטן דעמב, וואָס איז געשטאַנען ביים עק פעלד. אַ שייגעץ איז אָנגעלאָפן, פארלוירן געזוכט ס׳מיידל, זיך געדרייט ארום דעם דעמבס צעדרייטע ווארצלען, וואס די ערד האט מער נישט געוואלט צודעקן.

מיט אַ פאטשעריי איז דאס שיקסל ארויס פונם באהעלטעניש, געפאלן אויפן שייגעץ און גליקלעכע זענען זיי פארשוונדן צווישן די זאנגען.

צו מזרח-צו, אין גרינלעכן הימל, איז געשטאַנען א האַלבע לבנה.

אומזעבאַרע פעדים האָבן זיך פון איין בעטל צום צווייטן דער-צ׳ילט, אַז ס׳זינדיקע פארפירט. די פעלדער מיט קאָרן, ווו ס׳פאָרל איז פארשוונדן, האָבן נישט געלאָזט איינזיצן, געאָטעמט מיט אומרויקייט און אין דער אומרויקייט איז דאָס גאַנצע לעבן.

ס׳איז טונקל געוואָרן.

די פאַרוואלטערין איז נישט איינגעלעגן. די הענט פאַריוואָרפן אַרום קאפ, די פיס אויסגעצויגן און אונטערן האַרצן אַ ווייטיק — די וועלט איז טויב צום צער פונם מענטשן.

ס׳בלוט האָט געשרפעט:

זיגמונד, דער שטאָט-אפטייקער, האָט אנגעהויבן זי אויסצומיידן, געזוכט זיך צו טרעפן מיט פעלאן. זי האָט געשוויגן, דערשטיקט אין זיך יעדן פאַרדרוס, און וואס קעלטער זיגמונד איז צו איר געווארן, אַלץ מיט מער וואַרעמקייט האָט זי ארומגערינגלט פעלאן, זיך באַגאַנגען מיט איר ווי מיט אן איין-און-איינציק קינד.

— שלאָפסט, פעלאַ?

— ניין.

— קום אַהער.

פעלאַ איז פויל אַריבער צו דער פארוואלטערין אויפן בעטל, זיך געזעצט צוקאָפנס, און אין דעם אָפענעם פענסטער, ווו די לעצטע פאַסעקלעך ליכט האבן זיך געלאשן, האָט זיך געשווארצט איר שווארצער קאָפ.

דאָס פּנים מיט די זומערשפּרענקלעך איז שוין לאַנג געוואָרן איינס מיט דעם אָוונט, וואָס האָט זיך געשפּאַרט פון די ווינקלאַך מיט אַ געדיכטעניש. איר קול האט געקלונגען ווייט און פרעמד:

— זאָג מיר דעם אמת, פּעלא, וועסט זאָגן?

— כ׳וועל זאָגן.

— האסט אים ליב.

— ניין.

— פאַרוואס זאָגסטו אים נישט?

— כ׳זאג אים.

— אויב דו האָסט אים נישט ליב — האט זי פאַרלוירן זיך אַ שאַר געטון, געלאזט ליגן איר קאָפּ אויף פּעלאס שויס — פאַר אַוועק פון דאַנען. פאר דיר איז עס א שפּיל, פאַר מיר — ס׳איינציקע אין לעבן. דערצו ביסטו אזוי שיין און יונג...

פּ בּערדיקע הענט האבן פאַנאַנדערגעפלאַכטן פּעלאס צעפּ, זיי געקעמט מיט די פינגער און די עלנטקייט האָט שטום געוויינט אין דעם פינסטערן צימער.

דער דרימל פון אַ מ׳ידל, וואס האט נאָך קיין מאַן נישט געהאט, האט זיך געוועקט אין פּעלאס שווארצע אויגן, געהאַלטן אין איין שפּינען ארום אַ מאַנסביל.

זי האָט געוויינט, געקושט די פאַרוואלטערין, איר אַלץ צוגעזאגט און אליין נישט געגלויבט, אז זי האט ליב זיגמונדן.

1926

# אין שאַפּ

מאזיניס שאפּ פון זיידענע קליידער איז געווען פאר דער יוניאָן א פעסטונג, וואָס מען קאָן נישט איינגעמען. חדשים-לאנג האָט די יוניאָן געהאלטן אין אָרגאניזירן דעם שאפּ, ארויסגעשיקט צו מאזינין די בעסטע שניידערינס פון פאך. קיין איינע פון זיי האָט זיך אָבער לאַנג נישט געקאָנט האלטן, און דער שאפּ איז געבליבן נישט אָרגאניזירט.

די איטאליענער, וואָס האָבן געארבעט ביי מאזינין משפחה־ווייז, געלעבט מיט דער אלטער היים, זענען געווען שטאָלץ מיט זייער בעל־הבית. זיי האָבן ביי דער מינדסטער געלעגנהייט נישט פארפעלט צו דערמאַנען, אז דער בעל־הבית שטאמט פון יענעם מאזיני, וואָס הענגט ביי יעדן איטאליענער אויף דער וואנט און וואָס האָט צוזאַמען מיט גאריבאלדין געהאָלפן באפרייען איטאליען.

ווענעציע, רוים, פלאָרענץ — יעדע שטאָט האָט זיך געהאט ביי מאזינין אין שאפּ א ווינקל. די שטעט האבן אָנגעהאלטן די חזקה איבער די פלעצער, זיי איבערגעגעבן צו אייגענע, צו לאַנדסלייט. און יעדעס מאָל, ווען די יוניאָן האָט זיך געחאָלט ארייננרייסן אין דער איטאליענישער פעסטונג, ארויסגעשיקט איין שניידערין נאָך דער צווייטער, זיי זאָלן העלפן אָרגאניזירן דעם שאפּ, האָבן איבער הונדערט פּאָר אויגן, גרויסע, גייציקע פארטריבן דעם שונא.

די יוניאָן האָט אָבער נישט גערוט, און נישט אזוי די יוניאָן, ווי די שווארצע פּאָלי, א יונגע יוניאָן־טוערין, וואס האָט שוין געהאט הינטער זיך צענדליקער אָרגאניזירטע שעפּער, געהאט הינטער זיך סטרייקס און אפילו תפיסה — פון א טאָג ביז א חדש. פּאָלי האָט ביי א מיטינג זיך אליין פאָרגעשלאָגן

— מאָרגן גיי איך זוכן ביי מאזינין ארבעס... אפשר וועט זיך מיר איינגעבן צו אָרגאניזירן דעם שאפּ...

— איר קענט דען שניידעריי? — האָט עמעצער געפרעגט.

— לעכער אויסנייען קאָן איך. פאסטריגעס ארויכציען קאָן איך — האָט פאָלי ווילעריש גענומען אויסרעכענען אויף די פינגער איין מלאכה נאָך דער צווייטער.

— איר וועט מאכן קאשע אויף וואסער!

— נישט געזאָרגט, פאָלי, די יוניאָן וועט מיט פארגעניגן דעקן דעם אונטערשיד — איז דער דעלעגאט געווען באגייסטערט פון פאָרשלאָג.

— מוחל, מוהל — האָט פאָלי געמאכט אמינע פון אצעפּיעש־טשעט מיידל. — כ׳האָב אזוי פיל טענות צו דער יוניאָן, וועל איך האָבן נאָך איינע, וואָס כ׳וויל אָבער יאָ, איז מיטנעמען בארבאראן אויפן חשבון פון דער יוניאָן. צו אן אייגענער, אַן איטאליענערין וועלן זיי האָבן מער צוטרוי.

פאָלי און בארבארא זענען אָנגעקומען צו מאזינין אין שאפּ אריין. איטאליענערנס האָבן זיי אויפגענומען מיט חשד, געקוקט אויף זיי, ווי אויף קאנקורענטן. פאלי האט זיך געהאלטן פון דערווייטנס, ארויסגעשטעלט ביי יעדער געלעגנהייט בארבאראן.

בארבארא, אַ יונגע, אַ הויכע, ס׳פּנים אפן, קינדיש, אויגן גרויסע, שטילע. דורך דער שטים, וואס האָט פארטריבן יעדן פארדרוס. איז בארבארא אויף דער צווייטער וואך געווארן היימיש מיטן גאנצן שאפּ. פאר יעדן האט זי געהאט א שמייכל, א ווערטל, שטענדיק גרייט געווען צו טון א טובה. ביסלעכוויז האבן די עלטערע איטאליענערינס זיך גענומען שארן ארום איר. מען האָט זי מיטגענומען, זי זאָל זיך אויסטענען מיטן מאשיניסט, מען האט זי געפרעגט מבינות, געבראכט אַ היימישן בריוו איבערצולייענען; און אז בארבארא האָט איינמאָל אָנגעשריבן פאר אן איטאליענערין אַ בריוו צו אירע קינדער, האט אַ האלבער שאפּ געוויינט. א חשובע זקנה מיט אַ פנים פון אן אלטער קייסערין, וואס האט בארבאראן ביז אהער נישט באמערקט, האָט נאכן בריוו לייענען זי באטראכט. די זקנה האָט געשארט פון זיך די פאַ־סטריגעס, וואָס האָבן זיך געפּלאָנטערט אין די האר, אין די פאלדן פונם קלייד און זיך אפּגערופן:

— זעסט אויס צו זיין אַן איידל קינד, נישט עפּעס אַ שניידערין פון דער היים.

באַרבאַראַ האָט געשמייכלט.

— זענט איר טאַקע אַזוי פאַראַרעמט געוואָרן, אַז דו מוזט אַרבעטן אין אַ שאַפּ? — האָט די זקנה באַדויערט באַרבאַראַן, און אירע צעדרייטע פינגער האָבן נישט אויפגעהערט צו שלעפּן פּאַסטריגעס.

— וואָס פעלט אייך אייַן, באָבעשי, אַז מיר זענען רייך געווען?

— איז באַרבאַראַ אונטערגעגאַנגען צו דער זקנה — איינס מוז מען אָבער צוגעבן — מיין מוטער וואָלט פאַר מאַזינין נישט געאַרבעט.

— פאַרוואָס?

— ווייל ער צאָלט ווייניקער, ווי אין קלענסטן יוניאָן-שאַפּ און זעט, אַז מיר זאָלן אַרבעטן לענגערע שעהן.

— טאַקע נישט שיין פאַר מאַזינין אויסצונוצן אָרעמע מענטשן — האָט זיך עמעצער אָנגערופן.

— איר מעגט עס נאָך אַמאָל זאָגן! האָט פאַלי פון דער זייט אונטערגעכאַפּט.

די שמועסן האָבן זיך איבערגעחזרט יעדן טאָג ביים מיטאָג, ביים אַהיימגיין, אַפילו ביים רויש פון די מאַשינען.

באָבעס, מאַמעס, טעכטער, אָנגעטאָן אין שוואַרצן, זענען געזעסן געבויגענע פון דער פרי ביז נאַכט, געוואָרן איינס מיט די מאַשינען, און דער שטענדיקער רויש און קלאַפּעריי האָט נישט געשטערט דאָס רעדן צווישן זיך. זיי האָבן זיך נאָך אַלץ געשראָקן פאַר באַרבאַראַן און פאַלין, אין תוך אָבער צוגעגעבן, אַז ס׳יונגוואַרג איז גערעכט.

ס׳האָט לאַנג נישט גענומען און באַרבאַראַ האָט געהאַט אויף איר זייט די שנעלסטע שניידערינס פון שאַפּ. זי האָט אַליין נישט געגלויבט. דאָס וואָס האָט זיך איר איינגעגעבן צו אָרגאַניזירן דעם שאַפּ, האָט אויך פאַרגרעסערט דעם גלויבן אין זיך, אין אירע אייגענע כּחות, און באַרבאַראַ האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז פאַלי איז דאָ איבעריק, שטערט בלויז. מען דאַרף די זאַך אינגאַנצן אַרויסנעמען פון אירע הענט. און אַז דער שאַפּ איז געווען צוגעגרייט, איז באַרבאַראַ פאַר גרויס פרייד אַוועק אין דער יוניאָן, אַליין געוואָלט אָנזאָגן די בשורה.

— האַלאָ, באַרבאַרא! — האָט דער דעלעגאַט זי באַגעגנט מיט ביידע הענט. — ווען איר ווייסט, וואָס פאַר אַ מתּנות מיר האָבן פאַר אייך?! אויף אַזאַ ערפאָלג האָט זיך קיינער נישט גערעכנט. הייסט עס, מאָרגן אָרגאַניזירן מיר אייער שאַפּ! זי האָט אויסערגעוויינלעכע אָרגאַניזאַטאָרישע פעיקייטן, פאָלי, מיין איך! איר ווייסט גאָרנישט, וואָס פאַר אַ געווינס דאָס איז פאַר אונז!

באַרבאַראַס פרייד איז ערגעץ אויסגערונען און איר שטענדיקער שמייכל איז אייך נישט געוואָרן. זי האָט מיט אַן אַנדער קול, נישט מיט אירן, אַ זאָג געטון:

— דעם שאַפּ האָב איך אָרגאַניזירט, נישט פאָלי!

— און פאָלי טענהט, אַז איר, באַרבאַרא, שטערט איר נאָר.

— זי איז אַ ליגנערין!

— ע, באַרבאַרא — האָט דער דעלעגאַט זי געוואָלט באַרויקן

— פאָלי האָט שוין נישט איין שאַפּ אָרגאַניזירט, אָנגעפירט סטרייקס און געזעסן תּפיסה. כ׳פאַרזיכער אייך, נישט פאַר גנבה... רעדן אַזוי וועגן אַ חבֿרטע מיט גרויסע פאַרדינסן פאַר אונזער יוניאָן, וואָס זאָל איך אייך זאָגן, איז טאַקע נישט שיין!

— מאַזיניס שאַפּ האָב איך אָרגאַניזירט, נישט זי! — האָט באַרבאַרא, אַ פאַרעקשנטע, געטענהט אירס — אַז פאָלי קאָן זיך צומאָל נישט דורכרעדן מיט די מענטשן, פאַרשטייט קיין איטאַליעניש נישט.

— ווען פאָלי פאַרשטייט איטאַליעניש, וואָלט דאָך די יוניאָן אייך קיין „ווידזשעס“ נישט געצאָלט!

באַרבאַרא האָט געפילט, אַז נישט גענוג, וואָס מען באַגייט געגן איר אַן עוולה, באַליידיקט מען זי נאָך אויך. פון פאַרדרוס האָט זי גע־שלונגען טרערן. אפגעמאַכט נישט צו פאַרשווייגן.

צומאָרגנס האָט זי אויסגעמיטן פאָלין, זי פאַרבייגעגאַנגען, ווי אַ פרעמדע. פאָלי האָט עס באַמערקט, זיך נישטוויסנדיק געמאַכט.

דער שאַפּ איז געווען אויפגערוימט. די אָרגאַניזירטע הענט, וואָס האָבן זיך גערייט צו גיין נאָך דער אַרבעט אין דער יוניאָן אַריין, האָבן געזען, מען זאָל נישט אַרבעטן קיין „אָווער־טיים“. דער עולם האָט זיך געקליבן אין קאָרידאָר, געגעסן ווער אַ סענדוויטש, ווער

אַן עפּל, געוואַרט אויף די אַנפירערינס און אין דער אויפגעהייטערקייט איז געווען די מורא פאַר דעם נייעם.

באַרבאַרא איז די ערשטע אַרויס, נאָך איר — פּאָלי. באַרבאַרא איז צוגעגאַנגען צו דער חברטאַרן:

— כ׳וויל דורכאויס, פּאלי, זאלסט היינט אין דער יוניאָן זאגן, אַז אָרגאַניזירט דעם שאַפּ האָב איך, נישט דו.

— רעדסט נאַרישקייטן, באַרבאַרא!

— וועל איך אַליין זאָגן.

— ס׳וועט דיר קיינער נישט גלויבן.

— אויב מען וועט מיר נישט גלויבן, — האָט באַרבאַרא אָנגעכאַפּט פּאַלין פאַר א האַנט, — וועט מאַיניס פּלאַץ נישט ווערן קיין יוניאָן־שאַפּ!

— ווייסט זיך אויסטענען אין דער יוניאָן, האָט פּאָלי זיך געבעטן ביי באַרבאַראַן. — קום דערוויייל! אַזא עולם אין קאָרידאָר איז פאַרדעכטיק! ווילסט דווקא דער פאַרמאַן זאָל אַרויסקומען?

— טאַ זאָג מיר צו! — איז באַרבאַרא באַשטאַנען אויף אירס.

— כ׳וועל דיר גאָרנישט צוזאָגן!

— וועל איך זיך נישט רירן פון אָרט!

— האַנדלסט, באַרבאַרא, ווי א סקעב!

באַרבאַרא האָט זיך א צי געטאָן, זיך אַריבערגעבויגן איבער פּאַלין, און איידער דער אַרומיקער עולם האָט זיך געכאַפּט, איז איין אַנפירערין אַריין דער צווייטער אין פּנים, אין די האָר. מען האָט זיי גלייך פונאַנדערגענומען און א כוטל, א ווייבערשער טומל, האָט זיך אָנגעפאַנגען.

1926

# אונטערוועגנס

מיט דער נאַכט האָט ס׳קלענסטע ווינטל אויפגעהערט בלאָזן, זיך פאַרלוירן אין דער פינסטערניש. אַ פאַרדעכטיקע שטילקייט האָט געהאַנגען איבערן שמאָלן אַספאַלט־וועג, זיך אויסגעמישט מיט די לאַנקעס, וואָס האָבן זיך געצויגן רעכטס, לינקס. פון מאָל צו מאָל האָט זיך פאַרבייגעטראָגן אַן אויטאָמאָביל. די שיין־וואַרפער האָבן אויפגעלויכטן איבערן אַספאַלט, באַלד זיך געלאָשן און די פינסטערניש איז נאָך בולטער געוואָרן.

און אַז מען האָט אָנגעשפּיצט די אויערן צום הימל, וואָס איז געלעגן אָן אָנגעזאַפּטער, אָן אָנגעשוואָלענער, האַרט איבערן קאָפּ, האָט מען געקאָנט הערן, ווי טראָפּנס קלאַפּן צווישן בלעטער. פויקן איבערן דאַך פונם אויטאָמאָביל.

דר. שוואַרץ איז געפאָרן פון די קעטסקילס, וווּ ער האָט פאַרבראַכט די „וויק־ענדס" (סוף וואָך) מיט זיין פאַמיליע. לעבן אים בײַם ראָד איז געזעסן מאַדאַם גאָלדין, דעם דאָקטאָרס אַ שכנה, נאָך גאָר אַ יונגע מיט שוואַרצע, לאַכנדיקע אויגן. זי האָט זיך מיטגעכאַפּט מיטן דאָקטאָר אין שטאָט אַרײַן, געוואָלט איבעראַשן דעם מאַן מיט איר קומען.

עס האָט גענומען שטאַרק רע:ענען.

פון די טראָפּנס זענען געוואָרן בייטשן, געשמיסן אין דער קרום מיט אַ סווישטש און דער אַספאַלט־וועג, אַ נאַסער, האָט זיך אַנטקעגנגעטראָגן ווי אַ טייך.

האָט איר געדאַרפט פאָרן, מיסעס גאָלדין, אויף אַזאַ וועטער?

— האָט דער דאָקטאָר גענומען טרײַבן פאַמעלעכער די מאַשין.

— איר האָט דאָך מיך צוגערעדט, דאָקטאָר!

— כ׳האָב געוואָלט, ס׳זאָל מיר זיין הײמלעכער, — האָט דער דאקטאָר געשמייכלט — איר אָבער האָט זיך נישט געדארפט לאָזן איבערעדן. ווי לאנג איז ווי איר זענט געווען אין ניו יאָרק?

— שוין באלד דריי וואכן.

— בענקט איר שוין נאָכן מאַן?

— אוודאי בענק איך.

— און דער מאן נאך אייך? — האט דער דאָקטאר פון דער זייט מיט איין אויג אַ קוק געטון אויף איר — ער זעט אַפילו נישט זאויס, ער זאָל זיך לאנגווײליקן אין שטאט!

— וואס האָט איר זיך אנגעזעצט, דאקטאר? — האט מיסעס גאָלדין אַן עפן געטון די ליפּן און פון די ווייסע ציין האט אַ שפּריץ געטון א געלעכטער.

— ווייל איך בין אַ מענטש פון יושר. — האט דער דאָקטאר גישט אויפגעהערט זיך צו וויצלען.

— אויב איר זענט יא אַ מענטש פון יושר, דאקטאר, גיט מיר עפעס איך זאָל נעמען אויף זיך, איך ווער געפרוירן! — האָט די שכנה זיך געטוליעט אין איר געבלימלט קלייד מיט קורצע ארבל.

— איר האט געדאַרפט מיטנעמען אַ סוועטער, — האָט דער דאָקטאר פאריסן דעם קאפּ, דער רעגן זאָל אים נישט אריין אין די אויגן.

— כ׳האב אייך נישט געדארפט פאלגן, דאקטאר, און בלייבן אין האטעל.

— דאס זאג איך דאך — האט דער דאקטאר נישט אויפגעהערט צו שמייכלען און ארויסגעשלעפּט פון הינטער זיין געזעס א האריקע דעק — הילט אייך איין!

דער רעגן האט איינגעזאפּט די פארעקייט, אפּגעשווענקט די הויך און עס איז מיט אמאל קאלט געווארן.

די שכנה האט אריבערגענומען דידאזיקע דעק איבערן קאפּ, זיך איינגעוויקלט אין איר, ווי א דארפישע גויע און שטיפעריש אַ קוק געטון אויפן דאקטאר.

— ס׳זאל כאטש לאנג נישט אנהאלטן!

— דער רעגן ווערט אלץ שטארקער, — האט דער דאקטאר

געהאלטן אין איין ווישן די שויב, וואס איז אויפן ארט גלייך ווידער פארגאסן געווארן מיט שנירלעך וואסער.

דער אויטאמאביל האט געטרייסלט, געשניטן מיט אַ שפריץ די וואסערלעך וואס האבן זיך אָנגעקליבן, ווו דער וועג איז געווען אויס-געגעסן. ס׳יונגע לייב, דערוואָרעמט פון דער האריקער דעק, האָט זיך געהויבן ביי דער שכנה. זי האט געקוקט אויפן דאָקטארס קאלטע פינגער, וואס זענען געווען ווי צוגעוואקסן צום ראד, וואָס ער האט געדרייט, געפילט, ווי פון דעם פאמעלעכן פאָרן קלעפן זיך ביי איר די אויגן-דעקלעך און געטראכט, אז אונטער דער האריקער דעק, וואלט דער דאקטאר געקאנט אנווארעמען די הענט. איר איז גוט געווען. אי דערפאר, וואס איר איז ווארעם און ארום גיסט מיט צעבערס, אי דערפאר, וואס זי איז מיטן דאקטאר איינע אליין אין מיטן פעלד. קעמערלעך, איינס קלענער פונם צווייטן, האָבן זיך געהאלטן אין איין עפענען אין מוח, עפעס איינגערוימט, וואס מ׳קאן גאר פאר די ליפן נישט ברענגען און א ליכטיקער שמייכל, וואס איז דערגאנגען צום פנים, האט געווארעמט יעדעס גליד אירס.

זי האט אויפגעציטערט:

— וואס איז דאקטאר?

— אוממעגלעך ווייטער צו פארן, מ׳דאַרף איבערוואַרטן דעם רעגן.

— און אז ס׳וועט נישט אויפהערן? — האבן די אויגן איבער געשראקענע געקוקט אויפן דאקטאר און זיך נישט געשראקן.

— וועט מען נעכטיקן דא, — האט דער דאקטאר גע-שמייכלט.

— אין מיטן פעלד?

דער אויטאמאביל איז געבליבן שטיין. דער מאטאר האט געסאפעט, געשיפעט פון דעם וואסער, וואס איז געפאלן אויף די פארמאכטע בלעכן מיט אַ קלימפעריי.

דער דאקטאר, אַ געוויקסיקער, מיט ברייטע פלייצעס, איז און א היטל אראפ פון דער מאשין, זיך געפארעט ביי די לעדערנע פלאכטעס בעווען עס זאל נישט אריינרעגענען. אַ דורכגענעצטער, מיט א נאסן

שויבער האר אין די אויגן, האט ער א נעם געטון די שכנה פאר א האנט און געעפנט דאס טירל:

— אינעווייניק קומט אינגאנצן נישט דער רעגן!

מאדאם גאלדין האט זיך אויפגעשטעלט. דער ווינט האט א ריס געטון די שפיצן פון דער דעק, זיי געעפנט אין אויפן דאקטאר האט א בלאז געטון מיט ווארעמקייט. ער האט געעפנט ס׳צווייטע טירל, פאר-שטעלט מיט דער פלאכטע, זי זאל נישט נאס ווערן און זיך גע-איילט:

— נו, טאנצט שוין אריין, גיכער!

מיט א קוויטש איז זי אריין אין דעם הינטערשטן טייל פונם אויטאמאביל. דער דאקטאר האט נאך זיך פארקלאפט ס׳טירל, פאר-העקלט די פלאכטע און ביידע זענען געבליבן אין דער פינסטער. איצט ערשט האט דער דאקטאר זיך ארומגעזען, אז דער רעגן האט אים דורכגענעצט ס׳רעקל, ס׳העמד, ביז צום לייב. ער האט זיך נישט געקאנט אנשפארן מיט די פלייצעס אן דעם ווענטל פון געזעס, אזוי דורכגענעצט איז ער געווען. די שכנה האט עס באמערקט אין דער פינסטער [illegible]ן זיך אנגערופן:

— טוט אויס ס׳רעקל, ס׳איז דאך פיטש-נאס, איר קאנט זיך נאך פארקילן!

— לעבן אייך וועל איך זיך נישט פארקילן, — האט דער דאקטאר זיך א שטעל געטון, אנגעשלאגן דעם קאפ אן דעכל פונם אויטאמאביל און אין דרייען א געבויגענער אויסגעטון ס׳רעקל.

מאדאם גאלדין האט א נעם געטון פון זיך די האריקע דעק, געוואלט איינהילן דעם דאקטאר, אים פארזיכערט, אז ס׳איז איר ווארעם.

— איר זענט דאך אן איינגעשפארטער, דאקטאר!

ער האט זיך געווערט, איר צוגעהאלטן די הענט און אליין ניט געוווסט, פארוואס ער האט זיך מיט אמאל צעלאכט:

— לאמיר זיך טיילן מיט דער דעק.

— גוט, דאקטאר!

ער האט איינגעוויקלט די שכנה מיט א האלבער דעק און די צווייטע העלפט האט ער פארווארפן ארום זיך. די אויערן האבן ביים דאקטאר אנגעהויבן צו פלאמען.

— א שאד, וואס ס׳דונערט נישט, — האט די שכנה זיך צוגעשארט צום דאקטאר.

— איר האט נישט מורא פאר א דונער? — האט דער דאקטאר געפרעגט און באמערקט, אז ביידע זענען פון דערזעלבער הויך.

— איצט וואלט איך נישט מורא געהאט.

די ווארעמקייט, וואס האט זיך געטראגן פון דער שכנה, האט דורכגענומען דעם דאקטאר און אז זיי זענען אזוי געזעסן א ווייל, איז שווער געווען צו זאגן, ווער ווערמען ווארעמט.

דער רעגן האט געקלאפט איבערן לעדערנעם דאך פונם אויטא-מאביל מיט קינדערשע פיסלעך. ביידע האבן פארגעסן, אז זיי געפינען זיך אין מיטן פעלד, אז דער רעגן ווערט אלץ שטארקער. אין די פארמאכטע אויגן זענען געשטאנען פלאמען, געטריבן ס׳בלוט מיט א פיינלעכער פרייד און די לייבער האבן געברענט.

קאלטע טראפנס האבן א שפריץ געטון. ביידע האבן אויפגעציטערט און זיך הארציק צעלאכט:

ס׳רעגנט אריין!

דער דאקטאר האט אויסגעשטרעקט א האנט, שטייפער פארצויגן די פלאכטע און זיך נישט גערירט פון ארט. פון די פעלדער איז אנגעלאפן א ווינט, געשמיסן דעם רעגן אן די ווענטלעך פונם אויטא-מאביל. די שכנה האט זיך נישט געפילט זינדיק, ווי דער רעגן וואלט אלץ אפגעשווענקט און דער דרויסן א פארוויינטער האט זיי איינגעוויגט.

1926

# דער משומד

ביים אַריינקומען אין שטוב, וווּ ס׳האָט געטוכלט מיט ביבער־פעל און רויע פיש, האָט זאַלעסקי מיט דער נאָז דערשמעקט, אַז פרעמדע מענטשן זענען ביי אים געווען. קיין זאַך איז ניט געלעגן אויפן פּלאַץ. אין די שופלאדן פון דער קאָמאָדע, אין די שענק, אין די קופערטס — אומעטום האָבן פרעמדע הענט גענישטערט.

ביים טיש איז געזעסן זיין זון, ראָך, אין אַ לעדערן רעקל, וואָס האָט געבלישטשעט מיטן גליווער פון פישיוך. ער האט געלאטעט אַ נעץ.

— ווער איז דאָ געווען, ראָך? — האט דער פאָטער געפרעגט.

— ס׳גאַנצע דאָרף, טאַטע!

— וואָס ווידער?

— ווייסט דאך!

— כ׳ווייס גאָרנישט!

— שפּילסט זיך, טאטע, מיט פייער.

— שפּיל איך זיך!

— דער גלח איז אויך געווען — האט דער זון ארויסגעלאָזט די נעץ פון דער האנט און פון דער זייט געקוקט אויפן פאָטער.

— וואס זוכן, די כאַמעס, ביי מיר. דעם נישט-גוטן? — האָט זאלעסקי, א הויכער, עלטערער פישער, מיט אן אויסגעבויגענער פּלייצע, פארמאַכט איין שופלאד נאכן צווייטן — און ווייז מיר נאך איינעם אין דארף, וואס לאָזט זיך קאסטן אזוי פיל געלט אויפן „קאָשטשאָל“ ווי איך?

— זיי גלויבן אונז נישט, טאַטע.

— דיר אויך נישט?

— איך וואלט שוין מיט זיי דורכגעקומען.

— ווער-זשע, זון, שטייט דיר אין וועג? איך? דער זון האט נישט געענטפערט.

— וואס שווייגסטו? אַז דו אַליין, ראך, ביסט נישט בעסער! גו, איך בין אַ משומד, דערצו נאָך אַ רייכער משומד! אבער דו, ראך, ביסט דאָך שוין אַ געבוירענער קריסט, דיין זיידע איז דער רייכסטער פויער אין דאָרף. וואס ווילן זיי פון דיר?

— ווילן וויסן צי דו היטסט אפ דעם יידישן פסח, — האט ראך חוצפהדיק אַ זאָג געטון און די פינגער זיינע האבן זיך גע־פלאנטערט אין דער נעץ.

— דו ווייסט דאך!

— אוודאי ווייס איך!

— פארוואס זאגסטו זיי נישט?

— כ׳וויל, טאטע, זאָלסט בלייבן דעם פסח אין הויז.

— כ׳וועל נישט בלייבן, ראך!

— זיי וועלן אונז אונטערצינדן.

— דער הייליקער ציריל, דער ממונה איבער פייער, וועט אפּ־ראטעווען ס׳הויז.

— לאך, טאטע, לאך, נאָר איך זאָג דיר, זאלסט דעם פסח בלייבן אין הויז. מען היט יעדן טריט דיינעם.

— אויב מען היט יאָ, וועל איך דווקא נישט בלייבן!

— ס׳פאלק טענעט, אַז איבער דעם פאלן די בהמות.

— און אז איך בין פינף מאָל אַ טאג געגאנגען אין „קאשטשאָל“ ארײן — האט דער פישער זיך אויסגעגליכט — האט מען אויף מיר נישט גערעדט? וואס כ׳זאל נישט טאן, ראך, וועט שוין נישט טויגן!

— זיי זאגן, טאטע, אז דו ביסט נישט קיין קאטאָליק און נישט קיין ייד.

— און וואס זאָגסטו?

— איך זאג גארנישט — האָט דער זון זיך אַ שטעל געטון — כ׳וויל נאָר זאלסט מיר צוליב טון און דאס מאל בלייבן פסח אין דארף.

— און אז נישט?

שטומע, פארעקשנטע, זענען מאטע־זון געשטאַנען אַ ווײַלע אײנער קעגן אנדערן, זבֿכציק יאר האט מיט ביטול געקוקט אויף צוואנציק יאָר. דאָ אינם שטיבל, ביים טייך, האָט זיך אָנגעהויבן אַ לעבן און עס ענדיקט זיך מיט אים. איין רינגעלע. און אַז ער בלייבט אליין מיט זיך — שווימט ארויס זיין טאַטע, זיין זיידע, איבער הונדערט יאָר לעבן, וואָס איז שוין לאַנג אַוועק מיטן רויך, און לאָזט אים נישט רוען ביז דעם היינטיקן טאָג.

דער פישער איז ארויס אויפן הויף, אנגעצויגן אַ נאַסע נעץ אויף פלעקער, אפגעבונדן די בלייערנע זינקערס און מיט א ליולקע אין מויל געקוקט אויפן טייך.

זיין שכן, אַ רייכער פויער, צו וועמעס טאָכטער ראָך שדכנט זיך, האָט פארבייגעפירט אַ יונג פערד. דער פויער האָט געקוקט אויפן געבויגענעם פישער, ווי אויף א נידעריקערן פון זיך און געוואַרט ער זאל אים פריער באגריסן. ס׳פערד האָט זיך צעהירזשעט. דער פישער האָט זיך אום־געקוקט:

— וואָס זעט מען דיך נישט, שכן?

— איך האָב געמיינט, דו ביסט נישט אין דאָרף — האָט דער פויער זיך אפגעשטעלט מיטן פערד.

— ווו דען זאָל איך זיין?

— ס׳פאָלק טענעט, אַז דו ווילסט ווערן אויס קאַטאליק. איז עס אמת?

— נישט אמת!

— זיי זאָגן, אַז מען זעט דיך זעלטן אין „קאָשטשאָל", און אויף פסח פאָרסטו צווישן יידן?

— וואָס זיי זאָגן אַלץ?...

— היט זיך, שכן!

— פארוואס זאָל איך זיך היטן?

— כ׳ווייס נישט, נאר ס׳פאָלק בונטעוועט זיך קעגן דיר. שטייען אויף אלע וועגן, זאלסט פון דארף נישט אַרויס. מיר זענען שוין יאָרן שכנים, זאָג איך עס דיר.

דער פויער איז נישט געוואָרן צווישן שטאָלן און פלויטן, און

דעם פישערס אויג איז געפאַלן אויפן טונקלען, פלאַכן וואַסער, ווי שורות שיפלעך האָבן ארויסגעשטעקט, ווי קברים.

זיין לעבן דאָ אין דאָרף האָט זיך געוויכערט פאַר אים, זיך דערבערנט, זיך דערווייטערט פון דעם איינגעהויקערטן שטיבל, וואָס ער האָט מיט יאָרן צוריק אויסגעבויט.

ביז האַלבער נאַכט האָט ער זיך געדרייט אַרום טייך, גערעדט מיט זיין געשטאָרבענעם טאַטן, מיט זיין זיידן. זיי דערציילט, אַז פאַר די לעצטע פאַר יאָר כאַפּט ער זיך אַרויס אויף יעדן פּסח פון דאָרף, גייט צו־פוס אַזש קיין ווארשע און דאָרט ריכט ער אָפּ דעם סדר צווישן יידן.

פונם איינגעהויקערטן שטיבל האָבן זיך געהערט קולות. דער פישער האָט זיך נישט פארלוירן, גענומען גיין מיטן ברעג. ער האָט געוווּסט, אַז דאָס זוכט מען אים, און באַשלאָסן פאַר קיין פאַל זיך נישט אונטערצוגעבן.

מיטן רעכטן פוס האָט ער פון ברעג אַראָפּגעגליטשט אַ שיפל אין וואַסער אַריין, זיך אַ וויג געטון מיטן שווערן גוף, געבליבן שטיין אַ הויכער, עטוואָס אַ געבויגענער. ער האָט אָנגעשפּאַרט דעם גלאַטיקן דראַנג אָן די שטיינער פון דעק, זיך אַ שפּאַר געטון, און דאָס שיפל האָט זיך גענומען צערייסנביידן אין דעם שטילן וואַסער, געגאַנגען קעגן שטראָם.

אויפן ברעג זענען געשטאַנען פויערים מיט אויפגעהויבענע הענט, געשריען:

— אָט איז ער!

— אָט איז ער!

אַנדערע האָבן אָפּגעבונדן שיפלעך זיך אַריינגעזעצט, זיך גע־נומען יאָגן נאָכן פישער.

דער פישער האָט זיך אויסגעגלייכט. ער איז געשטאַנען אין מיטן שיפל, געמאָסטן ס וואַסער, געאַרבעט מיטן דראַנג, ווי מיט וויאָסלעס. מיט פרייד האָט ער זיך דערווייטערט פון דאָרף, נישט געזען מער די שיפלעך, וואָס יאָגן זיך נאָך אים.

פונם באַגינען, וואָס האָט זיך געשניטן אַ פלאַמיקער פון וואַסער אַרויס, איז ארויסגעשוומען אַ שיפל. אַ הויכער יונגערמאַן מיט ווייכע,

טיפע אויגן, וואָס ס׳וויל זיך קוקן אין זיי, איז געשטאַנען אין מיטן שיפל אָן וויאָסלעס.

דער פרעמדער האָט נישט באמערקט, ווי זיין שיפל וויגט זיך, הויבט זיך, טראגט זיך מיטן שטראָם, ווען ס׳וואַסער געשווילט, קאָן זיך אָנשלאָגן אָן די שטיינער, וואָס רייסן זיך פון וואסער, ווי בערג.

און אַז דאָס שיפל האָט זיך אייסגעגלייכט מיטן פישערס, האָט דער פרעמדער אויף אים ארויפגעלייגט אַ האַנט:

— גוט, וואָס דו האָסט בטחון אין גאָט.

דער פישער האָט זיך אומגעקוקט און קיינעם נישט געזען אַרום זיך. אַ ליכטיקער שימער האָט זיך דורכגעטראָגן איבערן וואַסער, עס איז געוואָרן מיט אַמאָל שטיל — די שטילקייט וואָס דאַרף עפּעס געבוירן.

עס האָט אָנגעהויבן טאָגן.

1920

# פעטש

נאָכמיטאָג זענען די ווייבער געגאַנגען פארברענגען, איבערגעלאָזט די מענער מיט די קינדער. די מענער האָבן זיך געמאכט הארץ, געבליבן, געלאָזט די קינדער איבערדרייען ס׳הויז, זיך קריכן אויף די קעפּ, באַדויערט די ווייבער, וואָס זיי דארפן יעדן טאָג אויסשטיין פון דעם קליינוואַרג און זיך געטרייסט, אז זיי וועלן האבן דעם אַוונט פאר זיך.

איינער פון די טאטעס האָט זיך א גאנצן נאכמיטאָג געפּוצט:

— וווּ גייט איר, יאבלאָן?

— צוּ די לעווינס.

— א ווילע, די מאדאם לעווין.

מיט די שטערן זענען די טאטעס געוואָרן אומרויקער, זיך געדרייט אין די צימערן, ווי אין שטייגן, יעדע ווײלע זיך באגעגנט אין קיך, וואָס האָט באלאנגט צו ביידן, זיך איבערגעוואָרפן:

— זיך צעהוליעט, הא?

ס׳קליינוואַרג האט געוויינט. די טאטעס האָבן געטאָפּט די קינדער, זיי געפּאקט שלאָפן אויסגעשמירטע, פארהעשעטע, געשטאַנען צערייצטע איבער די געלעגערלעך, געשריען:

— שלאָפן!

— שוין שלאָפן!

— שאַ!

אויסגעמאטערטע זענען די קינדער אוועקגעפאלן. אין הויז איז שטיל געוואָרן. די מענער האָבן כּמעט אויסגעמיטן צו רעדן, געשפּרייזט איבער די צימערן געהאַלטן אין איין אַרויסשלעפּן די זייגערס, זיך איינגעהערט צו יעדן טראָט אויף די טרעפּ. דער פּאַרדרוס איז גע־

וואקסן, זיך צעוואקסן, געשפּאַרט די נכפה אין האַלז אַריין. די נאָז־לעכער האָבן געריכערט, ענגער געמאכט די צימערלעך.

— אין אָנשיקעניש, הא?

— טאקע, אן אָנשיקעניש!

— הערט, יאבלאָן, איר קאָנט גיין, איך בין דאָך דאָ.

— רחלע קאָן זיך אויפכאפּן און אייך דאָ מאכן א התונה.

— ס'איז טאקע שוין שפּעט?

— זיי האָבן שוין געדארפט זיין.

— קאָנען דאָך יעדע מינוט אָנקומען. האָט יאבלאָן זיך אָנגערופן,

— אז נישט דאָס, — בלייבט מען אן אַוונט אין שטוב! וואָס ס'באליידיקט, איז זייער אויסגעהונגערטקייט צו פארברענגען. נעכטן איז מען געווען אין די „מואוויס", היינט ווידער, ווי אי, דאָס אַ מענטש אזוי אויסגעהונגערט, פארגעסט דעם מאן, קינדער און אַלץ צוליב דעם טריפהנעם האלז...

— אז מיר אליין צעלאזן זיי!

— גערעכט, שער! אין יוראפּ וואלט זיך דאָס אַ מאמע נישט ערלויבט.

דער שמועס האָט זיך נישט געקלעפּט. דער כעס ביי יאבלאָנען האט אנגעהויבן איבערצוברענען, נישט געגליבט, ס'ווייב זאָל איבער־לאזן א קליין קינד און אוועקגיין אויף א גאנצן טאג.

— שער, איר האט זיך צוגעלייגט?

— וואס איז?

— האָט אמאָל מיט זיי עפּעס נישט באסירט?

— וואס פאלט אייך איין!

יאבלאָן איז נישט איינגעזעסן. ער האָט זיך געדרייט איבערן צימער, געקוקט אין פענסטער, זיך געערגערט, געווען דער אומגליקלעכסטער און אפּגעמאכט זיך פאנאנדערצוגיין מיטן ווייב. ער האט זיך איינ־געקוקט אין די קינדער. זיי זענען אים איצט געווען פרעמד, און אַלץ ארום האט געשטיקט, געשרפעט.

דאָס ערגערניש האט דורכגעדרונגען די ביינער, געווארן נאענט, אן אייגענע זאך. יאבלאן האט יעדן איינעם פארגינען א געטריי ווייב. געפּלאנט ארויסצופירן אויפן מארק די „אומטרייקייט", זי אוועקשטעלן

אויף אַ קאַטערינקע, זיך פאַנאַנדערשפּילן, וועלן זיך דאָס אַ שאָט טאָן צדיקים מיט עניוותדיקע אויגן... איבערלאָזן די כּשרע ווייבער מיט די קינדער... די צדיקים וועלן זיך קאַרטשן פון עונג און קריגן וועלן זיי אַ פייג!

— דאָס זענען זיי.

יאַבלאָן האָט זיך אַ הויב געטון, זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט, געעפנט אַ בוך. ס׳איז געווען צוועלף אַ זייגער.

די ווייבער האָבן זיך געשטיקט פון געלעכטער, זיך געזעגנט מיט באַקאַנטע, זיך געגנבעט איבער די טרעפּ. יאַבלאָן האָט זיך געמאַכט געפּגרט, געזעסן איבערן בוך. ס׳ווייב איז אַ נישט דרייסטע אונטערגעקומען:

— שלאָפסט נאָך נישט?

אין חלל האָט די נכפּה געגרייכערט.

וואָס ביסטו ברוגז?

— וואָט געמאַכט דעם טריפענעם האַלז?

— וואָס?

— דעם אויסגעהונגערטן האַלז... דעם, ד ם... אָט דאָס העלזל!

פונקען זענען געפלויגן פאַר די אויגן.

— אויסוואָרף!

— חוצפּה!

יאַבלאָן, אַ ברייטער, אַ הויכער, איז געשטאַנען אין איין עק־צימער. ס׳ווייב, אַ נידעריקע, דער געשווירענער קאָפּ האָר צעפּאַטלט, ווי ביי אַ יעזש, — אין צווייטן עק־צימער. ער האָט זיך מיט אַמאָל איינגעבויגן, אַריינגעכאַפּט דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען, פאַרשטעלט ס׳פּנים מיט אַ שטיק האַנט. און איבער אים האָט גערעגנט מיט בערשטלעך, שפּיגעלעך, טעלער. ער האָט זיך אַ ריס געטון צום ווייב און אַ שפּיציקער קוויטש איז געבליבן שטיין אין די צימערן.

שער האָט זיך געריסן:

— כ׳וועל נישט דערלאָזן!

— ער וועט שלאָגן אַ פרוי?

— אַ פרוי וועט ער שלאָגן?

— דו מיש זיך נישט — האָט מרס. שער זיך אַריינגעשטעלט אין דער טיר, נישט דורכגעלאָזט דעם מאַן.

— ווער מישט זיך. ווער — האט שער זיך געריסן — אָבער צוקוקן ווי מען שלאגט אַ פרוי?... ניין, כ׳וועל נישט לאזן!

— קריך נישט אין א קראנק בעט!

— ער וועט דאָך זי דערהרגענען?

— זיי וועלן זייער שטעל באשטיין אן דיר.

— ביסט דאָך אַ מרשעת!

— בין איך!

— לאז דורך!

— כ׳וויל נישט!

— וואָס? זיך לאָזן פירן ביי דער נאז?

— וואס דו הערסט!

— נישט מיך!

שער האט ס׳ווייב אַ שלעפ געטון, געוואלט פאנאנדערנעמען די יאבלאנס. ס׳ווייב האט אים אפגעשטופט. ער האט זיך אַ גליטש געטון, געפאלן אויף דער וואנט. שער האט פאַרגעסן, אַז מען טאָר נישט שלאָגן א פרוי און זיך געווארפן מיט די פויסטן איפן ווייב.

1924

# אַגר

צו זעכצן יאר איז דזשאָן, אַן „איזראעלייט״, וואס היט אפּ שבת, אָנגעקומען צו שאַפּיראָן פאר אַ שאָפער. ער האָט געפירט פּאַסאַזשירן אויף די צעווארפענע פארמס, קיין ניו יאָרק.

דזשאַן איז געווען אַ רירעוודיקער, זעלטן אָפּגעפארן פון באַן־הויף מיט אַ ליידיקן אויטאָמאָביל. די נעגערשע מיאוסקייט, וואס ליגט אין די צעוירענע ליפּן, איינגעפּלאַטשטער נאָז און בורשטינענע אויגן — האָט אים גאָר געמאַכט שענער.

דורכגייער האָבן געקוקט אויף אים, ווי אויף אַ חידוש; און אַז דזשאַנס אויגן האָבן זיך צעשמייכלט, האָט זיך דער פרעמדער נישט געקאָנט איינהאַלטן און איז אַוועק אַ אויפגעלייגטער.

דזשאַן האָט ליב געהאַט בעסין — זיין בעל־הבית׳ס טאָכטער. די יונגע, ווייסע פלייצעס, דער יונגער ווייכער האַלז, דאָס, וואָס בעסי באַלאַנגט צו דער „אָלד רעלידזשן״ — (אַלט גלויבן), אַלץ האָט אין זיינע אויגן אויסגעזען אויסטערליש, און דאָס רויטע בלוט, וואָס האָט געשלאגן אין בעסיס באקן, האָט אים נישט געלאָזט רוען.

ער האָט אָבער נישט געוואַגט צו ברענגען דאָס איבער די ליפּן, געוווסט אַז שאַפּירא איז אַ בייזער ייד. לאָזט די טאָכטער נישט אויסרעדן אַ וואָרט מיט די קריסטלעכע יונגען פון דעם שטעטל, וועט ער מיט אים, אַ נעגער, אוודאי נישט לאָזן.

אַזוי איז פאַרביי אַ יאָר נאָך אַ יאָר.

דזשאַן האָט געאַרבעט, געווען גליקלעך, וואס אין הויז געפינט זיך בעסי, וואָס זי טוט צו אים אַמאָל אַ שמייכל, כאַפּט מיט אים אַ שמועס, און אין מוח ערגעץ האָט זיך געעפנט אַ קעמערל, פאַרזיכערט אַז ס׳לעבן איז נאָך נישט פאַרשפּילט.

האָט זיך געמאַכט, מען האָט שאַפּיראָן געבראַכט אַ האַלב-טויטן אַהיים. פון דעם אויטאָמאָביל זענען געבליבן אויפן וועג שטיקלעך.

דזשאַן האָט איצט געאַרבעט פאַר צוויי. אויסגעהאַלטן דאָס הויז, געזען, אַז קיין זאַך זאָל נישט פעלן. ער איז אַרויס מיט דער „מאַשין" פאַרטאָג, צוריקגעקומען שפּעט אין דער נאַכט, דערציילט דעם בעל-הבית, וואָס איז געלעגן מיט אַ צעבראָכענעם פוס, וועגן יעדן פאַרדינסטל, און אין שטוב האָט מען געלויבט גאָט, וואָס ער האָט זיי צוגעשיקט דעם נעגער.

— אַז ס'איז גאָר קיין נעגער נישט — האָט דאָס ווייב זיך אַ רוק געטון צום מאַן.

— אוודאי נישט — איז שאַפּיראָ געוואָרן אויפגעלייגטער. — ער איז דאָך גאָר פון די „איזראעליטעס", אַ האַלבער ייד.

— היט אָפּ שבת, עסט נישט קיין חזיר, איז אויף מיין וואָרט פרומער פאַר די יידישע גוים! — האָט דאָס ווייב זיך גאָר נישט געקאָנט פון אים אָפּלויבן.

בעסי איז איצט צוגעלאָזענער געוואָרן, געוואַרט ביים באַן-הויף אויף פּאַסאַזשירן, און זייער אָפט מיטגעפאָרן מיט דזשאַנען. זיין שיין פּנים, וואָס איז קיינמאָל נישט רויט געוואָרן, בלויז שטאַרקער געפינקלט אין בעסיס געגנוואַרט, ווי אונטער דער הויט וואָלט גערונען שוואַרץ בלוט, דאָסדאָזיקע פּנים האָט אויסגעוואַרעמט אין איר אַן אומרויקייט. זי האָט געוואַרט, דזשאַן זאָל איר עפּעס פאַרטרויען. און ווען ער האָט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם איר געזאָגט, אַז ער האָט זי ליב, האָט זי זיך מיט אַן אמת איבערגעשראָקן, אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דאָס קאָן קיינמאָל נישט זיין.

ער איז געווען געדולדיק. זיך געבעטן זי זאָל אים נישט טרייבן פון זיך. ער וויל גאָרנישט, טאָר נישט וועלן — ער איז דאָך אַ שוואַרצער — וועט זיך טראָגן מיט זיין ליבע אין דער שטיל, אַבי זי זאָל אים לאָזן בלייבן אין הויז.

און מיט עקשנות, האַרט ווי זיין שאַרבן, איז ער איר נאָכגעגאַנגען, געווען צופרידן מיט יעדן בליק, מיט יעדן שמייכל. אַזוי האָט ער ביסלעכוויז פאַרוואָרפן, געפלאָכטן אַרום בעסין אַ נעץ און אַז עס איז פאַרביי דער ווינטער, דער פאָטער איז אַלץ געלעגן

אין בעט, איז זי מיטן פרילינג שוין אַזוי צוגעבונדן געוואָרן צו דזשאַנען אַז זיי האָבן צוזאַמען גענומען פּלאַנעווען וואָס ווייטער וועט זיין.

— איך וועל רעדן מיטן „אַלטן" — האָט דזשאַן אָנגעהויבן.

— וועסט אַלץ קאַליע מאַכן, דזשאַן.

— ווייל כ'בין אַ קריסט?

— ווייל ביסט אַ קריסט און ביסט...

— איך בין אַן „איזראַעלייט", און כ'פאַרזיכער דיר, בעסי, אַז כ'וועל ווערן אַ ייד! כ'בין צוגעבונדן צו אייער הויז — איז דזשאַן צוגעשטאַנען צו דעם מיידל — דער טאַטע איז קראַנק, טאָרן מיר נישט אַוועקגיין. און אַז די „אָלד רעלידזשן" איז גוט געווען פאַר „פאַהער אייבּרעהעם" (פאָטער אברהם) איז זי גוט פאַר מיר אויך.

כ'האָט גענומען וואָכן ביז דער קראַנקער האָט שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז זיין בעסי וועט חתונה האָבן מיט דזשאַנען און אַז דער שוחט פון שטעטל איז יעדן אויפדערנאַכט געקומען צו שאַפיראָן, זיך אַנידערגעזעצט מיט דזשאַנען איבער אַ סידור מיט אַן ענגלישער איבערזעצונג און אים געלערנט דאַוונען — האָט דאָס האַרץ ביים קראַנקן געוויינט, נישט געקאָנט מער טראַכטן, אַז דזשאַן איז אַ האַלבער ייד, און געהאַט דאָס געפיל, אַז ער פאַרקויפט די טאָכטער צום טייוול.

דזשאַן איז פרומער געוואָרן פון טאָג צו טאָג. ער איז מער נישט געפאָרן שבת מיטן אויטאָמאָביל, צוגענומען אויף דעם טאָג אַן אַנדער נעגער און געזען, אַז אפילו בעסי זאָל זיך נישט זעצן עסן אָן אַ ברכה.

איבער דריי חדשים האט דער שוחט אים מדריך געווען. דער־נאָך האָט ער אים אוועקגעפירט אין אַ שכניש שטעטל צו אַ רב, ווו מען האָט אים געיידישט און אַז דזשאַן איז צוריקגעקומען האָט ער געהייסן אברהם.

נאָך דער חתונה האָט זיך זיין משפּחה פון אים אינגאַנצן דער־ווייטערט. טאַטע, מאַמע, קיינער האָט פון אים נישט געוואָלט וויסן. ער איז געווען צופרידן, איבערגעריסן מיט זיין פריערדיקן לעבן. יעדן שבת איז ער געגאַנגען אין שול אַריין, נעקוקט מיט גרויס דרך-ארץ אויף די צוויי גבירים פון שטעטל, וואָס זענען געשטאַנען

אין מזרח, דזשייקאב פון דעפּאַרטמענט סטאָר און אייזיק דער הויזן מאַנופאַקטשורער. ער האָט געקוקט אויף זייערע לאַנגע טליתים, אויף דער ברייטקייט מיט וועלכער זיי שפּאַצירן איבער דער שול, און אַליין נישט ווייסנדיק פאַרוואָס, האָט ער זיי צונויפגעמישט מיט דעם „פּאַדהער דזשייקאָב" און דעם „פּאַדהער אייזיק", וואָס ער פלעגט יינגל־ווייז זינגען אין קירך.

דער עולם אין שול האָט זיך געוויצלט אויפן גר׳ס חשבון און איינמאָל אַ שבת ראש־חודש האָט אים אַ לץ אונטערגעטראָגן אַ הגדה. געהייסן זאָגן „שפוך חמתך". די אַרומיקע האָבן זיך געשטיקט פון געלעכטער.

— וואָס לאַכט איר? — האָט ער תמעוואַטע זיך געפרעגט ביי זיינעם אַ שכן.

דער שכן האָט זיך נאָך העכער צעלאַכט. באַלד זענען אויסגעוואַקסן יינגלעך, געשטאַנען מיט צעעפנטע מיילער און די אייגעלעך האָבן גע־בלישטשעט, געוואַרט אויף אַ ניי שפּיצל.

דזשאָן האָט זיך פאַרלוירן, זיך דערפילט פרעמד צווישן די מענטשן, וועמען ער האָט איבערגעגעבן דאָס לייב און די נשמה. און ווען נישט דער שוחט וואָס איז אונטערגעקומען, אים איבערויקט, וואָלט ער זיך געוואָרפן אויפן שכן, וואָס האָט אים אונטערגעטראָגן די הגדה.

פון שבת צו שבת איז אים ענגער געוואָרן אין שול. ער האָט זיך געגעסן, וואָס מען קוקט אויף אים קרום, וואָס מען רופט אים זעלטן אויף צו דער תורה. עס האָט זיך געמאַכט, אַז אַ ייד האָט געהאַט יאָרצייט. אין שול איז פּונקט געווען אַ מנין און מען האָט זיך נישט געשטעלט דאַווענען.

— וואָס וואַרטן מיר?

— סאַקע וואָס וואַרטן מיר?

— ס׳איז דאָך דאָ אַ מנין!

— ווו האָסטו אַ מנין?

— אונזער ר׳ אַברהמל, דער גר, איז דער צענטער!

— אים רעכן איך נישט — האָט דער אַבל זיך אָנגערופן.

— וואָס האָסטו צו אים; מחלל שבת איז ער נישט, יעדן טאָג דאַוונט ער — און דער ייד האָט זיך אַ דריי געטון צום גר — וואָס

זאגסטו אויף שלמהן? ער וויל דיך נישט מצרף זיין צו א מנין!

— פארוואס?

— ער וויל אַן אמתן ייד.

די אפיען ביים גר האָבן זיך באהאלטן אונטער די געלבליכע וויסלען. ער האָט זיך א צי, געטון און אויסגעהאקט דעם אבי וואס איז געשטאַנען ביים עמוד, אַ פּאַטש.

דאס געשלעג האט זיך אָנגעהויבן.

1925

# אַ פערשטערטער שבת

פרייטאג פארנאכט, ווען ר׳ שלמה האָט געהייסן דעם יינגסטן זון פארשליסן ס׳געשעפט, האָבן ווי אויף צו להכעיס, זיך גענומען באווייזן קונים. ר׳ שלמה האָט זיך געזרגערט, נישט איינגעשטאַנען אונטערן צאָלבאַנק און אריינגעטענעט אין ווייב, אין די קינדער:

— מאכט אמאָל א סוף! ס׳איז דאך שבת!

ס׳ווייב א געשיקטע, אן אפגעברענטע, אויגן שווארצע, לאכיקע, האָט פאנאנדערגעווארפן איין שאכטל העמדער נאָכן צווייטן, אויס־געבונדן אויף די פוכלע פינגער קאָלירטע שניפסן, געזען די זון זאָלן אָנווארפן וואס מער סחורה און די גרויסע אויגן האָבן געשרפעט, צעטומלט דעם קונה.

ר׳ שלמה האָט געשמט איבער גאנץ העסטער סטריט. אַ ייד אַ גביר, א היימישער למדן, ווייסט. ווי מדריך צו זיין די קינדער — דער יינגסטער, שמואליק, א געבוירענער אן אמעריקאנער און א בעל־קורא אין גרויסן שטיבל. דערצו לאָזט ר׳ שלמה איבער יעדן טאָג ס׳געשעפט אויף הפקר און לערנט מיט א חברה יידן משניות. דארף אַ ייד א גמילת־חסד, צי א טובה — מען קומט צו ר׳ שלמהן. און ר׳ שלמה האלט אָן שטאט — ווייס, אז די גאַנצע גאַס פארקוקט זיך אויף אים.

אין אמתן האָט ר׳שלמה פון געשעפט גאָרנישט געוווסט. זיין באַלייבטער גוף, מיט דער גרויסער, שיינער באָרד איז געווען אלעמען אין וועג. האט ער זיך אמאָל צוגערוקט צו א קונה, האָט ער קאליע געמאכט, זיך געבייזערט אויף די טוביקע, און אז ער איז מיד געווארן צו פלאָנטערן זיך, האט ער זיך צוגעזעצט, אנגעשטעקט אלעמען מיט געניצן און איינגעדרימלט.

איצט האָט ער זיך געדרייט אַ נישטצופרידענער צווישן די קונים, מורא געהאַט, די קינדער זאָלן נישט טון אַ שטאָך אין שבת אַריין און געהאַלטן אין איין קוקן, צי די שכנים שליסן נישט די געוועלבער.

קונים זענען אַרויס, אַנדערע זענען אַריין. ר׳ שלמה האָט געזען, אַז ס׳נעמט קיין סוף נישט, האָט ער זיך אַ שאַר געטון צום ווייב:

— לאה, וועסט אמאָל מאַכן שבת?

— וואָס ס׳געאײַלט טאַטע?

— די גאַנצע גאַס האַנדלט נאָך!

— שוטה, ווייסט נישט, אַז זיי פאַרקוקן זיך אויף מיר?

— שוין, שוין, שלמה — האָט ס׳ווייב זיך געבעטן ביים מאַן — נאָך די צוויי קונים!

בשעת די זין האָבן געהאַלטן אין פאַרלייגן די אייזערנע שטאַבעס איבער די לאַדנס, זענען דריי הויכע מענער אויסגעוואַקסן ביים אַריינגאַנג, זיך קוים דורכגעשטופּט דורך דער טיר און געבליבן שטיין אין האַלב פינסטערן געוועלב.

ר׳ שלמה האָט זיך נישט איינגעקוקט, ווער ס׳איז אַריינגעקומען, און פון דערווייטנס אַ געשריי געטון די פרעמדע אין די פּנימער:

— ביי מיר איז שבת! כ׳פאַרקויף היינט נישט מער!

— משוגענער, וואָס שרייסטו? האָט ס׳ווייב אים איינגעשטילט — די פאַרשוינען זענען מיר פאַרדעכטיק.

די פרעמדע האָבן זיך העפלעך אַנטשולדיקט, וואָס זיי פאַרשטיין נישט קיין יידיש און זיך געפרעגט:

— וווינט דאָ סאַלאָמאָן טוכהענדלער?

— דאָ — האָט לאה אַ שווים אַפּער געטון פון הינטער די אָנגעוואַרפענע בערג מיט סחורה.

ר׳ שלמה, ס׳ווייב, די דריי זין — אַלע האָבן זיך אויסגעשטעלט אַרום די פרעמדע און אויסגעזען ווי קאַרליקעס אין פאַרגלייך מיט די הויכע, איבער זעקס פוסיקע מענער, וואָס האָבן מער געשראַקן מיט זייער העפלעכקייט, ווי מיט זייער גרייס.

— האַנדלט איר מיט דער „באָסטאָן שוירט קאָמפּאַני״?

— מיר האַנדלען.

— קענט איר א מיסטער ליווי?
— דעם סיילסמאן? (וואָויאזשאר)
— יא. — האָט ער אייך פארקויפט העמדער?
— ער פארקויפט אונז שטענדיק.
— זיידענע?
— זיידענע אויך.
— וויפל האָט איר אים געצאלט פאר א טוץ?
— כ'האָב א רעכענונג — — — ס'איז פארשריבן — — —
— ווייסט איר, אז ליווי איז ארעסטירט?
— ניין.
— ווייסט איר, אז די זיידענע העמדער, וואס ער האָט אייך פארקויפט זענען געגנבעטע?
— ניין.
— האָט איר א רעכענונג פון אים?
— ווי דען? אָן אַ רעכענונג?

אין ווינקל, וווּ ס'איז כמעט געווען פינסטער, איז געשטאַנען אַ צעעפנטער שרייב-טיש. לאה האָט צעשטעלט בעִנקלעך, זיך צעזעצט מיט די דעטעקטיווס, געעפנט איין שאַכטל מיט זיידענע העמדער נאָכן צווייטן.

אין געוועלב איז געווען שטיל. די זין זענען געשטאַנען מיט דרך-ארץ, ווי משרתים, וואס ווארטן אויף אַ באפעל פון בעל-הבית. ר' שלמה, א בלייכער, ווי מען וואָלט אים קיין איין טראָפּן בלוט נישט איבערגעלאזט אין די פלײשיקע באקן, האָט זיך געטרייסלט. ער האָט געקוקט אין ווינקל, ווּו די דריי גוים, אַזעלכע שווארצע, גרויסע, זענען געזעסן שטייף, ווי די ווירעס, האָט אים אַזאַ פחד ארומגענומען, אז ער האט זיך א כאפ געטון מיט איין האנט פאר׳ן בויך, די צווייטע א קליינע, אן איידעלע, ווי די האנט וואלט קיין שייכות נישט געהאט מיטן לייביקן גוף, האָט ער אָנגעשטעלט אויפן ווייב:

— כ'האָב דיר געזאָגט, לאה, כ'האב דיר געזאָגט! כ'האָב געטענעט, אז נישט, אז מען דארף נישט!

לאה האָט זיך געמאכט, אז זי הערט נישט, אזוי א שטער געטון, אז דאָס שווארצע זיידענע קלייד האָט זיך נאכלעסיק א רוק געטון איבערן לינקן אקסל

און א ממזריש שלייפל האט זיך געבערגלט. זי האָט זיך א טראג געטון איבערן געוועלב, געגאנגען ברענגען דעם „קעש-בוך" און פארביילויפנדיק געעפנט אויפן מאן א פּאָר אויגן פון א גזלן:

— „חורש" אמאָל! „חורש"!

— פארוואס זאָל איך „חורשן", פארוואס? כ׳האָב דיר געזאָגט, לאה, כ׳האָב דיר געזאָגט! — האָט ר׳ שלמה געשאקלט מיטן קליינעם, איידעלען הענטל, ווי מיט א לולב.

ער האָט געליטן, וואָס דער שבת איז א פארשטערטער, וואס נאָך היינט וועט מען רעדן אין שטיבל, אז ביי ר׳ שלמהן האט מען גע-זוכט גנבישע סחורה. פון שרעק געגומען שפרייזן איבערן געוועלב, זיך געבראכן די פינגער. מיט אמאָל האָט ער אָנגענומען דעם עלטסטן זון פאר א לאץ און גענומען צו אים רעדן אין א לשון, וואָס איז נישט יידיש, נישט ענגליש. דער זון האָט זיך געשטיקט פון געלעכטער.

— לאכסט פון טאטן, האַ? עוכר ישראל דו! ווייסט כאָטש, אז זי וועט אונז אַוועקקוילענען.... דיין מאַמע וועט אונז אוועקקוילענען... כ׳האָב זיך ביי איר געבעטן — לאה, נישטא...

ביים טישל זענען געזעסן די זעקס-פוסיקע גוים. בלאָנדע, גלאט-ראזירטע. פנימער אפענע און די בלויקייט אין די אויגן - אַ קינדישע. זיי האבן געקוקט דער שווארצער לאהן אין מויל אריין, געקוקט אין איר׳ע גרויסע, לאכעדיקע אויגן. לאה האט געמישט פּאפּירן, געבלעטערט ביכער, זיי אונטערגעטראגן דא איינעם, דא אַ צווייטן און איר קליינע, פוכלע האנט, א לעבעדיקע האַנט האָט נישט גערוט, געהאלטן אין טשאטעווען, דעררעט, וואס די ליפּן האבן נישט דערשנירלט.

— פאר געגנבעטע העמדער צאלט מען נישט אַזעלכע פרייזן... דאָס איז ראיעלע סחורה...

און איבער די האריקע, טעמפּע האנטפלאכן, וואס זענען געלעגן אויפן שרייב-טיש, האָט זיך געהויבן אַ פוכלע הענטל, זיך אומערווארטעט אראפּגעלאָזט מיט א פינגער דא אויף איין האַנט, דאָ אויף א צווייטער, אז ביי די צעוואקסענע גוים האָבן זיך אזש צעעפנט די מיילער. זיי האָבן געגלאצט מיט די אויגן אויפן שלייפל, וואס האָט זיך געבערגלט

צווישן די צעשפּילעטע קנעפּלעך און פֿאַר די אויגן האבן זיך גע־טאַשעוועט ציפערן.

ס׳איז געוואָרן טונקעלער. די שוואַרצע לאהן האָט מען שוין מער נישט ארויסגעזען, איר קול האָט זיך בלויז געוויגט איבער די בלאָנדע קעפּ, וואס האָבן נאָך שעמערירט אין כמעט פֿינסטערן ווינקל.

דער פאַרלאַנג צו מאַכן א רעוויזע איז ביי יעדן פון די דעטעקטיווס מטושטש געוואָרן, נישט צייט געהאַט פאַרוואַנדלט צו ווערן אין ווערטער.

די דעטעקטיווס האָבן זיך אויפגעשטעלט. ר׳ שלמה מיט די זין האָבן צוגענומען פון וועג די בענקלעך, געמאַכט א וואָרע. לאה האָט זיי באַגלייט צו דער טיר. זייערע פּראַקסענע האָר, ווייסע פּנימער האָבן בולטער געמאַכט איר גלאַטיקע שוואַרצקייט.

לאהס אויגן האָבן נישט גערוט און אירע רייד, אַ שטראָם מיט ווערטער, וואס האבן אויף א רגע נישט אויפגעהערט, האבן אויסגע־מאַטערט, אפגענומען ביי די זעקס־פוסיקע גויס ס׳לשון און זיי זענען פאַרהוילשטע אר[illegible]ט פון געוועלב.

1925

# פײערדיקע צלמים

בען איז אנגעפארן מיט א וואגן קארטשעס. ער האט אפגעשנאָלט די לעדערנע זילן*), זיי זאלן נישט רייבן די פעל פון די בייכער, געגעבן די פערד א טרונק און זיי געפירט אין שטאַל אריין.

דער הויף האָט געשמעקט מיט געווייקטע לעדער, מיט צוגע־לעגענע אויבס, מיט חלשות. דינע, שארפע ריחות האבן געטריפט פון קופעס מיסט, פון חזירים־שטעלכל, לעבלעך געמאַכט די זויערע לופט, און דער קילער פארנאכט האט זיך אנגעהויבן מיט א פאר איילן ווייטער,

די פערד זענען נישט איינגעשטאַנען אַרום די קאָרעטעס, צע־בלאָזן מיט די נאָזלעכער דעם האָבער, געשאַרט פון אונטער זיך פריש געשפרייט שטרוי. שטויב האָט זיך געהויבן. געקרעלט אין האַלז, אין נאָז. בען האָט זיך פונאַנדערגענאָסן, איינמאָל, נאָכאַמאָל און זיינע פעסט צונויפגעקלאַפטע פלייצעס האָבן זיך צעשאָקלט.

דער בעל־הבית, מיסטער סמיט, וואָס האט געלופטערט היי מיט אַ גאָפל, האָט זיך נישט ארויסגעזען פון צווישן די צעווארפענע סטאָגעס. בלויז דער בלישטש פון לאַנגע שטאָלענע ציין האָבן יעדע רגע אויפגעטוקט אין פינסטערן שטאַל, דערציילט, אַז הינטער די ארעמס היי שטייט סמיט אַן אנגעכמורעטער.

דער פערמער האָט זעלטן פארפירט מיט בענען א שמועס, אַפילו קיין וואָרט נישט געלאָזן פאַלן, ווען זיינע צוויי בעסטע קי האָבן זיך איבערגעפרעסן, געקריגן אויפגעלאָפענע בייכער און געפלאצט. סמיט איז געבליבן נאָכן אומגליק אַ מעת לעת אין פעלד, געשטילט זיין ווייטיק מיט אויסגראבן קאָרטשעס, מיט קלייבן שטיינער פון די בייטן.

---

*) זילן — ברוסט־רימען. ער גייט אין זילן — ער גייט אין יאָך.

גאַנץ פרי האָט דער פּערמער אפּגעציילט עטלעכע ווערטער אויסגערעכנט בענס טאָג אַרבעט, און אליין אוועק מיטן זון אין פעלד. דאַרע, אָפּגעבּרענטע ביינער מיט מוסקולן, האָבן טאַטע־זון זיך געבויגן איבער דער ערד פון באַגינען ביז זונפאַרגאַנג. זיך געצויגן, ווי די שטומע דראָטן, וואס האָבן אפּגעטיילט זייער פעלד פונם שכנס.

איצט, אז בען האָט דערווישט דעם בעל־הבית אין שטאַל, האט ער זיך געחדושט, וואס דער פּרומער סמיט אַרבעט דעם גאנצן שבת נאָכמיטאָג. בען האָט געוואַרט דער פּערמער זאָל אים א רוף טון, זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן, האָט ער אראפּגעוואָרפן פון זיך ס׳רעקל, אַראפּגענומען פון דער וואַנט א גאָפּל און זיך פלינק אַרויפגעכאַפּט אויפן סטאָג היי.

שטומע האָבן זיי געאַרבעט, נישט געזען איינער דעם צווייטן, בלויז די שפּיציקע ציין פון די גאָפּלס האָבן זיך אנגעטראָפן מיט א קלימפּער. דער פּערמער האָט געהויבן הויפנס היי, זיי געוואָרפן פלאַכטעווייז און מיט אזא שנעלקייט, אז בען איז געבליבן הינטער־שטעליק. ער האט זיך געכאַפּט, אז די לאַנגע פאַרשפּיצטע ציין פאַלן מיט רציחה, קאָנען דורכשטעכן. בען האָט זיך א רוק געטון אָן א זייט. עטוואס צעשפּרייט די פּיס, זיך איינגעפּעסטיקט מיט זיי אין דעם סטאַג. ער האט אויפגעכאַפּט די הויפנס היי אין מיטן הויבן זיך מיט אזא געשיקטקייט און אימפּעט, אז דעם פּערמערס גאָפּל האָט זעלטן אנגערירט דעם סטאָג. דאָס פּערמעסטן זיך האט נישט אויפגעהערט, געדויערט פינף מינוט, צען מינוט, פופצן. מען האט פאַרגעסן אָן דער אַרבעט. איינער האָט געזוכט אויסצומאַטערן דעם אַנדערן, די גאָפּלס האָבן זיך פאַרטשעפּעט. געבליבן שטעקן ביז איבער די הענטלעך, דער פּערמער איז אפּגעשטאַנען, א זאָג געטון אן אטעם:

— גענוג זיין אויף היינט, צייט צו עסן אוונטברויט!

א דורכגעווייקטער, אַ דערהיצטער, אז פאַרע האָט געשלאָגן פון גאַנצן לייב, איז בען אראָפּ פון סטאָג. ער האָט זיך באגעגנט מיטן פּערמערס גרויע אויגן, וואס האבן געקוקט אי פרום, אי פאַרברעכעריש און זיך גענומען איינוואשן ביי דער פּלומפּ.

פאַר די פינף יאר, וואס בען האט געשניטן דאס לאַנד אין

דער לענג, אין דער ברייט, זיך לאנג נישט געקאָגט האלטן אויף אַ פלאַץ, האָט ער אויסגעפונען, אז מיט א פערמער, א שווייגער איז מען קיינמאָל נישט זיכער.

בען איז געגאַנגען אין שטוב אַריין. סמיט איז געשטאַנען ביים וואגן מיט קארטשעס, געקוקט ערגעץ אין א פינטל און זיין פנים האָט אויסגעזען תמעוואטע. בען איז געווען זיכער, אז הינטער דעם פערמערס קורצן פארוואקסענעם שטערן, דרייט זיך אַ מטושטש פינטעלע, מאַטערט אים, דער שטילער גוי וועט מארגן, איבערמאָרגן אראָפנעמען די ביקס פון דער וואנט, דערשיסן ס׳ווייב, דעם זון, אים, בענען, און אַליין איבערגעבן זיך דעם שעריף אין די הענט אריין.

די בעל-הביתטע, וואס איז געווען דער היפוך פון מאַן, האט געענטפערט די טיר:

— גוטן אָוונט, מיסעס סמיט!

וואס דער מאַן האט נישט דערזאגט, האָט ס׳ווייב — א דארע, אזא ציכטיקע, אז ס׳איז אָפט קאלט געווען צו שטיין לעבן איר — אריבערגעכאפט, גערעדט פארן מאַן אויך:

— אַ קללה, גאטס קללה, בען! דאס אפגעפאַשעטע חזיר איז געפאַלן!

— ווען, היינט? — האט בען א זאג געטון און זיך מער נישט נעחדושט, וואס דער בעל-הבית גייט אַרום מיט אַ ריץ אין קאפ.

— נישט באשערט, בען, — האט מיסעס סמיט צוגעלייגט האָלץ אינם אייזערנעם אויוון אריין — דווקא היינט פרי געווען אַ קונה שוין געהאַט באטראַטן פערציק דאלאר... דער מאן מיינער האָט זיך אייגעשפארט, געטענעט, אז ניי-יאר וועלן מיר קריגן צוויי מאל אזוי פיל... מיטאג-צייט, איך גיי ארויס אין שטעלכל מיט א שאף עסן, דער חזיר ליגט מיט די קאפעטעס ארויף... ס׳איז איר ארבעט, בען, דער פארשאלטענערס! זי האט עס אפגעסמט!

— איר מיינט די אלטע קלארק?

— זי וועט מיר נאך אלע בהמות אפסמען — האט מיסעס סמיט געוויזן אויף איר זון, וואס האט זיך געפארעט ביים גראמאפאן — דארפסט מער, בען, דזשאָן האט אליין געזען, ווי די אלטע מכשפה האט צונויפגעקליבן אין די זומפן א פול זעקל מיט ושאבעס!

— נישט נאר זשאבעס, מאמע — האט דער זון אפּערגעקוקט פון הינטערן גראַמאַפאָן — וואס פאר א שרצים ס׳געפינען זיך נישט אין די בלאָטעס, האט זי געשטופּט אין זעקל אריין און דערביי געשאלטן מיט די ליפּן!

— וועט מיר עמעצער זאגן, אז אן ערלעכער קריסט וועט גיין אויף די בלאָטעס קלויבן יעדע שמוציקע פּאַסקודסטווע? — האט די איינגעלאָפענע ברוסט, דאר ווי א וואש־ברעטל, זיך געצויגן אינטער דער אפּגעצויגענער בלוזע — נאר א מכשפה און דערצו א „קעטאליק” פּאַטשקעט זיך מיט שרצים! אי־צט, בען, איז ביי מיר זיכער, אז נישט נאר דעם חזיר, אפילו די קי האט זי מיר אויך אפּגעסמט!

דער פּערמער האט נישט געקאָנט הערן, ווי ס׳ווייב רעדט. ער האט זיך לאנג געוואשן אונטער דעם קאלטן קראַן, געקניישט ס׳הויטיקע פּנים, געארבעט מעשים מיט דער טרוקענער נאָז, פאר קיין פאל נישט געקאָנט שלום מאכן מיטן אומגליק.

ביים מאלצייט איז בענען אויסגעקומען צו זיצן קעגנאיבער דעם פּערמער, וואס האט נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון דער שיסל, געהאַט פאריבל, וואס דאס ווייב רעדט מיטן ארבעטער. און אז סמיט האט זיך דערגרונטעוועט מיטן לעפל צום דעק פון שיסל, ווו אן אפּגעמאלט ביקל האט זיך געריסן פון צווישן די פאריקע קאַרטאָפל, האט ער מיט אמאל א הויב געטון אויף דעם ווייב די אויגן, אז דאס לשוין איז ביי איר אפּגענומען געווארן. די גרויסע קיך איז פול געווען מיט לעפל־טעלער קלימפּער, מיטן זופּן אויפן קול. קעפּ צעשויבערטע האבן זיך געבויגן זאיבער דער אכילה, פון דער זייט געקוקט אויפן בעל הבית. דער בעל־הבית א פרומער פּוריטאַנער, וואס איז נישט געגאנגען שלאפן אן א קאַפּיטל ביבל, האט געגלייבט, אז די שכנטע, די גאַט־פארשאלטענע קאטאליק, האט אוועקגעהרגעט זיין חזיר, און ער איז גרייט געווען זי צו דערשיסן.

דער זון, וואס איז פארטיק געווארן מיטן עסן פריער פאר אלעמען, האט אנגעדרייט דעם גראַמאַפאָן און א שטאַטיש גאסן לידל האט זיך געשפּארט מיט א גרילצעריי אונטער דער סטעליע.

— וואס פאר א שפּילן, דזשאָן? גיי בעסער און שפּאַן איין די פערד! — האט דער פאָטער א רוק געטון פון זיך די שיסל.

— ווּ קלײבט איר זיך פאָרן, מיסטער סמיט? - האָט בען, אויפן פּלאץ חרטה געהאַט וואָס ער פרעגט.

סמיט האָט נישט געענטפערט. ער האָט אראָפּגענומען פון דער וואנט אַ ביקס, זי אפּגעווישט און אַז ער האָט פארמאַכט נאָך זיך די טיר, האַט ס'ווייב זיך אָנגערופן:

— אַז ס'האָט ביי מיין טאַטן געטראָפן אַזאַ אומגליק, האָט זיך קיינער נישט געטאָרט ווייזן אויף די אויגן... ער האָט געשלאָגן די מאמע, די קינדער, טעג און נעכט געשכורט. מיינער איז אַן אנדער מענטש, אַ שטילער... פאַרקוועטשט די ליפּן און גריזשעט זיך, עסט ס'אייגענע פלייש... פריער די קי, איצט דער חזיר און אַזאַ חזיר איז דאָך אַ פאַרמעגן... ס'וועט נישט געשאָנקען זיין... דאס קלויבן מיר זיך אויף אַ מיטינג...

— ווו, אין דאָרף?

— נישט אין דאָרף, אין פעלד האָבן מיר דעם מיטינג. מיר ווען פּטור ווערן פון זיי, פון די קאַטאָליקן... מיין משפּחה וווינט שוין דאָ איבער הונדערט יאָר, מיין מאנס אויך, און קיין קאַטאָליקן האָבן מיר צווישן זיך נישט געהאַט, וועלן מיר ווייטער אויך נישט האָבן!

— און די קאַטאָליקן, מיסעס סמיט, וועלן שווייגן? — האָט בען געקוקט אויף דער בעל הביתטעס דאַרן האַלז, ווו אָדערן האָבן זיך געקניפּט, ווי שטריקלעך.

— ווען מיר כאַפּן זיך פריער, וואָלט אין דער געגנט קיין איין קאַטאָליק נישט געווען, נישט דערלאָזט, אז איינער זאָל עפּענען אַ שפּייז־געוועלב, דער צווייטער זאָל האַנדלען מיט פּוטער פאַר בהמות. ס'איז אָבער איצט נאָך אויך נישט שפּעט. אין פאַרגלייך מיט אונז, פּראָטעס־טאַנטן...

דער מאן איז אריינגעקומען, געקיי פול מויל מיט טאַבעק, געצויגן דאָס דראָטענע פּנים, די ברעמען אַרום זיינע אויגן האָבן זיך געקנייטשט, פינסטערער געוואָרן.

— פלאַפּלסט נאָך אַלץ?

דאָרט ווו דער פערמער איז געשטאַנען האָט ער אויסגעשפּיגן אַ פלאַסטער קיי-טאַבעק און פאַרענדיקט מיטן זעלבן אימפּעט:

— ווּעסטוּ אַמאָל פאַרטיק ווערן?

די רייד זענען פּיי דער בעל־הביתטע געבליבן שטיין אין האלז, ווי אַן איבערגעריסענער קריי בּיי אַ האָן אין גרגרת. אין איילעניש האָט זי אַריינגעשטעלט די כּלים אין קראַנ־פּאַס און גענומען רופן ס׳שטוב-מיידל:

— העלען, העלען, צעוואַש ס׳געפּעס!

---

בּען איז אַרויס אויף דער וועראַנדע, זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן טרעפּל, וואָס האָט געפירט אין הויף אַריין, די פערד, איינגעשפּאַנט אין אַ לייכטער בריטשקע האָבן געהייבן די פאַרשוימטע פּיסקעס, געוואָלט אויסשפּייען די שטאָלענע קעלזעס, זיי האָבן פאַרעקשנט גע־וואָרפן מיט די אומגעלומפּערטע קעפּ, געשפּרייט אַרום זיך שטיקער שוים. אַן אַלטער הונט באַוואַקסן ווי אַ שעפּס, איז אונטערגעקומען, זיך געריבן מיט דער וואָל אָן בּענס פיס און אַז בען האָט אַרויפ־געלייגט אויף אים אַ האַנט, האָט דער הונט זיך הכנעהדיק אויס־געצויגן.

אַן אומגעדולדיקער האָט דער פערמער געוואַרט אויפן ווייב מיטן זון און אַז ביידע זענען שוין געזעסן אין דער בריטשקע און ער האָט אַ פייף געטון אויף די פערד, האָט די בעל הביתטע זיך אָנגערופן:

וואַרט נישט אויף אונז, בען, מיר וועלן אַוודאי קומען שפּעט. אַ גוטע נאַכט!

די פערד האָבן אַ ריס געטון די בריטשקע, זיך געטראָגן איבערן אויסגעטראַטענעם וועג, באַלד זיך פאַרדרייט, און דאָס קלאַפּערײַ פון די קאָפּיטעס און רעדער האָט זיך גענומען דערווייטערן.

די שטילקייט האָט נישט אײַנגעשלעפערט דעם אומרו, וואָס דער פערמער האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך, און די ברייטע פעלדער האָבן אָנגעהויבן איינצולויפן, געוואָרן ענג. יאָרן האָבן זיך פונאַנ־דערגעוויקלט, אַ לעבן האָט זיך פאַרבייגעטראָגן, דער הלל — זומערס

און ווינטערס — איז פול געוואָרן מיט פערד, בהמות און פערמערס ס׳האָט בענען ווי געטון פאַר די צעטרענצלטע פאָר יאָר.

דאס שטוב־מיידל, אויפן קוק אַ נישט־דערבאַקענע, איז ארויסגע־קומען אויפן טרעפל. זי האָט געמאָלקן די קי, אַרומגעגאַנגען בײַ די עופות, זיך אַרומגעריסן מיט די שטוביקע. שטייענדיקערהייט האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קיטשקעס, ס׳קלייד אַרום זיך, ווי אַ קאַרוזעל, די פּויסטן ווילעריש ארום די באָקעס:

— ווייסטו כאָטש ווהין זיי זענען געפאָרן?

בען האָט פאַרצויגן דעם צווייטן סיגאַרעט, אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף ניין.

— זיי צינדן דאָך אויפן בערגל אַ צלם!

— וואָס? — האָט בען אָנגענומען א פול מויל מיט רויך. דער־זען ביים פלעמל פון סיגאַרעט, אַז העלענס אויגן, גרינלעכע, ווי בײַ אַ רויב פויגל, בלישטשען קאַלט, ווי זיי וואָלטן געווען אַריינגעזעצט.

— די קו־קלוקס־קלען צינדן היינט אָן אַ צלם — האָט זי געזאָגט און א שאַר געטון אַרום זיך דאָס צעבלאָזענע קלייד, וואָס האָט אָפּגעדעקט אַ פּאַר נאַקעטע קני־קנאָכן. — זיי צינדן צוויי, איינעם אין אונזער „קאָונטי“ און דעם צווייטן אין אלסטער... די צוויי „קאָונטיס“ זענען געווען אָנגעשטויסן אויף זיך פון די לעצטע וואַלן. גייען זיי זיך היינט איבערבעטן...

— איז דאָס מעגלעך. מיר זאָלן די „קלעניקעס“ דאָ האָבן צו גאַסט — האָט בען זיך אָנגערופן.

— מיר מעגן זיך ריכטן אויף זיי, אויף די ווייסע טייוואָלים!

— ווי איך זע, העלען, האָסטו די קלעניקעס נישט איבעריק ליב.

— זיי מיך אויך נישט!

— פאַרוואָס?

— ווייל מיין טאַטע איז געווען אַ „קאַטאָליק“!

— און דו ביסט נישט?

— איך? צייט כ׳בין געקומען צום שכל גיי איך נישט אין „טשוירטש“. כ׳גיי נישט אלעמען אויף צו פלאַצעניש! — האָט זי זיך

שפיציק צעלאכט און מיט אַ קנאַל אַראָפּגעלאָזט איר האַנט אויף בענס קני — און די גייסט?

— איך בין אַ ייד.

— די פּלעדערמייז האָבן קיין יידן אויף נישט ליב — איז העלען געווען צופרידן, וואָס זי איז נישט איין און איינציק — ס׳גלייכסטע וואָלט געווען, ווען מיר קאָנען זיך באַהאַלטן.

— נישט איך — האָט בען זיך אויפגעשטעלט.

— זיי טוען אויס נאַקעט, די „קלעניקעס" — האָט העלען אַ ציי געטון ס׳קלייד אַרום די לידקעס, עס צעטיילט מיט דער האַנט אין צווייען צו זייַ פאַרשייט, אַז די אויגן האָבן ביי בענען אַ פינקל געטון — שמירן אויס מיט סמאַלץ און אַז מען שטעלט זיך אַנטקעגן, הענגען זיי אויך!

— איז דען אונזער בעל הבית אַ „קלעניק"? — האָט בען סתם אַ פרעג געטון.

— האַסט געדאַרפט הערן, וואָס פאַר אַ גזוואַלדן ער האָט היינט געמאַכט אויפן ווייב, געשריגן, וואָס זי האַלט ביי זיך אין הויז אומגליקיקע. דאָס האָט ער געמיינט אונז — האָט העלען געוויזן אויף זיך, אויף בענען, און די אויגן האָבן זיך ביי איר געפלאַמלט — ער גלויבט דאָך מיסטער סמיט, אַז דערפאַר שטראָפט אים גאָט. דער בעסטער חזיר איז אים געפאַלן... דאָס איז נאָר אַן אָנהויב, בען, וועסט נאָך זען... איך וועל אים אָנלערנען, און נישט נאָר אים, ס׳ווייב, דעם זון, די פערד, די קי, אַלע אַלע!...

— און די גלויבסט, העלען, אַז דער חזיר האָט זיך טאַקע איבערגעפרעסן? — האָט בען פאַרדעכטיק אַפּגעמאָסטן די מויד.

— איך זאָג גאָרנישט, וואָס זאָל איך זאָגן — האָט אַ צופרידנקייט זיך געפלאַנטערט צווישן דער מוידס רייד — זיך נעמען צום האַרץ, וואָס מיסעס סמיט וועט האָבן מיט אַ חזיר ווייניקער, דאַרפסטו נישט, בען, און איך אוודאי נישט! דאָס דאַרט דאָך איין פון פרומקייט, קאָן נישט פאַרטראָגן וואָס קאַטאָליקן באַזעצן זיך אין דער געגנט. און זי איז נישט די איינציקע! דער מאַן איז נאָך פאַרביסענער און דאָס זונדל, דער איבערגעוואַקסענער בייער, נעמט זיך איבער, וואָס ער איז נאָך אויף זיין לעבן אין די „מואוויס" נישט געווען!

וואָס פרומער, אַלץ מער הינטישער זון! — האָט העלען פּאַרענדיקט און אַ געלעכטערל, האָט אַ שפּריץ געטון פון דעם אָפענעם מויל מיט אָנגעפּיקעוועטע ציין.

בשעת די מויד האָט גערעדט, זענען אָנגעלאָפן קליניקייטן, אויף וועלכע בען האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעשטעלט. יעדעס מאָל, ווען מיסעס סמיט האָט זיך צעווערטלט מיט העלען, האָט עפּעס פּאַסירט. ס׳ברויט איז נישט אויפגעגאַנגען, דער עפּלקוואַס האָט געזויערט, צוויי קאַרשן-בוימער האָבן גענומען אַיינדאַרן. אים זענען קשה געווען די אַלע קליניקייטן, זיך נישט געוואלט פאַרבינדן מיט דער מויד. ס׳געלעכטערל אָבער, וואס האָט זיך צעלייגט איבער העלענס פּנים, וואָס האָט אויסגעזען נישט דערבאַקן, האָט ביי בענען צוגענומען אַלע ספקות. ער האָט זיך מער נישט געקווענקלט, געווען זיכער, אַז די קי, דעם הזיר האָט זי, העלען, אָפּגעסמט.

בענען איז געוואָרן אומהיימלעך מיט דער מויד. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, אַ צי געטון מיט די פּלייצעס, העכער געוואָרן. ער האָט אַ שפּיי געטון מיט אַ פול מויל, ווי פאַר אים וואלט זיך נישט געשפּרייט אַ פייכטע, עסיקע נאַכט, נאָר אַ מענטש, זיינס אַ שונא, וואלט געשטאַנען.

— ווייסט גאָר וואָס, העלען, סיי-ווי-סיי ענדיקט זיך מאָרגן מיין וואָך... און דערעסן זענט איר מיר אַלע — קאַטאָליקן, פּראָטעסטאַנטן און אפילו פרומע יידן... כ׳גיי אַוועק אזוי אָן אַ זיי געזונט...

— וו דו זאָלסט איצט נישט גיין, בען. וועסטו זיך אנשטויסן מיט די פעלדערמייז! פאָלג מיך און קום אַריבער צו די קלאַרקס, וועלן מיר הערן, וואָס די קאַטאָליקן האָבן צו זאָגן!

פון די פעלדער איז אנגעלאָפן אַ ווינד מיטגעבראַכט וואָלקנס, געלאָשן די יונגע שטערן. די פינסטערניש האָט זיך נעענטער אַ רוק געטון זיך אַוועקגעשטעלט עטלעכע טריט פון מענטשן, ס׳האָט אַ שפּריץ געטון מיט קאַלטע טראָפּנס. ערגעץ האָט זיך צעשריגן אַ הירש, לאַנג און נודנע. דער ביק, וואָס איז אין שטאַל געשטאַנען אויף אַ קייט דורכגעבויערט דורך דער נאָז, האָט שיר נישט איינגעלייגט אַ וואַנט, געענטפערט דעם הירש מיט אַן אומגעהויריקן רעווען.

צוויי פייערדיקע צלמים האָבן אויפגעטוקט אין דער נאַכט, זיך

פארשפיצט. ס׳פייער האָט געדונגען איבער די פלאמען מיט א פליסי־קייט.

ס׳הייזל מיט די צוויי מענטשן, ווו יעדער איז געשטאַנען מיט זיין טרויער, זענען ווי קלענער געוואָרן, זיך איינגעקארטשעט און כאטש בען און העלען זענען געווען צוגעגרייט, געווארט די צלמים זאָלן זיך שוין אָנצינדן, האָבן די פלאמען ביי יעדן פון זיי צוגענו־מען דעם אטעם.

בען, וואס האט שוין לאַנג אנגעווירן דעם פרצוף, אפט אליין נישט געוויסט, צי ער איז א ייד, צי נישט, האט פון יונגלווייז אן געפילט אַ עקל צום צלם, אפילו אין זיין פוילישן שטעטל האט ער זיך נישט באנוגנט, ווי זיינע חברים, מיט „שקץ תשקצנו״. ער האט זיך איינמאָל איינגעשטעלט ס׳לעבן און אָנגעשמירט אַ בלעכענעם יויזל מיט סמאָלע. איצט, ווען ער האָט דערזען די פייערדיקע צלמים, האָט די אלטע שנאה זיך א שפאר געטון אין אים. ער האט אריינגעלאָזט די הענט אין די הייזן־קעשענעס:

— כ׳גיי!

— איך וועל דאָ אַליין נישט בלייבן — האָט העלען זיך א שאר געטון צו אים

— קום אויך.

— און די זאַכן מיינע?

דער בלישטש אין העלענס אויגן איז געווארן טיפער און ס׳איז שווער געווען צו זאָגן צי דאס איז די מורא פאר די קלעניקעס, צי דער פאַרדרוס, אַז זי וועט דאַרפן איבערלאזן די זאַכן.

— וואס האסטו דען אַ וואליזע? — האט בען זי געפרעגט — נעם זי מיט!

בען האָט צונויפגענומען זיינע זאכן אין א פעקל, געבליבן שטיין אויף דער וועראנדע, געווארט אויף דער מויד. זי האָט זיך געזאמט, ער איז צוגעגאנגען צום פענסטער, זי געוואלט א רוף טון. ס׳איז געווען פינסטער, העלען איז אָנגעלאָפן פון קו־שטאַל א פארסאפעטע, געשלעפט איר סעראטענע וואליזע.

— וואס האסטו איצט געטון אין שטאַל? — האט בען אַ כאפ

געטון די מויד פאר אן ארעם, אז זי האט זיך אַזש פארקרומט — אפגעסמט דעם ביק?

די נישט דערבאקנקייט, אַ צעקרומטע, האט ארויסגעלאכט פון דעם צעפלאמטן פנים, געלעגן אין די מויל ווינקלען, אין די גרינע אויגן, בייגעקומען בענס בליק.

זיי זענען ארויס פון הויף, געגאנגען מיטן וועלדל. בען האט אריבערגעווארפן זיין פעקל איבער די פלייצעס, זיך איינגעהערט, ווי דער רעגן פויקט איבער העלענס סטראטענע וואליזע און זיך געחידושט, פון וואנען ס׳נעמט זיך אַזוי פיל רשעות צום מענטש.

די פייערדיקע צלמים זענען מיטגעגאַנגען, זיך נישט געלאשן פונם רעגן, בלויז געווארן צעגאסענער, און וואס מער ס׳פייער האט געטריבן פון זיך שטיקער חושך, געריטלט שפיצן בערג און בוימער, אלץ פינסטערער איז געווארן ארום.

---

ביי די קלארקס ארים הויז אויפן הויף האבן זיך געקליבן פארמערס, מען איז אנגעקומען צו צוויי, צו דריי, די ביקסן אריבער־געווארפן איבער די אַקסלען. די רעדעוודיקע האבן געטומלט, געגאַנגען פון איין קופקע פערמערס צו דער צווייטער, אנגעשטעקט די שווייגערס מיט נקמה.

שיינווארפערס האָבן זיך געצונדן, באַלויכן צעפאטשטע באַקן, אויפגעלאָפענע אויערן. פנימער טעמפע האָבן זיך געוויקט אויפן רעגן, געוואַ־ט, מען זאָל זיך שוין לאזן אין וועג אריין.

— מיר זענען אליין שולדיק — איז דער אַלטער קלארק א רירעוודיקער געגאַנגען צווישן עולם — דאס וואס מיר האָבן זיך ביז היינט נישט אנטקעגן געשטעלט, האט פארשטארקט זייער חוצפה!

— גערעכט!

— מיסטער קלארק איז גערעכט!

— זיי ווילן פון אונז פטור ווערן, די אויסגעשניטענע!

— טענהן, אז מיר זענען קעגן „פראהיבישן"

— אז קריסטן, וואס זאָגן זיך נישט אָפּ פון ביטערן טראָפּן זענען קיין קריסטן נישט!

— אין בעטל האָבן זיי געעפנט אַן אייגענע שפּייז־קראָם!

— אין קרייג אויך!

— און אין ליווינגסטאָן!

— קלייבן זיך ביי אונז צוצונעמען די פּרנסה?

— ווילן מיט אַן אמת פון אונז פּטור ווערן!

— נישט ביי זייער לעבן!

— זאָג עס נאָכאַמאָל!

ס'איז אָנגעלאָפן אַ יונגע צעוואַקסענע פּויערטע אין אַ פּאָר גומענע שטיוול, זיך דורכגעשטופּט צווישן המון, געשריגן:

— ברידער קאַטאָליקן, די פאַרשאָלטענע האָבן ביי מיר צוגענומען מיין אַרטורן!

— ווער איז זי?

— ס'איז דאָך דעם שמידס ווייב!

— זיי האָבן פאַרשלעפּט מיין יינגל, אַ פינף יאָריק קינד! — האָט די מוטער געזוכט ביים עולם גערעכטיקייט — און געטון האָט עס דער אַפּטייקער!

— ביסט זיכער, אַז דער אַפּטייקער האָט פאַרשלעפּט דיין יינגל?

— האָט דער אַלטער קלאַרק זי איבערגעפרעגט.

— וואָס ברויכט איר מער, מיסטער קלאַרק — האָט די פּויערטע אָנגעכאַפּט דעם אַלטן פאַר די הענט, — דער אַפּטייקער, דער אָנפירער ביי אונז אין דאָרף פון „קלען" גייט אַרום און טענעט, אַז ווען מען וועט אויסהרגענען די גנידעס, וועלן נישט זיין קיין לייז!

— און מען שווייגט אים? — האָט אַ יונג מיט אַ זאַק איבערן קאָפּ, ווי אַ סטראַשידלע צו פאַריאָגן פייגל, זיך אָנגערופן:

— מיר וועלן שוין גאָרנישט שווייגן!

— אַ קלאַפּ פאַר אַ קלאַפּ, שכנים! ער האָט צוגענומען אַ קינד, דאַרף מען צונעמען זיינס!

— דאָס איז דער איינציקער וועג!

— בלוט וועט זיך גיסן און נאָך היינט!

— מיר דאַרפֿן זיך צוזאַמען אַ נעם טון, זיך פּאַריינִיקן מיט די ייִדן, אַפּילו מיט נעגערס!

— גאָר נישט מיט נעגערס!

— אַז אַן אונזעריקער רעדט אַזוי, מיט וואָס איז ער בעסער פֿון אַ „קלעניק״? — האָט איין פֿערמער זיך אַ שטעל געטון קעגן צווייטן. — די קאָנסטיטוציע פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן לערנט אונז, אַז אַלע מענטשן אָן אונטערשיד פֿון גלויבן און ראַסע זענען פֿון געבורט גלייך! דאָס זענען אמתע ווערטער, און די ווערטער האָבן מיר אַהער געבראַכט מיט דער ביקס! פֿאַר זיי איז אויך לינקאָלן געשטאַנען!

— אָט איז בען! האָבן מיר שוין אַ ייִד אויך!

— צו צוויי, צו צוויי! — האָט מען קאָמאַנדעוועט פֿון אַלע זייטן. — שטעלט אייך אויס צו צוויי!

דער המון האָט זיך גענומען רוקן. די שורה האָט זיך אַ ציִ געטון איבערן הויף, זיך צעוואַקסן, געבליבן שטעקן ערגעץ אין פֿעלד. שטיל, אָן לאַמטערנעס האָט דער המון זיך געשאַרט, געשניטן מיט דער לאַנקע, מיטן שטיינערנעם פֿעלד, ווי באַרג אַרויף האָט זיך געקניפּט מיט באַרג אַראָפּ. מען איז געגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, געשפּריצט מיט די פֿיס, איינגעזאַפּט אין זיך די נאַסקייט.

די עטלעכע פֿאַרמערקעס, יונגע, קנאַכיקע, וואָס זענען נישט אָפּגעשטאַנען פֿון די מענער, זיך געטראָגן מיט די ביקסן, האָבן געטריבן די מרה־שחורה, לייכטער געמאַכט די אָנגעשוואָלענע טריט;

— ס׳זאָל זיך איינגעבן אַרומצוגיין דעם באַרג, — האָט עמעצער אָנגעהויבן.

— וועלן די „פֿעלדערמייז״ מיט אַן אמת נעמען טאַנצן.

בען האָט נישט געגלויבט, שכנים זאָלן אָן אַ פֿאַרוואָס אַרויסגיין אין מיטן נאַכט מיט געלאַדענע ביקסן און מאָרדעווען איינער דעם צווייטן. ביי אים האָט עס אויסגעזען ווי א שפּאַס, געגאַנגען אַ נייגיריקער, געוואָלט אַ קוק טון, ווי די „קלעניקעס״ אין די ווייסע קאַפּאָטעס מיט די אויפגעטורעמטע קאַפּטערס טראָגן זיך, ווי מלאכי־חבלה, אַרום די פּייערדיקע צלמים. ער האָט פֿעסטגעשטעלט איינגעצויגן ס׳פּעקל אַרום דעם

אַקסל, געשמייכלט, וואָס העלען שלעפּט זיך לעבן אים מיט דער סעראַטענער וואַליז.

טראָפּנס זענען געפאַלן אין די גריבלעך וואַסער, וואָס די ערד האָט מער נישט געקאָנט איינזאַפּן. דאָס פּויקערייַ איז איבערגעגאַנגען אין אַ טעמפּקייט, זיך געלייגט איבער די פּלייצעס, און פון דער נאַסער פינסטערניש האָבן קאַלירטע רייפן זיך געצונדן אין די אויגן. פערמערס האָבן זיך דערנענטערט צו כמיטס הויז, וואָס האָט בלינד געשטעקט אין דער נאַכט.

— לאָמיר אונטערצינדן, באָיס!

— אַוועקלאָזן מיטן פייער!

— גאָט זאָל אייך היטן!

— נאר נישט פייער!

סמיטס הונט האָט דערשמעקט בענען, אויסגעוואַקסן לעבן אים, זיך געריבן אָן זיינע פיס, געוואָרטשעט פון פרייד.

— האַלאָ, פרינס! האַלאָ!

בען האָט זיך אַ דריי געטון, געזוכט העלענען. זי איז נישט געווען. דער המון האָט זיך מיט אַמאָל אָפּגעשטעלט. די הינטערשטע שורות האָבן זיך פאַרטשעפּעט אָן די פאָדערשטע, געפאַלן מיט הענט אויף פּלייצעס, אויף אַקסלען, געעפנט מויל און אויערן

— ס׳ברענט!

סמיטס הויז האָט געברענט. צינגלעך פייער האָבן געלעקט דעם דאַך, זיך געקנוילט אין פלעכטן רויך... דער הונט האָט שטאַרקער געריבן די מאָרדע אָן בענס פיס, אָנגעהויבן בילן הויך, העכער, געזען, אַז בען רירט זיך נישט — האָט ער אים איבערגעלאָזט, גענומען לויפן אַהיים צום פייער.

— יעצט שכנים, אויב איר ווילט נישט דאָ איבערלאָזן די ביינער, קומט אַהיים! — האָט אַ פערמער אויפגעהויבן ביידע הענט, מען זאָל אים בעסער ארויסזען. — פון בארג זעט זיך שוין אוודאי דאָס פייער און די „קלעניקעס" וועלן זיך אַ לאָז טון אויף אונז!

— ווער האָט אונטערגעצונדן?

— דערשיסן דאַרף מען אים

— אַזאַ הינטישער זון!

— גיט אים ארויס, שכנים!

עס איז געווארן שטיל, קיינער האָט זיך נישט גערירט. דער רעגן האט געשוואנקען די אויגן, געשטערט צו קוקן אין אלע זייטן.

— זי האָט עס געטון! — האָט אַ יונגע געוויזן אויף הע-לענען.

— ווער?

— ווער איז זי?

העלען האט זיך ארויסגערוקט מיט דער וואַליז, הענט און פיס האָבן ביי איר געציטערט און פון שרעק האָט זי אָנגעווירן ס׳לשון, דער המון האט זי ארומגערינגלט:

— ווער ביסטו?

ט׳איז דאָך סמיטס דינסטמיידל!

בשעת דער המון האט זיך געשטופּט ארום דער מויד, האבן די פייערדיקע צלמים זיך דערנענטערט. געשטאַלטן האבן זיך געדרייט ארום די פלאמען, ווי נישט קיין פערמערס, נאר א ווילדער שבט וואָלט געפראוועט א גאטס-דינסט.

מען האָט אויסגעשאָסן. די פערמערס זענען מער נישט איינ-געשטאַנען, זיך געדרייט אין א רעדל. געוואָלט וויסן פון וואנען דער שאס איז געקומען. עס האָט זיך דערהערט א צווייטער, א דריטער, אין דער נאסער לופט האבן געגומען אויפטיקן פייערלעך, זיך פאַרבייגעטראגן מיט א פייף.

דער המון האָט פארגעסן אן העלען, אראָפּגעכאַפּט פון די אָרעמס די ביקסן, געזוכט אַרום זיך דעם שונא. מען האָט קיינעם נישט געזען, פון אַלע זייטן האָבן זיך געהערט קולות:

— צעוואַרפט אייך, באיס!

— צעווארפט אייך!

— נידעריקער די ביקס!

— פטרט נישט אומזיסט קיין קוילן!

דאס שיסעריי איז געקומען פון פארשידענע זייטן, זיך געהאַלטן אין איין דערנענטערן. די פערמערס האָבן זיך צעשאָטן, געשטאַנען אונטער ביימער, געטשאַטעוועט און אז אַ פלעמל האט זיך אַ צינד געטון אין דער פינסטערניש, האבן זיי אהין געשאסן.

איצט ערשט האָט בען זיך ארומגעזען, אז ס׳איז ניטא קיין שפּאס, אז מען דארף אָפּציען, ארויס פון פייער. ער איז געשטאַנען אַ מטושטשטער, אלץ נישט געגלויבט, ווו ער איז און אין מוח האָט זיך געפּלאָנטערט, אַז מענטשן זענען צו רייך, צו זאַט. כּוחות קלייבן זיך, האָבן נישט ווו אָפּצורינען, האָבן זיך פּראָטעסטאַנטן גענומען צו קאַטאָליקן.

בען האָט אַ הויב געטון די האַנט צום אויער, ווי ער וואָלט זיך געקליבן אָפּיאגן אַ זשומעדיקע פליג. נישט געוווסט, אַז די קויל איז שוין ווייט פון אים. זיין שכן, אַן אויסגעצויגענער פּערמער, האָט זיך אַ כאַפּ געטון פאַרן בויך, זיך געוואלט צוזעצן און איז אַ פאַל געטון מיט דער נאָז אין דער צעווייקטער ערד. די ביקס איז געבליבן ליגן עטלעכע טריט ווייטער, בען האט זיך אַ בייג געטון. אויפגעהויבן די ביקס און גענומען גיין רעכטס.

ער איז ארויס פון וועלדל. העלען מיט דער וואליז איז אים אַנטקעגן געקומען, אים געווארנט:

— דאָ קענסטו לייכט אריינפאלן צו די „קלעניקעס״ אין די הענט, בען!

— טאָ וואס איז דיין עצה?

— מיר דארפן שניידן צום טייכל!

זיי האבן געשפּאַנט מיט ברייטע טריט, געשוויגן און נישט געפילט, ווי די פיס ווייקן זיך אין די נאַסע שיך. דאס שיסעריי, וואס האט זיך דערנענטערט, האָט זיי געטריבן ווי מיט בייטשן. העלען איז געבליבן הינטערשטעליק, חשק געהאט זיך צוצוזעצן הינטער אַ בוש און געשלעפּט זיך נאָך בענען.

דער רעגן איז געווארן שטארקער, מער נישט געפאלן טראפּנוויִיז, געשנורעוועט אויפגעלאפּענע פּנימער. די נאכט איז פול געווען מיט שיסעריי, מיט טריט פון הונדערטער „קלעניקעס״, מיטן שרעק פארן טויט.

יי האבן געשניטן צום טייכל, וואס האט זיך געוויגט פון רעגן, אריבערגעשוואנקען מיט א בייזער די ברעגן, פארגאסן א שטיק לאנקע.

בען האט אראפּגעווארפן די שיך, פארקאשערט די הויזן אין מיט רוגזה א נעם געטון ביי דער מויד די וואליז. זי האט פארווארפן ס׳קלייד איבערן קאפּ, און ביידע זענען אריין אין קאלטן וואסער,

וואָס האָט זיך געהויבן פון ווינט און רעגן.

די קילקייט איז געוואָרן טיפער, געוואַקסן איבערן לייב. די פיס האָבן געשניטן ס׳וואַסער, וואָס האָט געשווערט די קליידער, זיך געקליבן, ווי אין שוואָמען.

דורכגעווייקטע, געפּרווירעגע, זענען זיי אַרויס אויף דער צווייטער זייט לאָנקע. בען האָט אַראָפּגעשלעפּט פון זיך די הויזן, זיי אויסגעדרונגען:

— שטיי נישט און ציטער נישט, העלען! לויף, זאָלסט אָנהויבן שוויצן!

בען איז געלאָפן אין פאָרויס, זיך געבאָדן אין שווייס, אַנטקעגן געלאָפן העלענען, זי האָט זיך געשלעפּט מיט דער וואַליז, זיך נישט געקאָנט דערוואַרמען, און די ציין האָבן ביי איר געקלימפּערט:

— כ׳פיבער אינגאַנצן!

— נאָר זיך נישט אָפּגעשטעלט! נישט ווייט ליגן בהמות, וועסט זיך צווישן זיי דערוואַרמען! גיב אהער דיין וואַליז, גיכער, גיכער!

זי האָט זיך קוים דערשלעפּט. אין אַ חורבה, וווּ אַ דאַך איז געשטאַנען אויף סלופּעס, די ווענט אָפן, זענען געלעגן אַ צענדליק קי מיט קעלבער. ס׳האָט געשלאָגן מיט וואַרעמען בהמה-ריח.

בען איז אַריין צווישן די בהמות ווי אַן אייגענער, מיט אַ סוויסטשעריי. דער אַ גלעט געטון, דער אַ פּעטשל, און אַז אַ קו, צי אַ קאַלב האָט זיך צעמעקעט, האָט ער זיי אַרומגענומען פאַר די העלזער, צוגעהאַלטן די גלעקלעך, זיי זאָלן נישט קלינגען, און זיי איינגעשטילט.

ער האָט געהאָלפן אויסטון העלען, געזען, ווי דאָס בלויע, צעשמיסענע פּנים רויטלט זיך. ער האָט איינגעריבן מיט זיינע וואַרעמע הענט העלענס נאַס לייב, זי אַריינגעזעצט צווישן די בהמות, אַרומגעלייגט אירע נאַקעטע פיס מיט קי-מיסט, אַז מען האָט זיי מער נישט אַרויסגעזען.

בען האָט זיך צוגעזעצט צו העלען. דער רעגן האָט געקלאַפּט איבערן דאַך, פאַרווישט די טריט פון הונדערט פּאָר פיס, און דאָס שיסעריי, וואָס איז לאַנג צעשוומען, איז נאָך אַלץ געשטאַנען, ווי וואַסער אין די אויערן.

אַ קו האָט זיך פאַרבענקט צעשריגן. בען האָט זיך פאַרנאַנדער-

געלאַכט, העלען נאָך אים, און די פרייד האָט געשלאָגן פוןביידע הערצער, ווי פון אַ קוואַל. דורך די אָפענע ווענט האָט זיך געזען, ווי די צלמים לעשן זיך, ווערן דערטרונקען אין דעם רעגן, וואָס הערט נישט אויף צו גיסן. די קי האָבן געהויבן די טעמפע קעפ, זיך גע־שראָקן פאַר די ווייס־צעגליטע בליצן, וואָס האָבן זיך געצייכנט איבערן הימל, ווי פאַרצווייגטע הירשן־הערנער.

# דער יצר־הרע

דער רימאָקער רב, וועמען די לאַנדס־לייט האָבן אַראָפּגעבראַכט פון פּוילן, געזוכט פאַר אים אַ גרויס רבנות, איז שוין די זעקסטע וואָך איינגעשטאַנען אין סענטראַל האָטעל. דאגת־פּרנסה האָט ער דערווייל נישט געהאַט — די לאַנדס-לייט האָבן אים אויסגעהאַלטן בכבוד גדול, געשיקט דעם ווייב קיין פּוילן וואָכערס.

דער דרייסיק־יעריקער רב, אַ פּלייציקער יונגערמאַן, מיט אַ שוואַרץ, זיידן בערדל, אַ ליכטיק פּנים, עניוותדיקע אויגן, האָט כמעט יעדן שבת געדרשנט אין אַן אַנדער קהלה, אומעטום אויסגענומען און זיך געישובט, וואָס פאַר אַ רבנות ער זאָל אָננעמען.

דאָס זיצן איינער אַליין בייטאָג אין נומער האָט אויף אים אָנ־געיאָגט אַ מרה-שחורה. ער האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויף די אָוונטן, ווען ער איז געגאַנגען וויזיטירן די רייכע לאַנדס-לייט, פאַר־בראַכט מיט זייערע ווייבער און טעכטער. דער רב האָט נישט געקאָנט זיי קוקן גלייך אין די פּנימער, זיך גערויטלט, געזעסן אומבאַהאָלפן. יעדן אָוונט, ווען ער איז געגאַנגען אַהיים, האָט ער געבענקט נאָך דעם ווייב, נאָך רימאָקעס, ווו ער האָט געפירט דאָס גאַנצע שטעטל, און דאָ קאָן ער דורכגיין גאַסן און גאַסן און קיינער וועט אים צו־מאָל נישט באַגריסן.

ער איז געגאַנגען מיט בראָדוויי, געקוקט אויף די מויערן, וואָס האָבן זיך געשניטן מיט גלייכע ליניעס אין הימל אַריין, זיך צונויפ־געגאָסן מיט דער נאַכט, געזען אין די טורעמס אַ דור־הפלגה, — שוואַרצע כחות, וואָס רייסן זיך אין פרעמדע וועלטן. דער יונגער רב איז ביי זיך געפאַלן, פאַרלוירן זיך, געשאַרט אַרום די שוואַרצע ווענט און זיך געאײַלט אין האָטעל אַריין.

דער לאַנגער, שטילער קאָרידאָר, ווו די טריט זענען צעשוווּמען אין די דיוואַנען, די שפּיגלען, די פרעמדע פּנימער, וואָס גייען פאַרביי, פאַרשווינדן אין די צימערלעך, — אַלץ האָט דעם קליינשטעטלדיקן רב געדרייצט.

ער איז אַריין צו זיך, אַראָפּגעוואָרפן דעם ראָק מיט דעם קאַפּע-לוש, געבליבן זיצן אין פינסטערן צימער אין קאַפּעל. אַ מידער האָט ער גענומען לייענען „קריאת-שמע”. אַ ליכט פון אַן אומקענטיקער פּענסטער איז אים אַ פאַל געטון אין די אויגן, געבלענט. עס האָט אים אַ צי געטאָן צום פענסטער. אויף אַ קאַנאַפּע איז געלעגן אַ דאַמע, די פיס פאַרלייגט איינעם אויפן צווייטן, פון ביידע זייטן בלעטער פון צייטונגען, און אַליין האָט זי זיך געפּוצט די נעגל. ער האָט געקוקט אויף די אַנטבלויזטע הענט, געליטן, וואָס ער קוקט, און זיך איינגעגעסן אין פענסטער. די דאַמע האָט אויפגעהערט פּוצן די נעגל, פאַרלייגט די הענט צוזאַמענס און געבליבן ליגן אין אַזאַ פּאָזע. ווי יעדעס גליד האָט זיך אַרויסגעפּרעסט. דער יונגער רב האָט ברייטער צעעפנט די אויגן, אויפגעכאַפּט יעדן קער און געוואַרט, עס זאָל עפּעס געשען.

די דאמע האָט זיך מיט אַ מאָל אויפגעשטעלט, זיך געצויגן, געבליבן שטיין ביים פענסטער און געקוקט אויפן רב. ער האָט זיך פאַרשעמט, זיך גענומען רוקן אויף צוריק, און אז ער האָט זיך געכאַפּט, דאָס זי קאָן אים נישט זען, האָט די דאַמע שוין געהאַט אויסגעדרייט דאָס עלעקטרישע לעמפּל. אַלץ איז פאַרשווּנדן און קענטיקער איז געוואָרן פינסטער. ער האָט זיך געלאָזט שפּרייזן איבערן קליינעם חדר. צער געהאַט, וואָס זינדיקע מחשבות קריכן אים אין קאָפּ אַריין, לייגן זיך איבער אים, באַפאַלן אים פון אַלע ווינקלען, און יעדעס מאָל, וואָס ער האָט זיך גענומען אין די הענט אַריין, געוואָלט קלערן וועגן עפּעס אַנדערש, האָבן אים די נאַקעטע הענט מבולבל געמאַכט. אַ האַלב-אויסגעטאָנענער איז ער לאַנג געבליבן זיצן אויפן בעט, נישט אויפגעהערט צו לייענען קריאת-שמע, און איז שפּעט אין דער נאַכט איינגעשלאָפן.

צומאָרגנס איז ער אַ גאַנצן אָוונט געזעסן ביי זיך אין צימער, געוואַרט, די דאַמע זאָל זיך באַווייזן קענטיקער — איז, ווי אויף צו-להכעיס,

פינסטער געווען אין פענסטער. אונטערדריקטע פארלאַנגען האָבן זיך געוועקט אין דעם געזונטן קערפּער. זיך געשפּאַרט אין דעם צעפלאַמטן מוח, און וואָס שטאַרקער ער האָט זיי געוואָלט אונטערדריקן, אַלץ מער קעמערלעך האָבן זיך ביי אים געעפנט, איין באַגער נאָכן צווייטן האָבן אַרויסגעשטעקט זייערע קעפּלעך, געגלעט ווי מיט פוך־פעדערן און איינגערוימט מעשיות.

עס זענען דורך עטלעכע טעג און קעגנאיבער אין פענסטער איז אַלץ געווען פינסטער. דער רב איז געווען זיכער, אַז די דאַמע וווינט שוין מער נישט אין האָטעל. ער האָט אַ פרעג געטאָן אַן עלטערע פרוי, וואָס האָט צוגעראָמט די צימערן יעדן טאָג:

— ווער וווינט קעגנאיבער?

— קעגנאיבער, רבישי? — האָט זי אוועקגעשטעלט די באַרשט און אַראָפּגעצויגן איפן קאָפּ דאָס טיכל, אירע האָר זאָלן זיך נישט אַרויסזען, — די ליידי פון קעגנאיבער איז אַן אַלמנה, זיצט שוין דאָ די צווייטע וואָך, וויל קריגן חליצה פון אַ שוואָגער, און ער, דער שוואָגער, איז אַ „סאָקער”... (פּיאַווקע) וויפל זי גיט אים, וויל ער אַלץ מער... זי קומט היינט צוריק...

— אַזוי? — האָט זיך דער רב געכאַפּט פאַרן בערדל, געלאָזט פאַלן אַ וואָרט און באלד חרטה געהאַט, — לאָז זי אריינקומען.

— גוט, גוט, רבישי!

דער רב איז אַרומגעגאַנגען אַ גאַנצן אָוונט איבער בראָדווייִ, אָפּגעמאַכט אהיימצוקומען זייער שפּעט און גלייך גיין שלאָפן. דער „צדיק”, וואָס אין אים, האָט געהאַלטן אין איין אונטערזאָגן ער זאָל בייטן דעם צימער, איז דער „רשע” געוואָרן מלא חמה, זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט, ביז ער האָט אים אַ מידן אַהיימגעשלעפּט. דער רב האָט געמאַכט ליכטיק און זיך געזעצט לערנען. נישט ווילנדיק האָבן זיך די אויגן ביי אים געהויבן און דער „רשע” האָט אַלץ געטענהט, אַז אַ שוואַכער מענטש דאַרף זיך נישט פייניקן, אַז עס איז מסתמא אַ גאָט־זאַך, אַנדערש וואָלט ער דאָך בייגעקומען דעם נסיון... אַז וואָס גרעסער דער צדיק — גרעסער די תאוה... דער רב האָט זיך אויפגעשטעלט, פאַרדרייט דאָס ליכט, און אַ ציטערדיקער זיך אַריינגעזעצט אין פענסטער.

די דאַמע איז געשטאַנען אַ האַלב אויסגעטאָענע, זיך געפּוצט. זיך געשנורעוועט, ווי זי וואָלט זיך געקליבן ערגעץ־ווו אַוועקצוגיין. דער רב האָט זיך איבערגעגעבן דעם „רשע", צוגעזאָגט, אַז ער וועט שוין מער קיין רבנות נישט זוכן, ער איז אַ שוואַכער מענטש, קאָן זיך נישט ראַנגלען, ווען אויף יעדן טריט ליגן נעצן, מען מוז גע־שטרויכלט ווערן. דאָרט, אין שטעטל, האָט ער געקאָנט זיין רב, אָבער דאָ, ווו דער יצר־הרע האָט זיך אָפּגעריסן פון דער קייט, איז עס אַ שווערע הלכה.

דעם רב׳ס צעהיצטער שטערן האָט זיך געקילט אין דער שויב מען האָט אָנגעקלאַפּט.

— קאָם אין!

ער האָט ליכטיק געמאַכט. אין דער טיר איז געשטאַנען די דאַמע מיט אַ צניעותדיקן שמייכל.

—מען האָט מיר געזאָגט, אַז איר זענט אַ היימישער רב...,

— יאָ, — האָט איר דער רב געוויזן אויף אַ שטול.

ער האָט באַמערקט, אַז די דאַמע הינקט אויף אַ פוס און זיך געחידושט, וואָס ער איז מיט אַמאָל געוואָרן אַזוי רויק, פונקט ווי ער וואָלט פאַר זיך געהאַט אַ יידענע אין שטעטל מיט אַ שאלה.

דער רב האָט זיך אוועקגעזעצט און אַן ערנסטער זיך איינגע־הערט, וואָס די דאַמע האָט גערעדט.

1921

# דער ערשטער פּאַציִענט

די ערשטע פּאָר טעג איז ער געווען אין א געהויבענער שטימונג, הנאה געהאַט, וואס מיטן אָוונט האבן די עלעקטרישע שילדן אין די פענסטער זיך געווארפן אין די אויגן — דאָקטאָר מ. וואלד, קיראָ־פּראַקטאָר:

עטלעכע מאל א טאָג האט ער זיך געשטעלט אין שפּיגל, באַטראכט זיין געראַזירט פּנים און באשלאסן, אַז פאר אַ דאָקטאָר זעט ער אויס צו ייִנגליש. מען דארף פארלאזן וואָנסעס און אויב דאס וועט נישט העלפן — איז אויך אַ בערדל. צו אַזא נישט אנזעענדיק פּנים, ווי זיינס האבן ווייבער קיין צוטרוי נישט. ער האט געמאַכט פּאַר־שיידענע גרימאַסן, אנגערופן די אדערן ארום די ש׳ייפן מיט די לאַטייִנישע נעמען. ער האט אנגעצויגן די הויט אויפן פּנים, קונציק אויפּגעכאַפּט איין נערוו נאכן צווייטן, ווי א שטריקערין כאַפּט אויף אויגעלעך אויף א שפּיזל און איינגעזען, אז זיין בלאס, אויסגעצערט פּנים פּאַסט פאַר אַ קיראָפּראַקטאָר. אַ דורכשניטלעכער פּאַציענט פון דער גאַס וועט דאָך אים נישט רופן, און דער וואָס גייט צו אַ קיראָפּראַקטאָר, איז דאָך מער אַן עקסצענטריק, און אַזאַ איינעם וועט מער אימפּאָנירן זיין געל מאָגער פּנים וואָס האָט אין זיך עפּעס פון אַ דערוויש.

אזוי האָט ער שוין געקאָנט איינטענהן מיט זיך, נישט באַמערקט ווי די טעג זענען אַריבער, געחלומט, אַז היינט, מאָרגן וועט דער־שטאַט זיי מוזן אָנערקענען, די באַבערדלטע קאָנאוואַלן אויף צעפּלאַצעניש.

ס׳איז דורך אַ וואָך צוויי. קיין פּאַציענט האט זיך נישט באַוויזן. ער האט אנגעהויבן צו עקאנאמיזירן, אפּגעזאגט די נעגערטע, וואס איז יעדן טאג אריינגעקומען צו ראמען. ער האט אליין געטון די ארבעט

און נאָך יעדן מאָל צוראַמען האָט ער אַרויסגענומען אַ דאָלאַר וואָס ער פּלעגט צאָלן דער נעגערטע און געזאָגט אויפֿן קול: דר. וואַלד, איר האָט היינט פֿאַרדינט אַ דאָלאַר. שפּעטער איז עס אים מיאוס געוואָרן, אָפּגעלייגט די אַרבעט פֿון איין טאָג אויפֿן צווייטן און דער שטויב האָט זיך געקליבן אויף די בענק, אויף די טישן. ער האָט געקאָנט אָפּזיצן שעהן ביים פֿענסטער, געלייענט, ביז עס האָט אַנגעהויבן צו שווינדלען אין קאָפּ.

איינמאָל האָט ער געהערט ווי די שכנות באַרעדן אים, באַדויערן, וואָס קיין הונט שמעקט צו אים נישט אַריין און איינע האָט אַפֿילו געזאָגט, אַז זי האָט פֿאַר אים אַ שידוך. ער האָט אָנגעשטעלט די אויערן, זיך פֿאַרלוירן און איז אַוועק פֿון פֿענסטער. ס׳האָט אים באַנג געטון צו וואָס ער האָט געלערנט אויף קייראָפּראַקטיק, געטראַכט, אַז מענטשן זענען קאָנסערוואַטיוו, ס׳וועט נאָך נעמען הונדערטער יאָרן ביז מען וועט האָבן צוטרוי צו אַ קייראָפּראַקטאָר: דערווייל האָט ער אַ געלעגנהייט צו שטאַרבן פֿון הונגער.

מען האָט אָנגעקלאַפּט. ער האָט אויפֿגעציטערט און געגאַנגען עפֿענען די טיר.

— קאָן איך זען דעם דאָקטאָר? — האָט אַ יונגערמאַן מיט אַ קעפּ איבערן אויער זיך געפֿרעגט.

ער האָט אים אַריינגעפֿירט אין קאַבינעט, אַרויסגעכאַפּט זיין פּוליפּעדער, געעפֿנט אַ ביכל:

— ווי הייסט איר?

— איך בין נישט דער קראַנקער, דאָקטאָר!

— ענטשולדיקט, ווער איז קראַנק?

— מיין פֿאָטער, אַ זקן פֿון איבער זיבעציק.

— אויף וואָס?

— אָט דאָס איז די צרה, דאָקטאָר, וואָס מען ווייסט נישט. זיי האָבן געהאַט דריי דאָקטוירים, יעדער זאָגט עפּעס אַנדערש. אין אָנהויב האָבן זיי געמיינט ס׳איז לונגען-ענטצינדונג, ווי איך פֿאַרשטיי, איז עס אַ שווערע גריפּ, כ׳וויל אָבער נישט שטעלן אויף זיך, בין איך געקומען צו אייך...

— ווייסט איר, אַז מיר גלויבן נישט אין פֿאַרשרייבן מעדיצינען?

— געוויס, אַ קייראָפּראַקטאָר.

— יאָ.

— וועגן דעם טאַקע, דאָקטאָר, האָב איך געוואָלט מיט אייך רעדן. איר פאַרשטייט, מיינע עלטערן זענען פאַנאַטישע מענטשן, פון אַלטן שניט, און מיינע בר־דער, כאָטש אמעריקאנער, זענען אין אַ געוויסן זין ערגער פון די אַלטע לייט... זיי ווייסן איין זאַך — דאָקטוירים און מעדיצין... איך בין דער ייִנגסטער, רייס איך זיך אַרום מיטן גאַנצן הויז, איך טענה, אַז אַ זקן פון זיבעציק קאָן מען נישט געזונט מאַכן מיט מעדיקאַמענטן... כ׳גלויב נישט אין מעדיקאַמענטן! איך אַליין בין אַ קאָמוניסט! אין דעם, ווי אַ קייראָפּראַקטאָר באַהאַנדלט אַ קראַנקן, זע איך עפּעס נייעס, אַן אַנדערן וועג, וואָס איז מיר נענטער צום האַרצן... כ׳וואָלט זייער געוואָלט, דאָקטאָר, איר זאָלט זען מיין פאָטער!

דער דאָקטאר איז געווען אויפגערוימט. די רייד פונם יונגנמאַן האָבן אים אימפּאָנירט, צוגעגעבן קוראַזש. ער האָט אַ כאַפּ געטון דעם קאַפּעלוש און איז ארויס מיטן יונגנמאַן אויף דער גאַס, ווי ער גייט און שטייט.

אין דריטן הויז האָט געווינט דער פּאַציענט. דער יונגערמאַן איז געגאַנגען פריער און געזאָגט:

— שרייט נישט, דער דאָקטאָר גייט!

ס׳איז געווארן שטיל. די זין מיט די טעכטער האָבן זיך צע־שטעלט ארום דעם חולה, וועמעס צעקנייטשט פּנים האָט זיך קוים ארויסגעזען פון די דעקן מיט די קישנס.

דער דאָקטאָר האט גענומען דעם פּולס ביים חולה, גענומען רעדן צו די ארומיקע, ערקלערט, אַז ער האלט נישט מיט מעדיקאמענטן אז אלע צרות אויף מענטשן קומען פון דער חוט־השדרה, ווו די נערוון זענען צעצווייגט. און אויב אַ מענטש ווערט קראַנק, הייסט עס אז דער נערוו, וואס האָט שליטה איבער דעם טייל קערפּער, איז ארויס פון זיין פּלאַץ און מען מוז אים צוריק אריינפּאַסן. מען דארף אים אויסגלייכן.

— וואס, פאר אַ דאָקטאָר איז דאָס: — האָט די עלטסטע

טאָכטער געלאזט צווישן זיך פאלן אַ ווארט אין דער שטיל — ער הײלט אַ פנים מיט תהלים!

— אז פיליפּ האט אים געבראכט!

דער דאָקטאָר האט גענומען קלאַפּן דעם קראנקן איבער דער־חוט־השדרה, גענדרייט זיין האלז. דער חולה האט געקרעכצט, געגלאָצט מיט די אויגן, נישט געוווּסט וואס מען מאטערט אים און געכאָרכלט:

— אוי, ס׳שטעכט... אוי־וי..

דער דאקטאר האט געשוויצט איבערן קראנקן, געזוכט מיט די שפּיץ־פינגער אַ נערוו, געדרייט דעם חוּ״הס דארן האלז, אז ער האט אזש די צונג ארויסגעשטעלט.

די קינדער האבן נישט געקאנט צוזען ווי ער מאטערט דעם קראנקן, אויפגערעגט זיך איבערגעקוקט.

דער קראנקער האט זיך געבעטן:

— קינדער נעמט אים אוועק פון מיר, ער דערשטיקט מיך —

די עלטסטע טאכטער האט אנגעכאַפּט דעם דאקטאר ביי דער האַנט:

— לאזט אפּ, איר וועט דאך אים דערשטיקן!

— האט נישט מורא — האט דער דאקטאר זי געוואלט באַרויקן.

— וואס פאר אַ קלאפּן, וואס פאַר א דאקטאר — האט זיך אַ צווייטער אנגערופן.

— לאז ער גיין!

— צוזאמען מיט פיליפּן!

דער דאקטאר האט געקוקט אויף פיליפּן, אויף די ארומיקע, געכאפּט דעם קאַפּעלוש און א פאַרלוירענער זיך גענומען שארן צו דער טיר.

# מיידלעך

דאָס פרומע שטעטל, ווו מען האט איבער די גרויסע בערג קיינמאל נישט געזען ווי די זון גייט-אויף, האט אין דער שטיל זיך געגומען בונטעווען. מען האט זיך דערוווסט, אז קערי, דעם פישערס טאכטער, וואס האט זיך די לעצטע צייט ארומגעשלעפט מיטן ייד סעם, גייט־ארום מיט א בויך.

ליווי, דער אייגנטימער פון א „דעפארטמענט סטאר״, דער איינ־ציקער יידישער בעל-הבית אין דער גאנצער געגנט ארום, האט זיך מער געקאכט פאר אלעמען, נישט אויפגעהערט אריינצוטענען אין ווייב:

— שרה, מיר האבן דאך שוין אפגעשטעלט די חתונה, נאר פאלג מיך און לאז־אפ דעם שדוך!

— ער לייקנט דאך שטיין און ביין — האט ס׳ווייב פרובירט פארענטפערן סעמען.

— ער האט פארפירט די שיקסע!

— ביסט נישט זיכער.

— כ׳בין יא!

— פון דעם שרייען, מיין מאן, וועט גארנישט ארויסקומען — האט ס׳ווייב זיך צו אים א בויג געטון, ווי זי וואלט אים געוואלט איינרא־מען א סוד. — מען דארף אויך פרעגן ראזן צי זי וויל אפלאזן דעם שידוך. האסט עפעס א סך יידן אין דער געגנט? אויב דו ווילסט נישט פאר קיין איידעם אַ שייגעץ, מוז אַ יידיש מיידל אין אַזאַ העק פאַר־זיצן. און ס׳איז נאָך אַ פראַגע צי ס׳קינד איז סעמס: די שיקסע שלעפט זיך אַרום יעדע נאַכט מיט אַן אַנדערן שייגעץ.

ליווי האָט צעשפרייט די הענט, געשאָקלט מיטן קאָפּ, און דער טיפער קנייטש אין דער רעכטער באַק האט קרענקלעך געשמייכלט:

— זי פֿאַרענטפֿערט נאָך דעם יונג! צמע־עריקאַ!

דער מאַמען האָט ווי געטון ס׳האַרץ פֿאַר דער טאָכטער, זי געשראָקן, די שיקסע זאָל עפּעס נישט אָפּטאָן — קאָן צוואַרפֿן דעם ממזר. און דערשיסן קאָן זי נישט? די מוטער האָט געפּלאַנט אוועקצושיקן קערין ערגעץ אין אַ ווייטער שטאָט אַריין ביז זי וועט געלעגן ווערן, געוואָלט פֿאַרגיטיקן מיט געלט, קערי האָט נישט געוואָלט הערן דערפֿון, געהאַלטן אין איין איבערחזרן:

— כ׳האָב צו סעמען גאָרנישט. ער מעג חתונה האָבן. כ׳האָב אים ליב געהאַט, געוואָלט האָבן פֿון אים אַ קינד, האָב איך. און אייער ראָז דאַרף נישט זיין אויף מיר ברוגז, כ׳ע אַריבערקומען.

שרה האָט געהיט די טאָכטער, געזען זי זאָל נישט גיין צו דער שיקסע. ראָזען האָט געצויגן אַהין.

איינמאָל, ווען ס׳האָט אָנגעהויבן טונקל צו ווערן און די אייגוווינער זענען געזעסן ביים אָוונטברויט, האָט ראָז זיך געלאָזט מיטן ליידיקן געסל צו איר חברטאָרין.

קערי איז געזעסן אויף די שטיינערנע טרעפּלעך. ראָז האָט דערפֿילט ס׳אייגענע האַרץ, זיך געוואָלט אויסדרייען, אַנטלויפֿן, זיך באַגעגנט מיט קעריס פֿאַרצערטע אויגן, ווי ביי אַ נישטדערשחטענעם שאָף. און זי איז געבליבן שטיין.

קערי האָט זיך אויפגעשטעלט, ראָז האָט זיך מיט די אויגן איינגעגעסן אין דער שיקסעס בויך, וואָס האָט עטוואָס קירצער געמאַכט ס׳קלייד פֿון פֿאָרנט, דערזען די פֿלאַמען אין איר פּנים, וואָס שלאָגן פֿון די באַקן אין די האָר אַריין, און אויפֿן שטעל חרטה געהאַט, וואָס זי האָט זיך אַרויסגערעדט:

— מיינסט, איך גלויב...

די פֿאַרווייטיקטע אויגן זענען געוואָרן ווייכער, זיך גענומען אויסקלאָרן, ווי די דריי ווערטער וואָלטן געווען אַ שפּרונג, וואָס האָבן פֿאַרטריבן די שרעק. איצט איז קערי געשטאַנען אַ רויקע, געווען גרייט אויסצוהערן, וואָס אין דער קאָרט, און זיך אַליין געחדושט פֿון וואַנען ס׳נעמט זיך צו איר אַזוי פֿיל קוראַזש.

זי האָט אַ נעם געטון ראָזען פֿאַר אַ האַנט און ביידע זענען אַריין צווישן די געדיכטע ביימער, וואָס פֿון ביידע זייטן וועג. זיי זענען

אָפּגעגאַנגען אַ ווײַל און געשוויגן. פֿון דער זײַט האָט דאָן דערפֿילט ווי קעריס אויגן קריכן אויף איר פֿון דער פֿינסטערניש, וועלן באַלד אויפֿכאַפּן דאָס אַלץ, וואָס זי באַהאַלט פֿון די ארומיקע.

קערי איז אין דער פֿינסטער געוואָרן רעדעוודיק, אַליין זיך נישט געכאַפּט, ווי ס'ציגנדט זיך אין איר אַ ליגן נאָך אַ ליגן:

— ... אין אַלעם איז שולדיק דזשאָן... ווייסט דאָך ווי ער איז צוגעשטאַנען צו מיר און איך האָב אים געגעבן דעם וועג... ער איז געווען בייז, וואָס איך גיי מיט סעמען און פֿאַרשפּרייט דעם ליגן...

— ס'איז אַ ליגן? — האָט ראָז זיך אַ צי געטון צו איר, זי כמעט אַרומגענומען און אַזוי שטיל, ווי אַ מאַמע, זי אַ פֿרעג געטון:

— און דו טראָגסט נישט?

— נישט פֿון סעמען, ראָז. ס'איז דערווײַל אַ סוד. דער מאַן פֿון וועמען כ'טראָג איז רייך, זער רייך. ער דאַרף די טעג קריגן אַ גט און דעמאָלט וועט ס'גאַנצע שטעטל מיך קומען איבערבעטן, קומען צו מיר בעטן אַרבעט... דערווײַל, ראָז, דאַרף עס זיין אַ סוד, ס'דאַרף בלייבן צווישן אונז...

ראָז איז געווען גערירט. אַ שווער שטיק. וואָס האָט זיך פֿאַר די לעצטע טעג געקליבן אונטערן האַרץ, געקוועטשט. איז מיט אַמאָל צעשוווּמען. זי האָט אַרומגענומען קערן, וואָס איז איר איצט נאָך ליבער געוואָרן.

— ווען כ'ווייס, אַז ס'וועט בלייבן צווישן אונז — האָט קערי נישט אויסג הערט צו פֿלאָנטערן דעם ליגן, וואָס איז איר געקומען אין קאָפּ אריין.

כ'שווער דיר, קערי.

— טאָ זאָג מיר צו, אַז וועסט סעמען אַ וואָרט נישט פֿרעגן.

— אַ וואָרט נישט, קערי.

— סעם העלפֿט דעם רייכן מאַן קריגן דעם גט. ער איז אַן עדות, אַז דעם רייכן מאַנס ווייב האָט געהאַט צו טון מיט אַנדערע... אַז ווען דער רייכער מאַן איז געווען אין ניו יאָרק, האָט זי פֿאַר־בראַכט מיט איהר געליבטען ביי זיך אין הויז... סעם האָט מיר איבערגעגעבן דעם רייכן מאַנס בריף. האָט מען אונז געטראָפֿן

אין די אָוונטן אויף דער אַלייע... מער גאָרנישט, ראָז, גלויב מיר...

— כ'גלויב דיר, קערי — האָט ראָזעס קול געציטערט.

— האָסט מיך פּיינט? — האָט קערי אַ קוק געטון פון דער פענסטער אויף ראָזן, אַז זי האָט דערפילט קאַלטע דרעשטשעס.

— פאַרוואָס?

— דערפאַר וואָס מענטשן האָבן אָנגערעדט.

— אַז ס'איז דאָך אַ ליגן!

— און אַז ס'וואָלט אמת געווען?

ראָז האָט נישט געענטפערט, געקוקט אין קעריס גרויסע אויגן, וואָס האָבן געגלאָצט אויף איר, ווען דער ביינִיקער גוף האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט דער נאַכט. זי האָט דערפילט אין קעריס בליק דעם שקר, און די ווערטער האָבן זיך אַ ריס געטון מיט אַ גרילץ:

— איז די גאַנצע מעשה מיטן רייכן מאַן אַ ליגן?

— אַ ליגן, ראָז!

— און סעם?

קערי איז געשטאַנען אַ ווײַלע געשוויגן, דערנאָך האָט זי אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף ראָזעס נאַקעטן אַקסל און זיך שטיל צעוויינט.

1920

# אין א פערד-שטאַל

דער צוועלף-יעריקער וועלוול איז שוין דעם צווייטן ווינטער געוועזן ביי זיין פעטער, דעם גרויסן בער, מיטגעפאָרן אויף יעדן פערד-מאַרק.

וועלוול האָט ליב געהאט דעם פעטער, די פערד, די ירידים. אויף די ירידים האָט ער זיך באקענט מיט פערד-יינגען פון האַלב פוילן, זיך צוגעקוקט צו זייערע געגג, צו די שקרעס, וואָס זיי האָבן געמאַכט ביי קאָרטן שפילן, צו די ליגנס, וואס איינער האט דערציילט דעם צווייטן.

אין די אָוונטן זענען זיך די פערד-הענדלער מיט די יינגען צונויפגעקומען אין דעם אַריינפאָר-הויז, וואָס איז געשטאַנען הינטער דער שטאָט. זיי זענען געזעסן איבער קופליעס ביר, איבער געבראָטענע קאַטשקעס און דערציילט גבורות.

איין פערד-הענדלער האט געזוכט איבערצושטייגן א צווייטן, זעלטן צוגעלאזט א יינג צום ווארט. און כאטש אלע הענדלער זענען געוועזן טאַטעס פון קינדער. מיטגעפירט מיט זיך טליתים מיט תפילין, געדאוונט יעדן פרי-מארגן, האט קיין איינער פון זיי נישט געהאלטן פאר קיין חטא ארויסצופירן ביי א שררה פון שטאַל, צי ביי א רייכן פויער, א פאר פערד.

דערמיט האט מען זיך איבערגענומען. מען האט זיך אויך איבערגענומען, ווען ס׳האט זיך איינגעגעבן אנצושפּורן א פערד, וואס האט געליטן פון אסטמא, ס׳זאל נישט הירזשען ווען מען האט עס ארויסגעפירט אויפן מארק פארקויפן.

דער קליין געוואַקסענער וועלוול האָט זיך קוים ארויסגעזען צווישן די פערד-הענדלער, וואָס זענען געזעסן אַרום דעמבאָווע טישן.

רויטע, צעפּאַרעטע האָבן זיי געגעסן, געטרונקען, געלאַכט מיט טרערן און געווישט די וואָנסעס, די בערד מיט אויסגעשמירטע פינגער.

וועלוול וואָלט אַזוי געזעסן נעכט, ער האָט אַריינגעצויגן אין זיך דעם ריח פון געבראָטענע קאַטשקעס, דעם ריח פון פערד-מיסט, זיך צוגעהערט צו דיווילדע מעשיות און ס׳יונגע בלוט זיינס האָט זיך האַסטיקער געטריבן, זיך געגאָסן פון די הענט און די פּלייצעס. ער האָט איבערגעלעבט יעדע דערציילטע מעשה.

— בקיצור — האָט דער גרויסער בער אַ חיש געטון זיין רויטע באָרד, וואָס האָט געפּלאַמט אונטער דעם בליק לאָמפּ — ווי כ׳האָב אַ קוק געטון אויפן אָגער איז מיר וואָרעם געוואָרן ווי נאָך אַ גוטן טרונק בראָנפן. אַזאַ בחור האָב איך שוין לאַנג נישט געזען. אַ רויטער, מיט אַ פּאָר ווייסע לעטשלעך. ער טוט זיך קיין ריר נישט, קוקט מיט איין אויג אויפן עולם און אַ „נאַש-בראַט” זעט ווי די פעל אַרום בוין פעלדלט זיך, ווייס, אז דאָרט אינוויינניק, אין די געדערים, יאָגן זיך ביים אָגער אַרום אַ הונט מיט אַ קאַץ. וואָס זאָל איך אייך זאָגן, הברה, כ׳האָב געציטערט, געקוקט ווי עולם קלייבט זיך אַרן דער שררה, אַ עלטערער גוי, טענעט, אַז ער וויל דעם אָ ער טוישן אויף אַ שטיל פערד. דער אָגער, זאָגט ער, איז ווילד, לאָזט נישט צו זיך אונטער-גיין.

— מיך וועט ער נישט אַראָפּוואַרפן — האָט דער געשטופּלטער שייגעץ זיך אַרויסגערוקט.

— נו, פּרוביר!

— בקיצור. וויפל יונגען און שקצים זענען געווען אויפן מאַרק, האָט דער אָגער אַלעמען אַראָפּגעשליידערט פון זיך. דער שררה שטייט און לאַכט און אויף מיר, וואָס אמת, געגנולט די הויט — אַזאַ צאַצקע אַ פערד האָב איך שוין לאַנג נישט געזען. קויפן אַזוי אויפן קוק האָב איך מורא. מען דאַרף אים אויספּרובירן, דעם אָגער, טאָמער לאָמט ער, צי ער דעכעט גאָר? רוקט זיך מיר אונטער וועלוול:

— פעטער, מיך וועט ער נישט אַראָפּוואַרפן!

— וואָס איז דאָ לאַנג צו ברייען, איידער וואָס, וועז, דער פּופּעק, וועלוול מיין איך, זיצט שוין אויפן פערד. נישט ער זיצט, ער ליגט, בייסט זיך איין מיט די הענט, מיט די פיס, ווי אַ ראַק. ס׳פערד שטעלט

זיך אויף די פאָדערשטע פיס, נעמט גיין וואַסער-טריט, ווייל אים אַראָפּ־וואַרפן, מיט אַמאָל צעהירזשעט זיך דער אָגער איינמאָל, נאָכאַמאָל, גיט זיך אַ צי, וואַרפט אַפיר די קאָפּיטעס און פּאַטשט אַוועק איבערן מאַרק.

וועלוול האָט זיך גערויטלט, געוואָרפן מיט די אויגן, ווען דער גרויסער בער האָט דערציילט וועגן אים. ווען ער שעמט זיך נישט. וואָלט ער צוגעפאַלן צום פעטערס גרויסע הענט זיי אויסגעקושט קיינער האָט נישט געוווּסט, ווי ליב וועלוול האָט דעם פעטער, גע־ליטן וואָס ער, וועלוול, איז נישט קיין רויטער. דער גרויסער בער משה ביק, שלמה אָגער — זייערע בערד האָבן געברענט אונטער דעם בליץ-לאָמפּ.

שפּעט אין אָוונט זענען די פערד־הענדלער זיך צעגאַנגען. וועלוול, איז צוּרויס מיטן פעטער.

די נאַכט איז פול געווען מיט געבראָטנס, מיט פרישׁ ברויט. די הייזלעך איינגעקאָרטשעטע האָבן געשטעקט אין דער נאַכט מיט פאַר־ריסענע דאַשקעס, דערציילט, אַז הינטער די פינסטערע ווענט רוען פאָרלעך, וואַרעמען זיך אונטער פערינעס.

דער גרויסער בער האָט שטייפער פאַרצויגן דעם פּאַסעק אַרום די הויזן, איינגעטענעט מיט זי׳ אויפן קול, ווי וועלוול וואָלט נישט געגאַנגען דערנעבן.

אַז זיי זענען אַריין אין שטאַל, האָט דער אָגער זיך אַ שטעל געטון, צעבלאָזן מיט די נאָז־לעכער דעם האָבער פון דער קאָריטע און זיך צעלאַכט. אז די הילצערנע ווענט האָבן מיטגעהילכט. דער גרויסער בער האָט אים ארומגענומען פאַרן האַלז, געגלעט, צוגעלייגט ס׳פּנים מיט דער באָרד צו דער גריווע, געהאָרן איין שטיק רויטקייט.

וועלוול האָט געהאלטן די נאַפּט־לאַמטערנע, אָנגעקוואָלן, געווען גליקלעך, וואָס ער איז מיטן אָגער אין איין שטאַל און פון גרויס פרייד געגלעט ס׳פערד פאַר די דינע, שטאַרקע פיס, פאַרן פינקלדיקן בויך.

— מיר וועלן מאַכן נאַכט, האַ, וועלוול? — האָט דער גרויסער בער אייפגעהאָנגען די לאַמטערנע אַזוי, אַז די שיין איז געפאַלן אויף די פערד און פינסטערער געמאַכט די געלעגערס אויפן היי.

װעלװל האט זיך פארקליבן אויפן היי, זיך איינגעגורעט, די שטױב־עלעך האבן געקרעלט אין דער נאז. ער האט זיך פונאנדערגענאסן, איינמאל נאכאמאל. מיטן ניסן איז דער שלאף אװעק. הײעלעך זײנען פאר־קראכן אין די שטיװל, אין די ארבל, אין קארק אריין, די הײעלעך האבן געקיצלט, געטריבן ס׳בלוט אין די אדערן. דערציילט, אז די פערד־ייִנגען רעדן שמוציקע רייד, בארימען זיך װעגן מיידלעך אין ער, װעלװל האט פיינט מיידלעך. װייס נישט װי נאך מען קאן זיי ליב האבן. ער האט ליב דעם פעטער, די פערד, אפילו די פערד־ייִנגען.

װעלװל איז געלעגן מיט אפענע אויגן, אנגעגומען פון מאל צו מאל פולע לונגען מיט פרישן פערד־ריח און נישט באמערקט װי דער פעטער האט זיך ארויסגעשארט פון שטאל.

װעלװל האט זיך מיט אמאל אויפגעזעצט, געהערט דעם פעטערס שטים:

— ס׳יינגל שלאפט װי א געהרגעטער.

— װארט נאך א ביסל,

אין דעם קול האט װעלװל דערקענט די מויד פונם ארײנפאר־הויז. ער האט נישט געגלויבט אויפן פעטער, סתם נישט געגלויבט ס׳זאל זיך געפינען א מאנטביל, װאס װעט װעלן האבן צו טון מיט אזא פארזעעניש.

זי איז געװען ברייטער, װי הכּער. די האר נישט אויסגעקעמטע, זענען געלעגן אויפן קאפ װי א צערודערטער נעסט.

װעלװל האָט זיך אַריס געטון פון היי, געװאָלט אַרויס פון שטאָל. איז אָנגעקומען דער פעטער. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט הינטער אַ זאַק מיט פּאַשע און געציטערט פון באַליידיקונג.

— כ׳האב דיר געזאָגט, אַז ער שלאפט — האט דער גרויסער בער אַ שלעפ געטון צו זיך די מויד, זי ארומגענומען. אַז מען האט געהערט װי די ביינער קנאַקן.

װעלװלען האט פארפעלט אטעם, זיך געשעמט פאַר זיך, פאַרן פעטער, אַפילו פאַר די פערד.

דאס הויבן זיך פון די פערדישע בײכער איז אנגעקומען מיטן רויש פון בלאז־זעק, געשטאַנען אין די אויערן.

ס׳האט זיך געהערט א הילך פון אַ קוש. איבער דער וואנט האבן זיך אַ שאַר געטון צוויי געשטאַלטן און געבליבן ערגעץ שטעקן אין דער פינסטערניש.

וועלוול האט זיך געגראבן הינטערן זאַק, ווי אַ קראַט, פאַרשטופּט די אויערן מיט די שפּיץ פינגער, פאַרקוועטשט די אויגן און אַלץ געזען.

אַ ווייטיק, וואס אַ מיאוסע פרעמדע מויד האט זיך אריינגעריסן צווישן אים און זיין פעטער, האט וועלוולען געשטיקט אין האַלז. ער האט זיך גערוקט צו דער טיר און אַז ער איז שוין געווען אין דרויסן, האט ער דערפילט אַ שנאה צום פעטער און ווען ער וואלט גע־האט אַ פערד וואלט ער אַוועקגעפּאַטשט אין דער וועלט אריין.

1927

# חלומות

יאָרן האָבן טאַטע-מאַמע געחלומט, זייער טאָכטער רוטי זאָל שוין ענדיקן קאָלעדזש, ווערן אַ לערערין. דער פאָטער, אַ לוסטיק יידל, נאָר אַ קנאַפּער פּארדינער, האָט געגלויבט, אַז דורך דער טאָכטער וועט ער אויפגעריכט ווערן. געווי, וואָס דאָ דאַרף פאַרקומען, האָט ער אַליין נישט געוווסט, געהאַלטן אָבער ביי יעדער געלעגנהייט אין טריי-סטן ס'ווייב:

— נישט געדאַגהט, לאה — די מאָגערע יאָרן ענדיקן זיך שוין, ס'וועלן זיך באַלד אָנרוקן די פעטע...

— פון דיין מויל אין גאָטס אויערן, בערל — איז ס'ווייב, אַ שוואַרצע ווי אַ ציגיינערין, אריין דעם מאַן אין טאָן.

— און ביז צו אַ סענט וועל איך ביי איר אויך נישט צונעמען, — האָט דער פאָטער געפּלאַנט אויפן קול, — זי וועט קאָנען זאמלען אַ טאָלער.

— ביסט אַ מבין, וואָס אַזאַ מיידל דאַרף? — האָט ס'ווייב גע-טענהט אירס. — מען קומט אין אַ העכערער געזעלשאַפט, מען דאַרף מיטמאַכן...

— מיינסטו טאַקע, לאה אַז שוין אויס יושר אויף דער וועלט? — האָט בערל זיך אַ שטעל געטון הארט לעבן ווייב און ווילעריש אַ דריי געטון די געדיכטע וואָנסן. — מיינסט טאקע ס'איז געשריבן, אז כ'דארף פון דער פרי ביז אין אוונט פארשווארצט ווערן ביים פּרעס-אייזן? ווארט, איך האב נאָך מיין געשריי נישט געטון!

די וואָך, ווען רוטי האָט געענדיקט, איז אין שטוב געווען א יום-טוב. מען האָט פארגעסן, אז דער „באָרדער" (סאַבלאקאַטאר) האָט זיך אַ-רויסגעקליבן, אַז די פופצן דאָלאר, וואָס ער האָט געצאָלט פארן צימער,

וועלן אויסצאָלן דעם הודש אויף דירה־געלט. די מאמע, דער טאטע דער צוועלף יעריקער ברודער — אלע זענען געווען פארנומען מיט רוטין, איר געבראכט מתנות, געזען, ס'זאל זיין פריילעך אין שטוב.

שבת נאך דער ארבעט, האט בערל זיך גוט ארומגעוואשן, זיך איבערגעטון אין די זונטיקדיקע קליידער, געווען שטארק פארנומען מיט די וואנסן, וואס זענען נישט איינגעלעגן. ער האט זיך געקליבן מיט דער משפחה צום שוואגער זיינעם אין ווייַן־קעלער אריין. איצט, אז ער וועט קומען מיט רוטין, אַ געענדיקטע לערערין, וועט דער שוואגער נישט האבן מיט וואס זיך איבערצונעמען. לאז ער וויסן, דער געלער, אז נישט אַלץ איז געלט.

אויפן וועג האט בערל זיך אַ בויג געטון צום ווייב, זי אנגענומען פאר א האנט:

— וועסט נאך מקנא זיין דיין ברודער? אין פארגלייך מיט אים בין איך דאך א קבצן און וואס האָט ער געמאַכט פון זיין רויטער מויד?

— הויבסט שוין אָן, בערל? — האָט ס'ווייב געוואָלט איבער־בייטן דעם שמועס.

— שלעכט, דעם אמת קאָן אַפילו אַן אייגן ווייב נישט הערן, — האָט בערל דערזען די לעמפּלעך פון ווייַן־קעלער און גענומען גיין פאַמעלעכער, — כ'טראַכט, הלילה, נישט אויס קיין בלבול. כ'וועל עס זאָגן דיין אייגענעם ברודער!

— אויב דו ווילסט, בערל, כ'זאָל דיך לאזן שטיין אינמיטן גאַס, קאָנסטו עס ביי מיר פועלן! — האָט דאָס ווייב זיך אריס גע־טון פון מאַן.

— נו שוין, נו שוין, — האָט בערל פעסטער א נעם געטון ס'ווייב פאַר דער האנט, געוואָלט פאַרגלעטן.

מיט אַ רחבות האָט בערל אַן עפן געטון די טיר פונם ווייַן־קעלער, אריינגעלאָזט די משפחה. ער האָט זיך דורכגעשטופּט אויף אַ פריער, געזוכט אַ פּלאַץ.

דער ווייַן־קעלער איז געווען געפאַקט. אַרום די טישלעך זענען געזעסן רומענישע יידן מיט ווייבער, יונגעלייט מיט מיידלעך, גע־קנאַקט מאנדלען, געוויכערט און הנאה געהאַט פון אַ היימיש גלעזל

וויין. אין אַ ווינקל איז געזעסן אַ גרויער קלעזמער, אויסגעשפּילט אויף אַ פידל רומענישע פאָלקס-ניגונים. דאָס פּובליקום האָט שטיל מיט-געזונגען, צוגעקלאַפּט מיט די פיס צום טאַקט. פון מאָל צו מאָל איז ארויס אַ פּאָרל פון הינטער א טישל. דער עולם האָט געמאַכט פּלאַץ און דאָס פּאָרל האָט זיך פויל געשאַרט, ווי עס וואָלט אויף איין אָרט געשטאַנען און געררייצט מיט יעדן קער, מיט יעדן בויג.

פון דעם עולם, פון די ניגונים, פון די עלעקטרישע לאָמפּן און פון די געפּרעגלטע פליישן, האָט זיך געטראָגן איבערן קעלער א געשריי, וואָס האָט פארטויבט, געררייצט, געמאַכט טרוקן אין האַלז — האָט מען באשטעלט עכטן היימישן וויין.

דער באַלעבאָס איז באַלד אונטערגעקומען, זיך צעקושט מיט דער שוועסטער, מיט רוטין, זיך באַגריסט מיטן צוועלף יעריקן יינגל, מיטן שוואגער:

— האַלאָ, בערל, האָסט, דאַכט זיך, א צימער צו פארדינגען?

בערל האָט זיך געפילט געטראָפן, וואָס דוקא איצט איז אים איינגעפאלן, דעם געלן רמאי, צו רעדן וועגן צימער. ער האָט זיך נישט געמאכט הערן און געוויזן אויף דער טאכטער:

— זי איז דאך שוין א לערערין!

— איך גראטוליר, — האט דער פעטער געדריקט רוטין די האנט — אויב אזוי, זייט היינט מיינע געסט! העי, פיליפּ, — האט ער אפּגעשטעלט דעם קעלנער, וואס איז פארבייגעלאָפן, — א קריגל ווייסן און א קריגל רויטן.

אליין איז ער צוגעלאָפן צום בופעט, געבראכט אין א טעלער א געבראטענע קאטשקע. זי צעפּערטלט און זיך צוגעזעצט צו בערלען.

נאך די ערשטע גלעזלעך וויין איז בערל פרייליכער געווארן, געהאלטן אין איין צורופן איין לאנדסמאן נאכן צווייטן, און באלד איז ארום טישל אויסגעוואקסן אן עולם. אלע האבן נעווינשעוועט בערלען, דעם ווייב, וואס זיי האבן שוין א טאכטער א לערערין. בערל האט אריינגעצויגן א גלאז וויין נאך א גלאז, געווארן רעדעוודיק, ער האט דערציילט נישט נעשטויגענע נישט געפלויגענע מעשיות, זיך פארגעסן, און אליין געגומען גלויבן אין דעם אלעם, וואס ער זאגט. דער עולם האט געגאפט און ס'ווייב האט זיך נעשראקן, דער מאן זאל נישט

פארטשעפּען דעם ברודער.

בײַ אַ לאַנגן טיש זענען געזעסן אַ חברה יונגעלײַט מיט מיידלעך, געטרונקען, געלאַכט, געזונגען ייִדישע לידער.

— װער זענען די פּאַרשױנען? — האָט בערל געפרעגט בײַם שװאָגער.

— דאָס זענען פּאָעטן, ייִדישע פּאָעטן, — האָט דער בעל־הבית געענטפערט און אָנגעװיזן אויף אַ בלאָנדן יונג מיט אַ שױבער האָר, װאָס איז נישט אײַנגעלעגן אױפֿן שטערן — אָט דער דאַרף אַ צימער.

— װאָס האָסטו זיך הײַנט אױף מיר אָנגעזעצט מיטן צימער? — האָט בערל אַ כאַפּ געטון דעם שװאָגער פאַר די אַקסלען, — פאַרגינסט מיר נישט מײַן טאָכטערס שמחה...

— לאָז אים, לאָז אים, — איז ס׳װײַב אַרײַן אין דער מיט, — ער איז שוין פאַרקנאַקט! װער, זאָגסטו, דאַרף אַ צימער? דער בלאָנדער? זײַ אַזױ גוט און רוף אים צו?

— מיסטער גראָס, האָט נישט פּאַריבל! — האָט דער בעל־הבית צוגערופֿן דעם בלאָנדן.

דער בלאָנדער יונג איז אונטערגעקומען, געקוקט אױף רוטין מיט שדימלעך אין די אױגן. אי דער פרעמדער, אי בערל, צעגאַר־טלטע, זענען געװען גוט אױפגעלייגט. דער יונג האָט געשטעקט בער־לען האַנט־געלט אײדער ער האָט געזען דעם צימער און בײדע האָבן געטרונקען גוט־ברודערשאַפט. דער בלאָנדער איז שוין געבליבן זיצן לעבן רוטין און װאָס די חברים האָבן נישט צעאַרבעט, אים גערופן צו זייער טיש — ס׳האָט נישט געהאָלפן.

רוטי, נאָך שװאַרצער, װי די מוטער אַן עכטע מולאַטקע, איז געזעסן אַ צעפּינטלטע. עס האָט זיך איר צו מאָל נישט געחלומט, אַז זי װעט זיך אַמאָל באַקענען מיט אַן אמתן פּאָעט און דאָ זיצט לעבן איר אַ פּאָעט, מאַכט קאָמפּלימענטן און קלױבט זיך גאָר אַריבער צו זײ, װעט װױנען מיט איר אין אײן דירה.

דער װײַן האָט זיך רוטין געשפּאַרט אין קאָפּ אַרײַן. די מאַטע באַקן זענען געװאָרן טונקעלער, נישט אַרױסגעלאָזט די פלאַמען, װאָס האָבן זיך ערגעץ אין דער טיף געצונדן אין איר.

שפּעט אין דער נאַכט איז בערל מיט דער משפּחה אַהײם־

געגאַנגען, מיטגעפּירט מיט זיך דעם „באָרדער". בערל האָט זיך געגעסן, וואָס דוקא היינט, ווען ער האָט געוואָלט זיין אַליין מיט דער משפּחה, שלעפּט זיך מיט אַ פרעמדער. אין אַלעם האָט ער באַשולדיקט דעם שוואָגער, געהאַט פאַרדרוס, פאַרוואָס ער האָט אים נישט אָנגעזידלט און זיך געכאַפּט, אַז ער שפּרייזט איינער אַליין.

אויף אַ פּריער איז געגאַנגען רוטי מיט דער מוטער, זיך איינגעהערט, וואָס דער פרעמדער דערציילט. דאָס יינגל האָט זיך נאָכגעשלעפּט. ביי בערלען האָבן זיך די פיס צעוויגט, זיך געהויבן, ווי גומענע. אין קאָפּ איז געווען אָנגעגרויכערט. ער האָט אַ שטעק געטון די האַנט, שיר נישט געפאַלן און אַ שלעפּ געטון צו זיך ס'צוועלפיעריקע יינגל:

— קום נאָר אַהער, סעם!

ער האָט אַרומגענומען סעמען פאַרן האַלז, ווי יינגלעך חברים טוען, אָפּגעגאַנגען אַזוי אַ ווייל און זיך צערעדט:

— לערערייִ איז פאַר ווייבער... אָ סעם, מוזט ביי מיר ווערן אַ דאַקטאַר! נישט פון די „איסט־סײַדער" דאָקטוירעמלעך, נאָר טאַקע אַן אמתער דאָקטאָר, מיט אַן אייגענער „מאַשין", מיט אַ נעגער ביי דער טיר... איך וועל ביי רוטין נישט נעמען קיין סענט. זאַמלען דאָס געלט פאַר דיר אויף קאַלעדזש, ווייזן דעם פּעטער דיינעם, דעם כאַמולע, אַז געלט איז נישט אַלץ. הערסט, סעם, געלט איז נישט אַלץ..

דאָס יינגל האָט זיך איינגעקאָרטשעט, גאָרנישט געענטפערט. ער איז געווען שטאָלץ מיטן פאָטער, זיך צוגעדריקט צו אים, זיך איינגעהערט צי ער רעדט און אָנגעשטעקט געוואָרן מיט דעם פאָטערס חלום.

# א שידוך

איבער א וואך איז די מוטער, נישט קיין הויכע, מיט הונגעריקע אויגן, אַרומגעגאַנגען א דערשלאָגענע, אויסגעמיטן די שטוביקע. און אז זי איז געבליבן אליין, האָט זי קיינעם נישט באשולדיקט אין דער טאָכטערס אומגליק א חוץ זיך.

דאָס איז געווען דאס ערשטע מאל, וואָס אירס א פלאן איז דורכגעפאַלן. פארן מאן אָבער האָט זי עס נישט געוואלט צוגעבן. געוויינט געווען פון דער חתונה אָן צו זיין די דעה-זאגערין. זי האָט געזען דער מאן זאָל נישט אַרבעטן פאר פרעמדע, אים געטריבן צום מסחר, און וואס בעסער די געשעפטן זענען אוועק, אלץ מער איז אין הויז געוואקסן איר דעה.

די מוטער האט געלייענט ביכער. געוווסט אז אויב עס איז פאראן א געלעגנהייט זיך ארויפצוארבעטן, איז עס אין די פאַראייניקטע שטאטן. ביי יעדער געלעגנהייט האט זי איבערדערציילט פארן מאַן, ווי אָרעמע פאַרמער-ייינגלעך זענען געווארן מיליאנערן, זיך אפילו דער-שלאָגן צום „ווייסן-הויז", שטענדיק דערמאנט גארפילדן און לינקאָלן.

די מוטער האָט געוווסט, אז א מיידל קאַן ווייט נישט אוועק, האָט זי טאַקע אזויפיל נישט געחולמט ווענן דער טאכטער, ווי וועגן דעם איידעם, וואס זי חעט זיך נעמען. זי האָט שוין אפילו געהאט איבערגערעדט מיטן מאַן, ער יאָל ליקווידירן זיינע געשעפטן אין דער פראווינץ און זיך אַריבערקלייבן קיין ניו יאָרק, וווּ די טאָכטער האָט גע-לערנט אין אוניווערזיטעט. די מוטער האט געהאפט, אז דורך דער טאכטער וועט זי אויך ארייַנגעצויגן ווערן אין דער הויכער געזעל-שאפט.

און מיט אַמאָל אזא קלאפּ.

דער מאַן וועט צו איר האָבן טענות און גערעכטע. ער האָט זיך דאָך בײַ איר געבעטן, מען זאָל אסתּרן, זייער איינציקע טאָכטער, נישט שיקן אין דער פרעמד. דאָס מיידל האָט געענדיקט „הײַ־סקול״, דאַרף מען פֿאַר איר אויסזוכן אַ לייטישן יונגנמאַן, אַ פֿאַרדינער און זי חתונה מאַכן. וואָס דאַרף אַ מיידל זיך וואַלגערן אין דער פרעמד, זיך פֿאַרדרייען אַ קאָפּ מיט קורסן?

דאָס מאָל האָט זי זיך געמאָגט צוהערן צום מאַן, זיך געדאַרפט רעכטן, אַז אסתּר וועט נישט איין נאַרישקייט אָפּטון אין דער פרעמד. עס איז דען אַ מיידל — עס איז דאָך אַ שד.

די מוטער האָט אָבער אויסגעפירט אירס, אַוועקגעשיקט די טאָכטער לערנען, און פֿאַר די צוויי יאָר וואָס אסתּר איז געווען אין ניו יאָרק איז דער מוטער אויף אַ רגע נישט איינגעפֿאַלן, אַז די טאָכטער זאָל זיך אַזוי באַנאַרישן.

אסתּר האָט פֿאַרטרויט דער מוטער, אַז זי האָט ליב אַ יונגנמאַן וואָס שרייבט יידישע לידער. די מוטער האָט נישט געוואָלט הערן דערפון, כּמעט אויפגעהערט צו רעדן מיט דער טאָכטער. דער עקשן אין דער מוטער, וואָס איז געווינט געווען אַלץ אַוועקצושטעלן אויף זיין שטייגער, איז זיכער געווען, אַז היינט-מאָרגן וועט ער אויך ברעכן אסתּרן.

אסתּר איז צוגעשטאַנען צו דער מוטער, זיך געבעטן בײַ איר, געסטראַשעט. און אַז קיין זאַך האָט נישט געהאָלפן, האָט אסתּר איר איינגערוימט, אַז זי טראָגט. אויף דערויף האָט זיך די מוטער אַיינגעצן נישט געריכט: געמיינט בעת מעשה, אַז אסתּר ווי, איר איבער-שרעקן, און דער שמייכל אין אירע אויסגעהונגערטע אויגן האָט זיך נישט איינגעגעבן.

מאַמע און טאָכטער האָבן זיך אָנגעקוקט אַ ווײַלע. די בליקן האָבן זיך פֿאַרטשעפּעט מיט אַזאַ שנאה, אַז ביידע האָבן געשטעלט עטלעכע טריט אויף צוריק. איצט ערשט האָט די מוטער באַמערקט אין יעדן ריר פֿון דער טאָכטער אַ פֿולקייט, געווען זיכער, אַז די פּלייצעס זענען בײַ איר פֿולער, קיילעכדיקער.

— מיינסט עס מיט אַן אמת? — האָט די מוטער זיך געשטיקט.

דאָס האַרץ בײַ אסתּרן האָט זיך צונויפגעקאָרטשעט, זיך געשפּאַרט

ווי אַ פּויסט אין האַלז אַריין. זי האָט אַ כאַפּ געטאָן די הענט צו די אויגן, גענומען ציטערן מיט די אַקסלען און זיך פונאַנדערגעוויינט.

די מוטער איז אַריין צו זיך אין שלאָפצימער, פאַרקלאַפּט נאָך זיך די טיר. דער גאַנצער בנין, וואָס האָט זיך אַזוי פיל יאָרן געהאַלטן אין בויען, איז זיך צעפלויגן אין אַ רגע. דער עקשן אין איר איז צעווייקט געוואָרן אין די טרערן, וואָס האָבן זיך אַ גאָס געטון פון די אויגן.

זי האָט עפּעס געוואָלט צוריקכאַפּן, אַליין נישט געוווּסט וואָס, זיך געדרייט איבערן שלאָפצימער מיט פאַרקוועטשטע ליפּן. מיט אַמאָל האָט זי אַן עפן געטון די טיר, זיך געלאָזט אויף דער טאָכטער. און אַז זי איז שוין געשטאַנען האַרט לעבן איר — האָט זי זיך צעלאַכט מיט טרערן:

— קומט דאָך מיר מזל־טוב, טאָכטער!

דעם זעלבן אָוונט איז די מוטער שוין געווען רויק, ווי שטענדיק, בלויז די אויסגעהונגערטע אויגן האָבן אָנגעוויזן די זיכערקייט, אויך־געמיטן דעם מאַנס בליק. זי האָט אַריינגעטענהט אין אים:

— הערסט, הערי, לאָז זי לויפן! זי וויל זיך נישט פאַרלאָזן אויף אונזער מבינות, זיך אַליין אויסגעקליבן אַ חתן, גוט! כ׳האָב צו איר גאָרנישט! זי זאָגט ער איז אַ פּאָעט...

— וואָס איז ער? — האָט דער פאָטער, אַ הויכער, אַ פּלייציקער, מיט אַ גאָמבע ברייט ווי אַ פּויסט, פאַרצויגן אַ סיגאַר און זיך איבער־געפרעגט.

— ער שרייבט לידער אין יידישע צייטונגען, האָט שוין ביכער אויך אַרויסגעגעבן — האָט דאָס ווייב זיך געערגערט, וואָס זי זאָגט בלויז גוטס וועגן דעם פרעמדן, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין איר לעבן, עס צעשטערט — וואָס אמת, איז מיר דער שידוך נישט צום האַרצן! נישט דאָס האָב איך געמיינט, און נישט וועגן דעם האָב איך געחלומט! מען קאָן זיך אָבער נישט העלפן! מן הסתם אַזוי באַשערט!

— און אַ לעבן מאַכט ער, דער „פּאָהעט”? — האָט הערי אַרויס־געלאָזט אַ מויל מיט רויך.

— כ׳ווייס נישט — האָט דאָס ווייב געוואָלט צוריקכאַפּן, זיך שטעלן אויף דעם טאָכטערס צד — האָבן מיר דאָך ביידע התונה,

געהאַט אָרעמעלייט און גאָט האָט אונז געהאָלפן! פאַרזיכערן זיך אויפן גאַנצן לעבן, מיין מאַן, איז אוממעגלעך!

— ביסט גערעכט, — האָט הערי זיך אויפגעשטעלט, — אָבער לייגן זיך מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנק בעט דאַרף מען אויך נישט!

— דאָס מיין איך טאקע, הערי — האָט דאָס ווייב זיך אויך אויפגעשטעלט — כ׳וויל דו זאָלסט מאָרגן פרי אַריבערפאָרן קיין ניו-יאָרק וועסט אריינגיין אין דער רעדאקציע, וווּ דער יונגערמאַן, גראַנאַט הייסט ער, שרייבט, אַ רעדאַקטאָר איז אַ פאַראַנטוואָרטלעכער מענטש וועסט זיך דורכשמועסן מיט אים. אַז דער יונגערמאַן איז ארעם, ווייס איך, איך וויל זעהן צי ער איז אַן אָנשטענדיקער מענטש.

צומאָרגנס איז אסתרס פאָטער אָנגעקומען אין דעם יידישן קוואַרטאַל, וווּ די צייטונגען געפינען זיך. אַז הערי איז שוין געשטאַנען פאַר דעם געביידע פון דער צייטונג, האָט ער זיך דערמאָנט אַז גראַנאַט איז אַ פּאָעט, האָט שוין עטלעכע ביכער אָנגעשריבן. ער האָט זיך געטראַכט, אַז איידער וואָס-ווען איז גלייכער אַריינצוגיין אין אַ בוך געשעפט, קריגן גראַנאַטס ביכער. און אַז עס וועט אויסקומען צו רעדן מיטן רעדאַקטאָר, זאָל ער כאָטש וויסן אָנצורופן אַ בוך ביים נאָמען.

הערי האָט אויפגעזוכט דאָס ערשטע בוך-געשעפט און איז אַריין.

— קאָן מען ביי אייך קריגן גראַנאַטס שריפטן?

— גראַנאַטס שריפטן? — האָט דער מוכר-ספרים געשמייכלט — אינגאַנצן האָט גראַנאַט איין ביכעלע.

— צייגט דאָס ביכעלע.

דער מוכר-ספרים האָט אים דערלאַנגט אַ דין ביכל מיט לידער. הערי האָט עס באַקוקט פון אַלע זייטן, אויסגעפרוווט אויף דער פלאַך פון דער האַנט די וואָג פון דעם ביכל, ווי דאָס וואָלטן נישט געווען אַ פּאָר צענדליק בלעטער מיט טאָוולען, נאָר דער חתן פון זיין אסתרן. אַ נישט-צופרידענער האָט ער אַ פרעג געטון:

— וויפיל קאָסט עס?

— פופציק סענט.

ער האָט אַ שאר געטון דאָס ביכל איבער דער צאָלבאַנק, זיך געפּלט באַליידיקט פאַר אסתרן, פאַר זיך. וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט פאַר אים פופציק סענט! און די פופציק סענט האָט ער פאַר קיין פאַל גישט געקאנט אפטיילן פון זיין טאכטער.

וואס פאר א וואַרפעריי? — האט דער מוכר־ספרים אים נאָכ־געשריען. — מען האט ס'קדחת, ליגט מען אין בעט!

דער רעדאקטאר, אן אלטיטשקער האט הערין אויפגענומען ביי זיך אין קאבינעט, געהייסן דערציילן, וואס ער וויל.

דער רעדאקטאר האט בשעת־מעשה איבערגעקוקט מאנוסקריפטן־געהאלטן אין איין רעדן אויפן טעלעפאן. און הערין האט זיך אויס־געוויזן, אז דער אלטיטשקער הערט נישט וואס ער, הערי, רעדט, יעדעס מאל וואס הערי האט אויפגעהערט רעדן, האט דער רעדאקטאר צוגעגעבן:

— דערציילט ווייטער. כ'הער!

און אז הערי האט געענדיקט, האט דער רעדאקטאר פארצוינן א סיגארעט און סתם א זאג געטון:

— אזוי, נעמט איר גראַנאַטן פאר אן איידעם:

— נישט איך, מיסטער רעדאקטאר — האט הערי זיך אפּ־געשאקלט פון שידוך — דאס האט מיין טאכטער זיך אויסגעקליבן אזא חתן: ביי טאטע־מאמע פרעגט מען נישט היינטיקע צייטן קיין עצה!

— איר דארפט זיך אזוי נישט ווארפן מיט גראנאטן, א ווילער יינגערמאן!

— און שרייבן, — האט הערי אנגעהויבן שטאמלען — כ'מיין, ווי רופט איר עס, טאלאנט האט ער?

דער אלטיטשקער האט פארצויגן דעם סיגארעט, זיך פאר־בראכט און געענטפערט:

— דער יינגערמאן האט אין זיך עפעס.

דער רעדאקטער האט זיך אויפגעשטעלט, געגעבן דערמיט אנצוהערן, אז דער וויזיט איז געענדיקט. א פארלוירענער האָט הערי

פארמאכט נאך זיך די טיר. און אז ער איז שוין געווען אויף דער גאס האט ער נאך אלץ געקוועטשט מיט די פלייצעס, געלאכט פון דעם רעדאקטארס ווערטער, אז דער יינגערמאן האט אין זיך עפּעס, און נישט געוווסט מיט וואס ער פארט צוריק צום ווייב.

1927

# אַ ליציטאַציע

מיטן באַגינען זענען די חשובסטע חסידים פון דעם שטיבל „שומרי־שבת", וואָס אויף גרענד סטריט, פאַרפאָרן פאַרן מאַנטעפיאָרי בית-עלמין אין צוויי געפאַקטע אויטאָמאָבילן.

פון מזרח האָט זיך שוין געהויבן דער פרימאָרגן, אַ קילער, אַ צעפּאַטשטער, געוואָרפן שטיקער ליכט צווישן די שורות מיט קברים, אַרויסגעפינקלט פון דעם נאַסן גראָז, פון די מירמלשטיינערנע פּליטן און מצבות.

שטומע האָבן די חסידים זיך אַריינגעשאַרט אין דער שטילקייט פון דער אַרומגעצוימטער שטיק „קרקע", וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַ שאַך־ברעט, געשניטן אין קעסטלעך און אויסגעשטעלט מיט פיגורן. דאָס זענען זיי אַליין געקומען גראָבן אַ קבר פאַר זייער רבין, וואָס איז ביינאַכט נפטר געוואָרן, געזען די גוייִשע גרעבערס זאָלן זיך נישט ווייזן אויף די אויגן.

די חסידים מיט די געשווירענע בערד האָבן זיך געהאַלטן אָן אַ זייט, אַרומגעטאַנצט, ווי שיק-יינגלעך מיט די מכשירים. די סאַמע אָפּגעהיטסטע האָבן זיך געשטעלט גראָבן.

אַ גרויער, זשוואַחער חסיד האָט אַ גוטן שמעק טאַבאַק געטון, זיך אַריינגענאָסן אין דער באָרד און גענומען זוכן אַרום זיך אַ שפּאַדעל:

— משה, וווּ האָסטו אָהינגעטון די שיפּליע?

— אַט ליגט זי דאָך ביי דיינע פיס!

דאָס שוואַכע ליידערל, וואָס האָט געצאַפּלט מיט דער נשמה, איז געווען פון די הויפּט מתעסקים. אַליין האָט דאָס קיין קלאַפּ נישט געטון מיט אַ פינגער, געווען אַ ייד אַ חלש, דערפאַר האָט ער געהאַלטן

אין איין געבן עצות. קיינער האָט נישט געוווּסט, פאַרוואָס לייזערל נעמט זיך איבער. יאָרן ווי ער האָט זיך אויפגעהאַלטן אין דעם חסידים שטיבל, געגעסן יעדע וואָך ביי א צווייטן. מען האט זיך גע-ריסן איבער אים, געוווּסט, אז לייזערל עסט נישט קיין אנדער פלייש, ווי ביילִיק פון הינער. אז מען האט זיך געשטעלט גראבן דעם קבר, האט לייזערל פארווארפן ס׳קעפל און מיט א מאראַליש קול גע-נומען זאגן תהלים. דער עולם האט אונטערגעכאפּט.

דער שמאָלער, לאַנגער קבר איז געוואַקסן אין דער טיף. יעדע ווײַלע האבן זיך די חסידים געביטן, געגראבן צו צוויי, ביסלעכווייז געזונקען אין דער ערד אריין, ביז מען האט זיי מער נישט ארויס-געזען, בלויז די שפּאַדלעס האבן זיך געהויבן, ארויסגעוואָרפן געלע לייםיקע ערד.

ווייט אויפן בית-עלמין איז געשטאַנען א צעקילטע זון, זיך גע-ריסן פון צווישן די קברים אין הימל אַריין, געטריבן די שטיקלעך אַנגעוואָרענע וואָלקנס.

ס׳איז געווען סוף אָב.

אַן אַלטיטשקער, אַ באַוואַקסענער, צעדרייט ווי אַ קוליע, איז אָנ-געקומען פון צווישן די מצבות. נאָך אים האָט זיך שוין געצויגן אַ זקנה, מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, וואָס האָט זיך שוין געצויגן אין קבר אַריין.

דאָס זענען געווען „אזכרה״ מאַכערס, וואָס האבן אַ גאַנץ יאָר געוואַרט אויפן אלול. דער אַלטיטשקער האט געשטעלט דעם שטעקן אויף א פריער און די זקנה מיט דראַבנע טריטעלעך האט נאָכגע-קרעכצט, געהאַלטן אין איין איבערפרעגן:

— ווער גראבט, זאגט איר?

דער אַלטיטשקער איז צוגעקומען, נאָך אים די זקנה, געזען, אז יידן זענען זיך מתעסק, זענען זייערע פינסטערע פנימער חשובדיקער געוואָרן. דער אלטיטשקער האט א פרעג געטון ביי א חסיד:

— ווען איז דער רבי נפטר געוואָרן?

— ביינאַכט.

— נאָך א יונגער מענטש געווע?

— אין די פופציקער.

— אַי, אַי, אַי — האט די זקנה א צי געטון ס׳טיכל איבערן קאפ, געעפנט אן איינגעפאלן מויל און זיך צעקרעכצט — דריי איך זיך ארום מער טויט ווי לעבעדיק, און דער מלאך־המות קומט נישט... און דא, א הייליקער צדיק — האט זי פארבראכן די הענט.

— ער וועט קומען, ער וועט קומען, שרה — האט דער אל־טיטשקער א קלאפ געטון מיטן שטעקן אין א גלובע ערד און זי צע־שאטן — אויסבאהאלטן זיך פארן טויט קאן קיינער נישט!

— מסתמא באשערט זיך צו מאטערן, שמחהשי — האט די אלטיטשקע זיך א בויג געטון, אריינגעקוקט אין קבר אריין און אן איבערגעשראקענע זיך א רוק געטון אויף צוריק.

די חסידים האבן מיט חשד געקוקט אויפן פארל, ארומגע־רינגלט דעם קבר, די פרישע אויסגעגראבענע ערד, וואס איז געלעגן ווי א פריזמע, זיך געגילדט אין דעם ליכטיקן פרימארגן.

ווו ס׳אויג איז געפאלן אויף דער „קרקע״ פון די „שומרי־שבת״, האבן זיך געוויסט מצבות, זיך געטיקט אין דעם געדיכטן גראז. יעדער פון די יידן האט דא געהאט זיינע נאנטע, זיינע אייגענע און באקאנ־טע. א שטומער פארדרוס, וואס ס׳איז מער קיין פלאץ נישטא, וואס מען וועט דארפן ליגן ערגעץ אויף א נייעם בית־עולם, האט זיך גע־בלעזלט ביי יעדן איינעם, עס נישט געבראכט פארן מויל. די בליקן זענען געפאלן אויף א שמאלער פאסמע ערד, וואס איז געלעגן אין שכנות מיטן פרישן קבר.

— משה, גיב אַ האַנט! — האָט דער גרויער הסיד אַרויס־געשריען פונם גרוב.

אַ יונגערמאַן האָט זיך אַ שטעל געטון מיט צעשפּרייטע פיס. דערלאַנגט דעם אַלטן אַ האַנט. דער גרויער איז פלינק אַרויס פון גרוב, אָפּגעטרייסלט זאַמד פון דער באָרד, פונם קאַפּ, פון די מלבושים. ער איז אַרומגעלאָפן עטלעכע מאָל דעם קבר און זיך אַ קער געטון צום עולם:

— ביים רבינס אָפענעם קבר, בעט איך ביי א״ך... כ׳בין עס אפשר נישט ווערט, אוודאי נישט ווערט... זאָגט מיר צו, טאָקע איצט, ווי מיר שטייען דאָ, אַז נאָכן טויט וועט איר מיך מקבר זיין לעבן רבין...

— ס׳איז דאָך קיין פּלאַץ מער נישטאָ — האָט עמעצער געלאָזט פאַלן.

דער גרויער חסיד האָט זיך אַ צי געטאָן, ווי גרויס ער איז געווען איבערן שמאָלן פאַס ערד, מיטן פּנים אַרויף, געוואָלט, עפּנים, דערמיט קריגן חזקה איבער דער קרקע:

— פאַר מיר איז גענוג!

דער עולם איז געשטאַנען אַ געררירטער. איינער האָט געקוקט דעם צווייטן אין די אויגן, געוואָלט עפּעס הערן און אַז קיינער האָט זיך נישט אָנגערופן, האָט לייזערל זיך אַרויסגערוקט מיט פאַרמאַכטע אויגן, ווי ער וואָלט זיך געקליבן זאָגן אַ ברכה:

— כ׳זע נישט פאַרוואָס די „קרקע״ קומט בונם׳ען? און נישט נאָר איך, יעדער איינער פון אונז, וואָלט געוואָלט האָבן די זכיה צו ליגן לעבן רבין!

— אַלע קאָנען דאָך אָבער נישט ליגן — האָט זיך דער אַלטיטשקער דורכגעשטופּט מיטן שטעקן און מיטגעטלעפּט די זקנה.

קיינער האָט זיך צו אים נישט צוגעהערט. מען האָט גערעדט צו צוויי, צו דריי מענטשן מיט אַמאָל. דאָס שטאַרקע לייזערל האָט אַלעמען איבערגעשריען, איינגעשטילט דעם עולם און געמאַכט אַ פאָרשלאַג:

— מיר וועלן מאַכן אַ ליציטאַציע, פאַרקויפן דאָס שטיקל קרקע, ווי מען שטייגט אויס אַן „עליה״.

— לייזערל איז גערעכט!

— און דאָס געלט, יידן — האָט לייזערל געריסן דעם האַלז און געוויזן אויפן אָפענעם קבר — וועט גיין אויף אַן „אוהל״, האָט מיר וועלן דאָ אויפשטעלן!

— גאָר נישט קרום!

— לייזערל האָט אַ גראָדן שכל!

— אויב אַזוי, גיב איך פופציק טאָלער — האָט דער גרויער בונם, אַן אויסגעשמירטער אָנגעהויבן די ליציטאַציע.

— פינף און זיבעציק!

— צוויי הונדערט!

— צוויי הונדערט און פופציק.

— גאַנצע דריי הונדערט!

— ווער גיט מער?

מען האָט געוואַרט אַ ווייל און אַז קיינער האָט זיך נישט אָנ־גערופן, האָט לייזערל זיך אויסגעדרייט צום הויכן, שמאָלן שלמהן, וואָס האָט געאָטעמט מיט אַן אָפן מויל:

— האָסט געקויפט בחצי־חנם!

— אַ שאָד וואָס ר׳ ישראלטשע איז דאָ נישט געווען!

— ער וואָלט אַריינגעטריבן אין די גרויסע געלדער!

— שלמה, און אַז ר׳ ישראלטשע וועט דיר געבן אָפּטרעט געלט?

— געזנוג אַז איך האַנדל מיט „טריימינגס״ — (צוזאַטן פאַר שניי־דערס) האָט שלמה זיך אויסגעגלייכט, געזוכט מיט די אויגן בונם׳ען, וואָס האָט פון פּאַרדרוס זיך געלאָזט צו די אויטאָמאָבילן.

דער עולם האָט זיך געשאַרט צום טויער, נישט באַמערקט, ווי שטיקער ליכט פלאָנטערן זיך צווישן זייערע ליימיקע שיך. ביים קבר זענען געבליבן די „אזכרה״ זאָגערס.

— שיינע יידן, שמחהשי — האָט די אַלטיטשקע איינגערוימט דעם זקן, וואָס איז געשטאַנען, ווי אַ קוליע — ס׳איז אַ כּח אַרויסצו־נעמען דריי הונדערט טאָלער, זיך וועלן אויסקויפן ביים טויט...

— ביים טויט קויפט זיך קיינער נישט אויס, שרהשי — האָט דער זקן אַ שלעפּ געטון די אַלטיטשקע, זיך געוואַקלט מיט איר צווישן די קברים — ער וועט קומען, דער טויט וועט קומען.

# ליבע

אין דער קינדער-קאָלאָניע, וואָס האָט זיך געשפּרייט באַרג־אַרויף, האָבן די לערער צוגעהאָלפן ס׳זאָל פרי נאַכט ווערן.

באַלד נאָכן אָוונט־ברויט זענען די שמאָלע ווענעלעך, וואָס האָבן געפירט פון עס־צימער, פול געוואָרן מיט קינדער. די באָנגעלאָס ווייסע, ווי געקאַלעכטע בינשטאָקן, האָבן זיך געטרייסלט פון קינדערשע טריט, פונם יונגן געלעכטער. עס האָבן אויפגעטיקט עלעקטרישע לעמפּלעך, געטריבן ס׳פינסטערניש. אַ געזאַנג האָט זיך געריסן פון אַלע זייטן, זיך געשפּרייט מיט אַ רחבות.

דאָס האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. איינציקווייז האָבן די לעמפּלעך זיך גענומען לעשן, צונויפגערוקט די שטיבעלעך, געדיכטער געמאַכט די בוימער. דאָ און דאָרט האָבן קינדער אין ווייסע נאַכט־העמדער אויפגעטרייסלט די שטילקייט מיט אַ לידל, מיט אַן אויסגעשריי און אַרום און אַרום איז נאָך שטילער געוואָרן. די נאַכט אַ באַלייבטע, אַ טראָגענדיקע איז צוגעפאַלן.

די לערער, יונגעלייט און מיידלעך, האָבן זיך געקליבן אויף די טרעפּלעך, געוואַרט ס׳קליינוואַרג זאָל איינשלאָפן. דורך דעם גאַנצן באַרג אַרויף האָבן זיך געהערט אויסגעשרייען:

— שטילער, קינדער!

— שטילער!

— שלאָפט!

א פאַרשטיקט געלעכטער, ווי עס וואָלט געקומען פון אונטער קישנס און קאָלדרעס, איז געשטאַנען אין די אָפענע טירן, אין די פענסטער.

פון שפּיטאָל איז ארויס די נוירס, א הויכע, די פונאַנדערגעלאָזטע

האָר ביז צו די אַקסלען, פריש געוואשן און ארומגענומען מיט א האנטוך, ווי מיט אַ טורבאַן. דאָס שטייפע, געקראָכמאַלעטע פּארטוך האָט אָנגעזאָגט, אַז זי קומט. זי האָט געשפּרייזט מיט אַ פּאַריסענעם קאָפּ, אונטערגעבראָמט א לידל און אַ פּאַרליבטע אין זיך אָפּגעשטעלט אַ לערער, וואָס האָט זיך געקליבן פון זיין טרעפּל:

— אסתּר האָט ווינט-פּאָקן.

— ס׳איז דען געפערלעך?

— נישט געפערלעך. מען טאָר אָבער קיין קינדער נישט צולאָזן. ס׳איז אָנשטעקנד און דער משוגענער הערי, ער איז דאָך ביי אייך?

— ביי מיר.

— כ׳האָב זיך היינט פון אים נישט געקאָנט אָפּיאָגן, ער האָט דווקא געוואָלט אַ קוק טון אויף אסתּרן...

— דאָס הייסט ליבע, — האָט דער לערער ארומגענומען די נוירס.

— כ׳וואָלט אזא צוועלף יעריקן בחור׳ל אָפּגעשמיסן! — האָט די נוירס א וואָרף געטון מיטן קאָפּ און זיך צעלאַכט.

ביסלעכווייז האָט דאָס אויך אויפגעהערט און וואָס טיפער די שטילקייט איז געוואָרן, אלץ שטאַרקער האָט זיך געהערט דאָס איינ־טאָניקע סיקן פון פּאַרליבטע גרילן.

דער צוועלף־יעריקער הערי, וואָס איז געלעגן מיטן קאָפּ אונטער דער קאָלדרע, זיך איינגעהערט, ווי די נוירס רעדט מיטן לערער, האָט זיך לייכט אָפּגעדעקט. פון די שכנישע בעטלעך האָט זיך גע־הערט, ווי זיינע חברים שלאָפן. ער האָט זיך צוריק איינגענורעט אפירגענומען פון אונטערן קישן זיין שיין־וואַרפער, אים אנגעשטעלט אויף דער קני פון זיין רעכטן פוס, ווי אַ האַרץ איז געווען אויסגע־מאָלט מיט פאַרב. אין מיטן האַרץ איז געווען געכתיבהט מיט רויטע אותיות — אסתּר.

איצט איז הערין גוט געווען, זייער גוט. קיינער האָט אים נישט נאָכגעקוקט, נישט דערגאַנגען די יאָרן. ער האָט אריינגעשטעלט דעם שיין-וואַרפער אונטער דער קני. די רויטע בוכשטאַבן זענען געוואָרן

דורכזיכטיק, אויפגעלויכטן פון אייגענעם בלוט, וואָס האָט געוואַרעמט די אויגן, ס׳פּנים, פאַרזיכערט אַז אסתרן וועט גאָרנישט זיין.

פון ערשטן בליק איז אים אסתר געפעלן געוואָרן. אַ הויכע, די האָר רויטלעכע, געדיכטע, פאַלן איבער די גלייכע, בויגיקע פּלייצעס. אויגן ברוינע, ט׳פע, לאַכן מיט פייערלעך. דאָס קיילעכדיקע פּנים הונגעריק ווען עס איז אַפילו זאַט, די נאָז־פליגל ציטערן, האָבן עפּעס פון אַ יונג טיגערל.

די יינגלעך האָבן געשניטן מיט זייערע סקאַוט־מעסערס צווייגן, געמאַכט פייפעלעך. די מיידלעך האָבן זיך געפּליוסקעט אין טייך. הערי האָט אויסגעשניצט אַ פייפל מיט לעכלעך, און אמתע פּלייט, אסתר איז אַרויס פון וואַסער, אויסגעזעצן שענער אויף דער זון. הערי האָט איר אונטערגעטראָגן ס׳פייפל, זי ס׳ערשטע מאָל אָנגערופן ביים נאָמען:

— נאַ, אסתר!

— מיר? — האָט דאָס פּנים אויפגעלויכטן, ווי זי וואָלט זיך איבערגענומען פאַר די איבעריקע מיידלעך.

— אויב דו ווילסט וועל איך דיר מאַכן נאָך אַזאַ פייפל און אַ בעסערס! — האָט הערי פאַרגעסן, אַז אַרום שטייען יינגלעך מיט מיידלעך, קוקן זיך איבער און לאַכן.

און אַז עס איז אין אַ זונטיק דאָס ערשטע מאָל אויסגעקומען אסתרן צו זיין דזשורנע פון איר באָנגעלאָ, געדאַרפט אויפשטיין אַ שעה פריער פאַר אַלעמען, אָפּרייניקן די שיך פון די חברטעס. ווען ס׳זאָל זיין וואַסער זיך צ׳וואַשן, איז זי פאַרשלאָפן. ס׳איז אָנגעלאָפן דער פאַרוואַלטער, געזען אַ:תר שלאָפט, האָט ער זי גענומען וועקן:

— מען גייט שוין קלינגען אויפצושטיין, און דו שלאָפסט? אַ שיינע דזשורנע! מען קאָן זיך אויף דיר פאַרלאָזן, אסתר!

זי האָט זיך אַריס געטון, נישט געוווסט צו וואָס זיך פריער צו כאַפּן און אַ באַרוועסע אַרויס אין דרויסן. אסתר האָט נישט געגלויבט אירע אייגן. צען פאָר שיך אָפּגעפּוצטע זענען געשטאַנען אין אַ שורה. זי האָט אַ רוף געטון דעם פאַרוואַלטער, וואָס האָט זיך געפאָרעט ביי אַ צווייטער באָנגעלאָ:

— מ׳סטער קראָס, אַבי איר האָט געשריגן

דער פּאַרוואַלטער האָט געקוקט אויף די פינקלענדיקע שיך, אויף דער פאַרשלאָפענער אסתּר:

— ביסטו דאָך טאַקע אַ בריה!

— כ'האָב אָפּגעטון מיין אַרבעט און זיך אַ ביסל צוגעשפּאַרט.

אסתּר איז געווען גליקלעך, וואָס דער פּאַרוואַלטער איז געבליבן מיט אַ נאָז, שוין געוואָלט אריינגיין אין דער באָנגעלאָ, ווי זי האָט דערזען הערין צווישן די בושעס. מיט איין שפּרונג, ווי אַ ציג, איז זי ג שטאַנען לעבן אים, מיט די אויגן געפּרעגט:

— דו האָסט אָפּגעפּוצט?

און איידער ער האָט געענטפערט, האָט זי אים ארומגעכאַפּט, אַ קוש געטון און נישט געוואָרן אין דער באָנגעלאָ.

ער איז געשטאַנען מיט צעגומענע הענט, נישט געגלויבט צו עס האָט מיט אים פּאַסירט און אויף זיין באַק, ביים אויג, איז געבליבן פונם קוש אַ קילקייט, ווי פון מיענטע צוקערלעך.

אַזוי האָט זיך דער צוועלף יעריקער הערי פאַרליבט אין דער עלף יעריקער אסתּר.

צי אין פעלד, צי ביים וואַסער, צי אין טאַנץ-זאַל, וווּ די קינדער האָבן זיך פאַרזאַמלט, האָט הערי זיך געדרייט ארום אסתּרן, שטענדיק געמאַכט פּלאַץ פאַר איר, געזען, זי זאָל שטיין אויבן אָן.

די מיידלעך האָבן אָנגעהויבן צו דערגיין אסתּרן די יאָרן. פּרייטיק, ווען זיי האָבן געוואַשן די פּאָדלאָגע, געליפּטיקט ס'בעטגעוואַנט האָט אַ מיידל זיך אָנגערופן צו אסתּרן:

— איך אויף דיין אָרט, וואָלט גאָרנישט געטון!

— פאַרוואָס? — האָט זיך אסתּר געמאַכט תמעוואַטע.

— כ'וואָלט גערופן הערין.

— הערי איז נישט מיין משרת.

— האַ, האַ, האַ! וועמעס דען איז ער, מיינער?

— מיינער אויך נישט, — האָט זיך אַ צווייטע אָנגערופן.

— מיר קיין פייפעלעך מאַכט ער נישט — איז אריין אַ דריטע אין דער מיט.

— אסתּר, און די שיך ווער פּוצט, ווען דו ביסט דערזשורנע?

אסתּר האָט זיך איבערגענומען און אין דערזעלבער צייט זיך

געשעמט פאר די חברטעס, אָנגעהויבן אויסצומיידן הערין, אָפּגעלאכט פון אים אין די אויגן, געוויזן דערמיט, אַז זי האָט אים נישט ליב, אַז מען האָט אויף איר אויסגעטראכט אַ בלבול.

דער צוועלף־יעריקער הערי האט געליטן. פארטאָג, ווען אַלע זענען נאך געשלאפן, איז ער שוין געשטאַנען ביי אסתּרס באַנגעלאָ, געכאפּט אַ קוק, ווי זי שלאפט און בגנבה זיך אוועקגעלאזט מיט אַ שיפל איבערן טייך. ער האָט איר געשריבן לאנגע בריוו, נישט געקריגן קיין ענטפער. און אַז ער איז נישט אפגעטאנען, האט זי אָפּגעשיקט די בריוו מיט אַ חברטע נישט געעפנטערהייט — לאָזן אלע וויסן, ווי אסתּר באַגייט זיך מיט העריס בריוו.

אַזוי זענען פארביי פיר וואָכן. אויף דער פינפטער איז אסתּר קראַנק געוואָרן, אַוועק אין שפּיטאל.

איצט ליגנדיק אונטער דער קאלדרע, האט הערי אפּגעמאכט ביי זיך, אַז מאָרגן פרי מוז ער אויך אריין אין שפּיטאל. ער האט אַ גאַנצן טאג נישט געגעסן, באַשלאָסן אַ הונגעריקער אוועקצוגיין אין וואלד אַריין און אין דער פרי וועט מען אים געפינען אַ נאַקעטן, אַ פאַר־חלשטן, לאָז זי וויסן, אסתּר, אַז איבער איר איז ער קראַנק געוואָרן. דאָס בעטל קעגנאיבער אסתּרן איז ליידיק, וועט ער עס פאַרנעמען, וועט קענען אַ גאַנצן טאָג קוקן אויף איר.

ער האָט זיך שטיל געטומען שאַרן, אַרויס אויף אַלע פיר. ער איז געקראָכן הינטער די בושעס, ביים קלענסטן שאָרך געבליבן ליגן, ווייטער געקראָכן און זיך אויסגעזוכט אַ פּלאַץ איבערן שפּיטאָל, ווו די בעטלעך, די נוירס, אַלץ האָט זיך געזען.

דער הונגער האָט געבוירעט די קישקעס, טיפער געמאַכט די ליידיקייט. די נאָז ביי הערין איז געוואָרן לענגער, ער האָט גענאָגט אַ פינגער און אין דעם האַלב־דרימלדיקן מוח האָט זיך געוויגט אַ שמייכל, דערציילט, אַז ער ליגט אין דעם ליידיקן בעטל קעגנאיבער אסתּרן.

די נאַכט האָט גערוישט, איינגעוויגט הערין.

1926